STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 17702

# DI SHKLAVERAY

## Isaac Meir Dick

**THE MAX PALEVSKY YIDDISH LITERATURE COLLECTION**

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-17702-4

D:\YIDDISH\TITLES\9780657177027T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

# די שקלאווערייא

## אדער

## די לייבאייגענשאפט (פאראנסטווא)

דאס איזט איינע וואהרע שרעקליכע אונ וואונדערליכע
געשיכטע וואס האט פאסירט אין אמעריקא פאר
עטליכע אונ צוואנציג יאר צוריק מיט איינעם געוויסען
נעגער (מורין) „אנקעלטאם" וואס וואר אשקלאווע ביי
איינעם געוויסען אידישען פפלאנצער גוטם בעזיצער
„אברהם שעלבי" · דיזע געשיכטע איזט פערפאסט
אין איינגילס אונ איבער זעצט אין אלע שפראכען ·
יעצט האבין מיר איר אין אידעם דייטש איבער זעצט
מיט איין שיינע הקדמה.

ווילנא

בדפוס ר' יוסף ראובן בר' מנחם מן ראם

שנת תרכ"ח לפ"ק

---

ДИ СКЛАВЕРЕИ,
Или разсказъ изъ быта американскихъ рабовъ.
ЧАСТЬ I.

ВИЛЬНА. Въ типографіи Р. М. Ромма. 1868 г.
На жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ
домахъ подъ №№ 327 и 328.

Дозволено Ценсурою 20 Іюня 1868 года. Вильна.

# פארבעריכט (הקדמה)

שוין פון אונדיינקליכע צייטען איז איין גיפירט גיווארין דער שקלאווענשטאנד (פאראנסטווא) אונטער אלע פעלקער · אונ אונטער אלע לענדער · דאס זעלבסט אין אונזער תורה וואש איז דער עלטערסטער ספר אין דער וועלט · איז שוין צו גיפינען גינוגע שפורען (סליעדן) פון דיזעם שענדליכען מענשין האנדעל למשל וויא מכירת יוסף · מען שרייבט דאס דאש וואקסט נור ארויש פון איינעם פלוך וואש נח האט גיפלוכט דעם חם · וואש ער האט אים גישאלטין מיט דיזע ווערטער (עבד עבדים יהיה לאחיו) נון ווייזט עס אויש נאך איהרע היילינע ערציהלונג דאס דיא שקלאווערייא האט זיך אן געהייבין נור פון דיא נעגער (מורינעם) וואש קומען ארויש פון חם אונ וואש ווערין אן גירופען ביי אונז כושים · אונ דער נאך ערסט האט זיך מיט דער צייט דיזער איבעל (בייזעם) אויס גיברייטעט איבער דיא ווייסע מענשען אויך וואש קומען ארוים פון שם אונ יפת :

אונ דאהער איז דיא שקלאווערייא בכלל · הן פון ווייסע מענשין אונ הן פון שווארצע מענשין אן צו זעהן נור פאר איין היסטארישעם רעכט (דאש הייסט אזו ארעכט וואש האט זיין יסוד נור אין דיא אלטע געשיכטען אונ אין דיא אלטע דאטען · אונ בפרט נאך וויא עס שיינט פון אונזער תורה דאס ער קומט ארוים נור פון איין פלוך) אבער ניט פאר איין פערנונפט רעכט · (דאש הייסט פאר אזו ארעכט וואש איז געגרינדעט אויף דיא וואהרע בעווייזע פון דעם מענשענס פאר שטאנד וואש קען זיך קיין מאל ניט אומענדערין וויא דער רעכענונג פון צוויא מאל צוויא איז פיר) דען דער וואהרער שכל פון מענשען זאגט גראדע דעם הפך דער פון · ער זאגט דאש

מיר

מיר אלע מענשען בכלל פון וועלכע נאציאן מיר אויך זיינען אונ מיט וועלכער פארבע מיר אויך געבאהרין זינד זיינען מיר גור אלע גלייכע ברידער וויא קינדער פון איינעם פאטער · אונד אזו ווילען האבין אויך אונזערע ספרי קודש. אזו דריקט זיך אוים איוב אין זיינעם ספר (אם אמאס משפט עבדי ואמתי ברבם עמדי : ומה אעשה כי יקום אל וכי יפקוד מה אשיבנו : הלא בבטן עשני עשהו ויכוננו ברחם אחד) דאש הייסט אזו האב איך דען פאר אכטעט דאש רעכט פון מיין דינער אונ פון מיינער דינערין אין זייער ריכטען זיך מיט מיר · דען איך האב בייא מיר גידיינקט וואש וועל איך טאן ווען גאט וועט זיך פאר זייא אן נעמען · דען דער זעלביגער וואש האט מיך געשאפן האט אים געשאפן · איין מייסטר האט אונז אוים געבילדעט אין איין מוטער לייב °) נון האבין מיר קיין רעכט אזו איינער דעם אנדערין צו פר קויפין אונ אזו זיך זעלבסט · פונקט וויא דיא בני יעקב האבין קיין רעכט גיהאט צו פאר קויפין זייער ברודער יוסף · ווייל יעדער מענטש איז איין חלק אלה ממעל וויא דער פסוק זאגט (בצלם אלהים עשה את האדם) גאט האט דעם מענשין מיט זיין אייגענעם פארעם גימאכט · אונ מעהר וויא איין פאר מענשען האט גאט ניט בשאפין · אונ פון אים זיינען ארויש גיקומען שוין אלער

האנד

°) פון דיזע מענשען פריינדליכע רייד זיינע · איז דייטליך הערוים צוא זעהען דאש דיזער געטליכער מאן האט נור קנעכטע אדער בעדינטע גיהאט ארום זיך וואש האבין אים נור פאר לוין געלט גערינט אבער קיינע שקלאווען · אונ דאם ווארט עבדי הייסט נור בייא אים אלוין קנעכט אונ ווייטער ניט · איין קרעפטיגער בעווייז דער צוא איז דאש דער פסוק דער ציילט ניט דעם צאל פון זיינע קנעכט וויא ער דער ציילט דעם צאל פון זיינע אקסען · קעמלען · שעפשין · אונ אזו רופט ער זיינע בעדינטע אויך נור מיט דעם לשון נערים (קנאבען) אזו וויא ער רופט זיינע אייגענע קינדער אויך נור נערים (ויפול על הנערים וימותו) :

האנד פארביגע מענשען · ווייסע · שווארצע ברוינע אונ רויטע °) :

אונ דאהער געפינען מיר דאס אונזער תורה האט אין אונזער נאציאן פאר באטין זייער שטריינג (שטרענגע) דעם שקלאווענשטאנד · קיין יודע האט ניט גיטארט פאר קויפט ווערען פאר איין לייב איינגענעם · קוים נור אויף זיבען יאר · אונ דאש אויך האט ער גימוזט בעהאנדעלט ווערין זייער הומאנים (מענשליך) מען האט ניט גיטארט

---

°) עש איז אגרויסער שטרייט צוא ווישין דיא פיזיקער (חוקרי הטבע) איבער דיא סבה פון דעם מורינם שווארצקייט · אטייל זאגין דאש זייא זיינען גבארין גיווארין פון אייגעם אנדרין מין מענשין · אטייל זאגין דאש זייא זיינען גיווארין שווארץ נור דורך דיא זון וואש ברענט דארט זייער שטארק אין אפריקא וואו זייא וואונען דארט : אונ ביידע דעות זיינען ניט ריכטיג · דיא ערסטע דעה איז פאלש ווייל דיא תורה דער ציילט נור פון איין פאר מענשען · דיא אנדערע דעה איז אויך ניט ריכטיג · מיר זעהען דאך דאס אונזערע יודין וואונען דארט אין אפריקא אזו אצייט אונ זיינען דאך וויים · דאהער איז אם גלייכסטען צוא האלטין מיט דער דעה פון אונזערע חכמים וואש זאגין דאס ווייל דער כנען איז גיבאהרען גיווארין אין דער תיבה איז ער ארוים גיקומען פון דער מוטער לייב שווארץ · אונ דאש איז ווייל אין דער צייט פון דעם מבול ווער איינע גרויסע צערשטערונג אין דער נאטור · עס וואר דאן איין זיקער טומאן קיין זונען שיין · אונ וויא אונזערע חכמים זאגין ווארין דאן געהעמט (אבגעהאלטען) אלע פלאנעטען (מזלות) אין זייער מהלך · נון האט עם געווירקט זייער פיל אויף דעם כנען דאס ער איז ניט ארויש גיקומען וויים · דען זעהעט. מען בחוש דאש דיא זון שיין ווירקט זייער פיל · אויף צמחים · אונ בעלי היים · אויך דיא מורינען ווערין גיבאהרין וויים · ווערין אבער אין עטליכע טעג ארום שווארץ · אנדערע מורינען האבין ווייסע הענט · ווייסע פלעקין אין געזיכט · דער פון איז צו לעזען אין מדרש תנחומא :

גיטארט קיינע שווערע ארבעט מיט איהם טאן · אונ אויך קיינע שענדליכע ארבעט (לא תרדה בו בפרך) נון ווילן האבין אונזערע חכמים דאס איין עבד עברי האט ניט גידארפט נאך טראגין זיינעם הערין אשעפיל אין באד · אויך ביי זיינעם אויש דינגען זיך האט איהם גימוזט זיין הער באשיינקען מיט ברכות הבית (הענק תעניק לו) דאש הייסט וואלשט איהם באשיינען אונ באקריינען מיט אלעם גוטין פון וואש עס געפינט זיך ביי דיר אין שייער · דאש אינזערע חכמים זאגין שוין אליין דארויף (כל הקונה עבד עברי כאלו קונה אדון לעצמו) אויך איין עבד כנעני ווערט אין אונזער תורה זייער געשוינט · וועו דער הער זיינער האט איהם אויס גישלאגין איין אויג אדער איין צאן ווערט ער באלד בעפרייט · איז ער גישטארבין אונטער די שלעק פון זיינעם הערין דא ווערט דער הער פאר געטייטעט · גלייך וויא ער וואלט ערשלאגען איינעם פרייען יודען · די תורה האט אונז ערלויבט מיט איהם צו דינגען אייביג אונ יאר נור אויס דעם גרונד (סבה) דאש אנדערע פעלקער האבין זיך עם ערלויבט צוא טאן דאס זעלבינע אויך מיט איין עבד עברי · אזו וויא זיא האט אונז ערלויבט צו נעמען פראצענט ביי דעם ניכט יודען ווייל דער ניכט יודע ערלויבט זיך צו נעמען פראצענט ביי דעם יודען :

ניט אזו אבער איז אין יענער צייט צו גיגאנגען מיט די שקלאווען ביי אנדערע פעלקער וואש ווארין שוין דאן הויך געבילדעט · זייא האבין די שקלאווען פון זייערע אייגענע ברידער פיל שלימער בעהאנדעלט אלס זייערע הינט · אזו פלעגין די שפארטאנער מאכין איאכט אויף די העלאטען וואש ווארין ביידע פון דער גריכעשע נאציאן אלס זייא האבין זייא אונטער דריקט אונ גימאכט פאר שקלאווען · זייערע קינדער האבין זיך גילערינט צילען אויף זייא מיט זייערע בויגענס · זעלבסט פלאטא דער גרעסטער פון די חכמי יון האט גישריבין אין זיינע געזעצע דאש קיין שקלאווע האט דאש רעכט צו פאר ענטפערין זיך · ביי די רומים וואר די זיטע צוא האלטין ביי דער טיר איין נאקעטען שקלאווע צוא

געשמיטערהייט

געשמידטערהייט · אויך וואר ביי זייא דיא געזעצע דאש מען זאל אוים טייטין אלע שקלאווען ביז איינעם וואש געפינען זיך אין אזו אהויז וואש עס איז דארט ערמארדעט גיווארין דער הער · אונ דורך דיזעם געזעץ האט מען אמאל מעהר אלס פיר הונדערט שקלאווען אום גיבראכט אויף דעם ריכט פלאץ דורך דיא הייענקער (תליינים) ווייל מען האט גיפונען זייערע הערין דער שלאגין · אויך וואר ביי זייא אגעזעץ דאש מען זאל דיא אלטע שקלאווען וואש קענען שוין מער ניט ארבעטין אוועק זעצען אויף איינע ווישטע אינזעל וואש וואר אויף דעם שטראם טיבער אונ מען זאל זייא לאזין דארט פאר הונגערין · אזו האט זיך בענאנגען דער גרויסער רעמעשער פעלד מארשאל קאטא מיט אלע זיינע אלטען שקלאווען · אונ האט דער נאך מיט זייער פלייש זיינע הינט געפיטערט · אויך וואר דארט אגעזעץ ווען מען האט איינעם דער האפט דאש ער האט דער שאסען אהאז אין אפרעמדין רעוויר (וואלד) האט ער גיהאט דאס רעכט צו פאר ענטפערין זיך · דאש ער האט זיך גאר געצילט אויף איין אלטען שקלאווען · נון זעה מיינע טייערע לעזערין וויא הומאנעם (מענשען פריינדליך) איז דיא גיזעצע פון אונזער תורה אין דיזעם ענין אנטקעגען דיזע אלע טיראנעשע געזעצע · אונ פשיטא שוין אין אנדערע ענינים · אונ אזו מיט רעכט האט משה זיך דער מיט בעריהמט אונ גיזאגט (ומי גוי גדול אשר לו חקים ומשפטים צדיקים ככל התורה הזאת אשר אנכי נותן לפניכם היום) דאש הייסט אונ וואו איז דא זעלבסט אגרויסע געבילדעטע נאציאן אין דער וועלט וואש זאל האבין אזעלכע גערעכטע געזעצע אונ גראדע געריכטע וויא עס געפינען זיך אין דיזער תורה וואש איך גיב דאך איצונד · בעמערקע עס · אונ פרייע דיך · דאש דוא געהערסט צו אזו איין איידעלעם געשלעכט וואש איז פאר טרויט מיט דער הומאנעטעט (מענשען פריינדליכקייט) פון אייביג אן :

עס איז אבער איין אומרעכט פון מיר מיינע טייערע לעזערין וואש איך דער צייל דיר פון דעם טיראנישען שקלאווען שטאנד

וָואשׁ וָואר אִין דִיא אַלְטֶע צַייטֶין · בַּייא דִיא אַלְטֶע פֶעלְקֶער וָואשׁ
עֶשׁ אִיז פוּן זַייא קֵיין זֵכֶר דָא · וָואשׁ דָאשׁ קֶען אוּים וַוייזֶען בַּייא
דִיר וִויא אֵיין פַאבֶּעל (ווִידוּמְקֶע) נוּר · וָועהְרֶענְד (בְּשַׁעַת) אִיךְ הָאבּ
דִיר צוּא דֶער צֵיילִין גֶענוּג פוּן דֶעם שְׁקְלַאוֶוען שְׁטַאנְד וָואשׁ וַואר אִין
אֵיינְגְלַאנְד · אִין פְרַאנְקְרַייךְ · אוּנ זֶעלְבְּסְט אִין פּוֹילֶען · אוּנְטֶער
אַזֶעלְכֶע פֶעלְקֶער וָואשׁ לֶעבֶּען נָאךְ אִיצוּנְד אִין אוּנְזֶער גֶעבִּילְדֶעטֶע
אֵירָאפַּא · אוּנ אַזוֹ דָא נָאר נִיט לַאנְג · וַואר עֶס גַאנְץ גִיוואוֹנְלִיךְ אוּים
צוּא בַּייטִין בּוֹיעֶרֶען אוֹיף פֶערְד · אוֹיף הִינְט · צוּא שְׁמַייסֶען אָן
אַרֶעכֶענוּנְג אוּנ אַרְבֶּעטִין מִיט דִיא בּוֹיעֶרִין נָאר אָן אַשִׁיעוּר · דָאס
מוּזְט דוּא שׁוֹין מַיינֶע טַייעֶרֶע לֶעזֶערִין נָאךְ זֶעלְבְּסְט גֶעדֵיינְקֶען ·
נוּן גָאט זַייא דַאנְק הָאט עֶס אִיצוּנְד שׁוֹין אוֹיף גִיהֶערְט אִין אֵירָאפַּא ·
אִין פְרַאנְקְרַייךְ אֵיינְגְלַאנְד אוּנ טַייץ לַאנְד הָאט עֶס אוֹיף גִיהֶערְט
בַּאלְד שׁוֹין אַיאר הוּנְדֶערְט · נוּר אִין אוּנְזֶערֶע לֶענְדֶער אִיז עֶס עֶרְשְׁט
נִיט לַאנְג אוּים גִיקַאסִירְט גִיוָוארִין · אַלֶכְּסַנְדֶער דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט
נוּר צַייט גִיהַאט צוּא בֶּעפְרַייעֶן דִיא קוּרְלֶענְדֶעשֶׁע בּוֹיעֶרִין · דֶער
זֶעלִיגֶר קֵייזֶער **נִיקָאלַייא דער ערסטער** הָאט בֶּעפְרַייט דִי בּוֹיעֶרִין
פוּן דִיא קְרוֹין גִיטֶער · אוּנ הָאט פַאר בֶּאטִין צוּ פַאר קוֹיפֶען אֵיינֶעם
פוּן אַפַּאמִילְיֶע אוּנ הָאט אֵיין גִיהַאלְטִין דֶעם אַדֶעל דָאשׁ זַייא זָאלִין
נִיט שַׁאלְטֶען אוּנ וַואלְטֶען אִיבֶּער דִיא בּוֹיעֶרִין וִויא זַייא ווִילִין · זַיין
זוּן אָבֶּער **אלכסנדר דער צווייטער** אוּנְזֶער גֶעלִיבְּטֶער קֵייזֶער
אוּנ אַלֵיין הֶערְשֶׁער וָואשׁ רֶעגִירְט יֶעצְט אִין אוּנְזֶער לַאנְד יָרוּם הוֹדוֹ
וְתִנַשֵּׂא מַלְכוּתוֹ · הָאט גִיטָאן אִין דִיזֶער זַאכֶע פִיל מֶעהְר אַלְס דִיא
פָארִיגֶע · דֶען עֶר הָאט בֶּעפְרַייט אַלֶע בּוֹיעֶרִין בְּדֶרֶךְ כְּלָל · אוּנ
הָאט אָפּ גֶעווִיסְט דִיזֶען שְׁמַאךְ פוּן זַיינֶע אוּנְטֶער טַאנֶען · עֶר וָואר
צְווַאר אִין דִיזֶער זַאךְ אִין אֵירָאפַּא דֶער גְרֶעסְטֶער · דֶען עֶר הָאט
מִיט זַיינֶעם אֵיידֶעלֶען ווִילִין בֶּעפְרַייט אוֹיף אֵיין מָאל מֶעהְר אַלְס פִינְף
אוּנ צְוַואנְצִיג מִילְיָאן לַייבְּאֵייגֶענֶע · וָואשׁ הָאבִּין גֶעשְׁמַאכְטֶעט פוּן
אוּנְדֵיינְקְלִיכֶען צַייטֶען אִין דֶעם טִיפְסְטֶען שְׁקְלַאוֶוען שְׁטַאנְד · נוּן
קֶענֶען מִיר אוֹיף אִים מִיט רֶעכְט זָאגִין דֶעם מַאֲמַר פוּן אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים
אין

(אין מצוה נקראת אלא על מי שגומרה) דאס יעדע גוטע זאכע ווערט נור אן גירופין אויף דעם נאמען פון יענעם וואש געענדעט איר · אבער ניט אויף דעם נאמען וואש הייבט איר אן · נאך האט נאך קיין מענטש לבד זיין מאיעסטעט זוכה גיוועזן צוא טאן אזו אדבר צדקה וואש וועט אים בלייבין צום אייביגין אן דיינקען לדור דורים · זיא וועט איבער לעבען אלע מארמארנע מאנומענטין · אלע פאמיאטניקעם · דען אלם ווערט מיט דער צייט שטויב · איינע וואולטאהט אבער אלטערט ניט · וואש איאר נור שפעטער ווערט זיא בערייכערט מיט שענערע ערציילונגען · אונ איר טעהטער (טוער) בלייבט איין היילינער :

אונ גראדע אין דער זעלביגער צייט אלס אונזער קייזער האט דיזע אונפערגעסליכע וואולטהאט אויס געפירט אין זיינע גרויסע לענדער אויף דעם פרידליכסטען אונ שטילסטען אופן · ווער דיא זעלביגע וואולטאהט אויך אין דיא פעראייניגטע שטאטען (לענדער) פון נארד אמעריקע גישעהען · אבער מיט וועלכען אונטער שייד · ערסטענס האט דיזע בעפרייאונג דארט בעריהרט נור פינף מיליאן שקלאווען · צווייטענס האט זייא נאך דיזע בעפרייאונג דארט נאך ניט גליקליך גימאכט · דען פאר דער האנד האבין זייא זיך ניט וואו אהין צו טאן אונ פון וואנען צו לעבין · דער גרעסטער טייל פון זייא פאר הונגערין אין דיא גאסין · ניט אזו אבער איז דער פאל מיט דיא בעפרייאונג פון אונזערע בויערין · דען אונזער גענעדיגער מאנארך האט זייא פערזארגט מיט שטיקר לאנד מיט וואונונגען אונ זיינען העכסט צוא פרידין אונ גליקליך מיט זייער שטאנד · דריטענס האט דיא אמעריקאנישע בעפרייאונג גימאכט צווייא מאל אזו פיל אום גליקליכע אלס וויא פיל זיא האט גימיינט צוא מאכין גליקליכע · דען דאס איז גישעהען דורך אמלחמה כבדה וואש וואר דאריבער צוא ווישין דיא נארדליכע שטאטען (לענדער) אונ צוא ווישין דיא זידליכע שטאטען · עש זיינען אום גיקומען פון ביידע צדדים פרייע מענשין אראפייער בערך פינף מיליאן · אונ

גיקאסט

גיקאסט האט דיזער קריג מעהר אלס טויזינד מיליאן טאלער · אונ לבד די שרפות אונ אנדערע הזיקות וואש וואָרין אין דיזעם קריג :

דיא שקלאווען וואש וואָרין דארט · וואָרין נור נעגער אָדער מורינעם · זייא פלעגין אהין גיבראכט ווערין פון דיא אפריקאנעשע לענדער · זייא זיינען איינע שטארקע קלאסע מענטשין · הויך גיוואקסין · מיט שווארצע קורצע גענרייזעלטע האר · גראבע ליפען · דער גרעסטער טייל פון זייא זיינען געצין דינער · אונ זיינען שוין פון אונדיינקליכע צייטין גיברויכט גיוואָרין אין גאנץ אזיען פאר שקלאווען · זייא ווערין דארט אין טומבוקט אונ נאך אין אנדערע שטעט פאר קויפט אויף דיא מערק שטאדעם וויים · זייא ווערין פאר קויפט פון זייערע פירשטען וויא אמאל דא דיא בויערין · אמאל אלס שטראפען פאר קליינע זינדע · אונ אמאל אלס קריגס גיפאנגענע (פלענע) · אונ אמאל פאר שולדין (חובות) :

דאך אבער זינד מען האט גיפונען אמעריקא · האט זיך דער שקלאווען האנדעל צעהען פאך פאר גרעסערט · דיא אורזאכע דער פון וואר נור דיא גרויזאמקייט (אכזריות) פון דיא שפאניער וואס וואָרין דיא ערסטע רעגירער איבער אמעריקא · אלס זייא זיינען אהין אן גיקומען האבין זייא דארט דער וויסט בערך צעהען מיליאן מענטשין דיא איינגעבארענע אמעריקאנער וואש וואָרין פון רויטער פארבע אונ זייער שוואך דער צוא נאך אויך זייער פויל · נון האבין זייא דיא שפאניער זייער לייכט איין גינומען אונ האבין זייא גימאכט אלעמען פאר שקלאווען · האבין זייא צו ווישין זיך צו טיילט · וויא שאף · אונ האבין אן גיהויבן צו ארבעטין מיט זייא אין דיא גאלד מינען אונ אין דיא זילבער מינען (דאש הייסט אין דיא ארודניקעם) וואש וואר דארט דאן לרוב · אונ נאך מער האבין זייא אן גיהויבין צו מאטערין זייא ביי דער פעריל פישעריא (פערעלפאנג) אונ דאש איז צוא גינאנגען מיט אזו אהארטין דרוק דאש אין אצייט פון פופצעהן יאר איז פון דיזע קלאסין מענטשין וואש וואָרין זייערע צעהן מיליאן גיבליבין גאר איין מעט מזער · דער גרעסטער טייל פון זייא

האבין

הָאבִּין זִיךְ אַלֵיין אִיבֶּער גֶעפִירְט פְלֶעגִין זִיךְ פַאמִילְיֶען וַויים אויף הַיינְגֶן ׳ דֶער טְרֵינְקֶען ׳ דֶער צוּא נָאךְ אִיז עֶס גִיקוּמֶען צוּא גְרוֹיסֶע בְּלוּט פַאר גִיסוּנְגֶען אִיבֶּער דִיא רֶעלִיגְיָאן זַאכִין ׳ קוּרְץ דֶער פוּן עֶס אִיז גִיוָוארִין אַמֶערִיקָא לֵיידִיג אוּנ ווִיסְט ׳ דֶען עֶשׂ זַיינֶן גֶעבְּלִיבִּין ווִיא צוּא זָאגִין הֶערִין אָן קְנֶעכְט ׳ אוּנ הָאבִּין זִיךְ אַזוֹ גִיפוּנֶען גִיצְווָאוּנְגֶען צוּ בְּרֵיינְגֶען שְׁקְלַאוֶוען פוּן אַפְרִיקָא ׳ אוּנ פוּן יֶענֶער צַייט אָן הָאבִּין זִיךְ דִיא מֶענְטְשִׁין מֶערְק דָארְט אִין אַפְרִיקָא אָן גִיהוֹיבִּין צוּ פֶערְגְרֶעסֶערִין פוּן טָאג צוּא טָאג ׳ דִיא דָארְטִיגֶע קְלֵיינֶע פִירְשְׁטֶען הָאבִּין אָן גִיהֵייבִּין צוּא פִירֶען צְווִישִׁין זִיךְ קְרִיג פִיל אָפְטֶער אַלְס פְרִיהֶער אוּם צוּא בַּאקוּמֶען אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערִין מֶער גִיפַאנְגֶענֶע אוּם צוּ פַאר קוֹיפִין זֵייא פַאר שְׁקְלַאוֶוען :

נוּן הָאבִּין זִיךְ שׁוֹין גֶעפוּנֶען זֵייעֶר פִיל שְׁקְלַאוֶוענְהֶענְדְלֶער ׳ עַל פִּי רוֹב אֵרָאפֶּיעֶשֶׁע לַייטֶע ׳ וָואס פְלֶעגִין אוּם צוּ רַייזֶען אִין דִיא אַפְרִיקַאנֶעשֶׁע לֶענְדֶער אוּם עֶס אַיין צוּא קוֹיפֶען בַּייא דִיא דָארְטִיגֶע פִירְשְׁטֶען ׳ אוּנְד פְלֶעגִין עֶס אַיין צוּ הַאנְדְלֶען פַאר אַיין שְׁפָּאטְגֶעלְד ׳ בְּעֶרֶךְ דְרַייסִיג טָאלֶער פַאר דֶעם בֶּעסְטִין שְׁקְלַאוֶוען ׳ אוּנְד אַמָאל נָאךְ פַאר אַפָּאר גֶעלְבֶּע שִׁיפְיַאנֶעשֶׁע שְׁטִיפֶעל אָדֶער פַאר אַבּוּטֶעלְקֶע אַרָעק ׳ אוּנ אַזוֹ פַאר נָאךְ קְלֵיינֶעקַייטִין ׳ בַּייא דִיא קְלֵיינֶע גוּטְס בֶּעזִיצֶער פְלֶעגִין זֵייא סַאהֶערִין מִיט זֵייא אויף פַאצֶערְקֶעס ׳ אויף שְׁפִּיגֶעלַאךְ ׳ מֶעסֶערְלַאךְ אוּנ דָאשׁ גְלַייכִין ׳ עֶס פְלֶעגְט דֶער פַאר פֶערְקוֹיפְט וֶוערֶען אַיין ווִירְט פוּן זַיין הוֹיז ׳ אַיין פָאטֶער פוּן זַיין פַאמִילְיֶע ׳ אַמוּטֶער פוּן קִינְדֶער ׳ קִינְדֶער פוּן עֶלְטֶערִין ׳ מֶען הָאט נִיט גֶעקוּקְט אויף טְרֶערִין ׳ מֶען הָאט נִיט גֶעהֶערְט קַיין וַויינֶען ׳ דֶען מֶען הָאט זֵייא בֶּעטְרַאכְטֶעט נוּר פַאר בְּהֵמוֹת ׳ אוּנ בֶּאֱמֶת הָאבִּין דִיא נֶעגֶער אַיין גְרֶעסֶערִין בּוּנְד צוּא זֵייעֶרֶע פַאמִילְיֶען אַלְס מִיר אֵרָאפֵּייעֶר ׳

אוּנ ווִיא דֶער אַיינְקוֹיף וָואר זֵייעֶר בִּילִיג אוּנ לַייכְט ׳ אַזוֹ וָואר דֶער טְרַאנְסְפָּארְט זֵייעֶר שְׁוֶוער ׳ אוּנ פַארְבּוּנְדֶען אָפְט מִיט גֶעפַאהְר (סכנה) אוּנ מִיט גְרוֹיס שָׁאדֶען ׳ דֶען דִיא שְׁקְלַאוֶוען

וואש פלעגען איינגעהאנדעלט צו ווערין טיף אין אפריקא האבין געמוזט געפירט ווערין מיט גרויש שמירה דאמיט זייא זאלין ניט צו לייפען · אדער זייא זאלין איהרע הענדלער ניט טייטען · מען פלעגט אן צו טאן יעדען שקלאווע איינע לאנגע קלאץ אויף דעם האלז וואס צום קאפ צו איזט ער בריים · אונ בייא דעם ענדע איזט ער שמעלער אונ עס איז אין אים איין פעקיל אריין געשלאגען מיט וואס מען פערצעפעט אים אן דעם נאקען פון דעם אנדערין · אונ אזו האט געהאט דער אנדערער אויך אזו אקלאץ אויף זיך וואס וואר פערצעפעט אויף דעם דריטין · אונ אזו זייען זיך געגאנגען גאנצע סעריינגעם פון צוואנציג דרייסיג מאן · אויף דיא קלעצער פלעגט צו הייגען זייערע לאגלען וואסער · אונ זייערע זעקלאך רייז צום קאכין · אונ אלס מען איז געקומען אויף דעם ארט וואו מען דארף רוהען האט מען זיי אפגעצעפעט איינעם פון דעם אנדערין · אונ מען האט זייא גילאזט גיך לייגען אויף דער ערד וואס קיינער האט פון איר שוין ניט געקאנט אויף שטיין ביז דיא מענשען פון דעם שקלאווען הענדלער האבין אים דער צו געהאלפין ווייל דיא קלאץ האט אים געווארגען אראפ · אלס מען פלעגט צו קומען מיט זיי ניט ווייט פון אדארף פלעגין זייא מוזין זינגען · זיך פרייליך מאכען · אונ דיא מענשען פון דעם שקלאווענהענדלר פלעגן זיי צו צו האלטין מיט פייקלאך אונ מיט פיאלען · אזו ארייזע פלעגט אפט גידויערין ביז מען פלעגט קומען צום ברעג ים דרייא פיר וואכין אונ אפט מעהר · בייא יעדעם דארף פלעגט זיך דער פעקיל סחורה פערמעהרען · דאש האט פאר קויפט אצעהען צוועלף דער גוטס בעזיצער · אונ דאס האט פאר קויפט יעדער ווירט בעזונדער עפעס איין איבעריגען מענשין וואש ער האט בייא זיך אין שטוב פאר אביסיל ווירטשאפט · למשל פאר אפאר בוטעלקעס פראנצויזעשע שנאפס · פאר ארויטע קאמעזעלקע · פאר אשנור רויטע קרעלען האט מען ניקענט אהאלבין דארף אויס ראמען · אונ דאך פלעגט מען נור קוים אצעהנטיל פון דיזע לעבעדיגע סחורה איין פאקין אין

שיף · דען עס פלעגין זייער פיל אוים שטארבין אויף דיזע שווערע רייזע · פון דיא גרוישע לאסטען וואש זייא פלעגין מוזין אויף זיך טראגין · פון דיא גרויסע היצען · אונ פון גרויש קומער · דען זייא פלעגין שרעקליך צו בייגקען אהיים · אונ דאך וואר נאך דיזע רייזע צוא לאנד אלם וויא איין שפאציר גאנג אויף געבלומטע פעלדר · אנטקעגין דיא רייזע וואש זייא האבין דער נאך גימוזט מאכין אויף דיא שיפען צו וואסער · ביז אמעריקא :

דען זייא פלעגין צוא ווערין איינגעפאקט דארט אין דיא אונטערשטע קאיוטין וויא גענז אין אשטייג · מענער ווייבער אונ קינדער צו זאמען · עס וואר דארט אזו איינג · שמוציג אונ דומפפיג דאש דער דאקטאר וואש פלעגט אריין צו גיין אהין אלע טאג פון די פריא מארגינס אום צוא רעוויזירען זייא · פלעגט זיך קוים ארוים חאפען · דען עס פלעגט אים פאר נעמען דער אטום פון גישטאנק · ווייל זייא פלעגין אונטער זיך זייער בעדערפעניס פעריכטען · אונ מעהר וויא צעהען מינוטען האט מען זייא ניט גיהאלטין אויף דעם פארדעק (אויף דעם דעק פון שיף) אונ דאס נור עטליכע בייא זאמען אום פרישע לופט צו שעפען · אונ אום אפ צו גיסען זייא מיט קאלטע וואסער :

שלימער האט שוין ניט געקענט אויש זעהען דארט אין דער האללע (גהינום) אלם וויא דארט אונטען · עס וואר דונקעל · דומפפיג · אונד איין יאמערען אונד איין וויינען האט פערהילכט דיא אויערין · דען עס ווארען אונטער זייא פיל קראנקע · גוססע · אלע טאג פלעגט מען אויש קלייבן פון זייא עטליכע טויטע וואש מען פלעגט זייא אריין ווארפין אין מער וויא שטיינער · אן אשום פאראדע אדער צערעמאניע · אונ וואש ווארען באלד פערשרונגען פון דיא הייפישען וואש פלעגין נאך צוא שווימען נאך אזעלכע שקלאווען שיפען אימר · אום צו פערשלינגען דיא טויטע קערפער זייערע · מער פאר אלץ פלעגט זייא צו שאדען דיא אנגסט דאש מען פירט זייא קיין אמעריקא אום נור צוא פאר ברענגען זייא דארטין · אום צוא

דעסטאלירע

דעמסטאלירען מיט זייער אש דעם צוקער · אונ ווען דער שקלאווע הענדלער האט גיבראכט קיין אמעריקא צעהען פראצענט געזונטע וואר עש שוין איינע גליקליכע נסיעה ·

קומענדיג שוין אהין פלעגט דער שקלאפענהענדלער מאכין אנרוישין באלאגאן אין וועלכין ער פלעגט אריין צוא נעמען דיא שקלאווען · פלעגט זייא ארום וואשין · אונ אן טאן אין קורצע הויזין · דיא פרויען אין קורצע קליידלאך · אונ מען האט אן געהייבין דארטין איין עטוואס צוא צו זעהען · אונ דאש האט געדויערט איינינע טעג ביז עש זייען צוא זאמען גיקומען סוחרים אדער פאקופאטעלעם · אונ דאן פלעגט זיך אן הייבין דיא שרעקליכע שצענע פון דער שיידונג · דען מאנכער גוטש בעזיצער אדער פפלאנצער פלעגט מער ניט קויפין וויא אמוטער אונ דאש קינד ניט · אונ מאנכער פלעגט נור צו קויפין אקינד אונ דיא מוטער ניט · נון וואר דארט געוויין איבער געוויין · געיאמער איבער געיאמער גאר אן אשיעור · עש וואר דאן איין אייביגער זעגענען זיך · דען יעדער פון זייא האט שוין גיוואוסט אויף קלאר דאש ער וועט דא ניט פיל מישט אן מאכען · דאש זיינע טעג זייען געציילט · אונ פלעגין צו שילטען דעם טאג וואש זייען געבארען געווארין · אונטער דיזע שקלאווען פלעגין זיך אפט געפינען · קינדער פון מאהרעשע פירשטען · מענער פון גרוישין פערשטאנד · וואש האבין דער נאך געשפילט גרוישע ראלען אין דעם שקלאפען אויפשטאנד (מרידה) וואש וואר אין סאנקט-דאמינגע · וויא דער וועלט בערימטער נעגער גוטמט אונ וואזע וואש וואר דארט אין בענין פערקויפט געווארין פאר זעקס זילבער גראשין · נון פערשטייט זיך שוין פון זעלבסט וויא שמערצליך עש וואר אזעלכע גייסטער (גרוישע מענשען אדער חכמים) צו טראגין אויף זיך יארין לאנג דעם שווערין יאך פון דער-שקלאווערייא · אונ וויא גרויש עש וואר זייער בייגקען אהיים ·

אונ דארט אין אמעריקא פלעגין מיט זייא זייערע הערען-ארבייטען וויא מיט פערד · אונ שלאגין זייא גאר אן ערבארעמען ·

מען

מען פלעגט אויש צו זוכין בלבולים אום נור צוא בעשטראפין זייא זייער הארט · דאמיט זייא זאלין זיין בייא זיך אימער געבייגט אונ אראפ געפאלען · דאש דער געדאנקען פון פרייהייט זאל זייא קיין מאל אויף געדאנקען ניט ארויף קומען · אונ זאלין ניט מורד זיין · אונ דאהער וואש איין הערר האט זיינע שקלאווען אלץ מעהר בעדריקט וואר ער אלץ מעהר געריהמט בייא דער דארטיגן רעגירונג :

איין געוויסער פפלאנצער (גוטס בעזיצער) פלעגט אפט איין שפאנן אכט אדר צעהן נעגער אין זיין פאיעטען אונ פלעגט מיט זייא צו פארען אין דיא גרעשטע היצען איבער טיפע זעמד · אונ פלעגט איבער זייא צוא פלאסקען מיט אלאנגין בייץ ביז דאש בלוט אונ שוויים האט גערונען איבער זייערע רוקענס · אונ קומענדיג אהיים האט ער געלאזין זייערע וואונדין אויש וואשין מיט עסיג אונ זאלץ דאש דיא בראנד זאל ניט צו פאלין ·

מאנכע הערען וואש האבין געהאט שיינע שקלאווינען פלעגין זייא זיי טרייבין דאש זייא זאלין גיין פערדינען אין לושט הייזער שאנדען געלט · דיא קליינע קינדער פלעגין זייא צו טרייבין אין דיא פעלדער דאש זייא זאלין פאנגען דיא קליינע פייגעלעך וואש מען רופט קאליבערעס וואש דיא פארנעמע דאמען פוצין זיך אויש מיט זייערע גאלדענע פעדערין · אין דיא פאריגע צייטין האבין דיא פפלאנצער גוטש בעזיצער גיהאט דאש רעכט אזוא גאר צוא טייטין זייערע שקלאווען · אונ ווען איין פפלאנצער (פאמעסציק) האט זיינעם אשקלאווען אויפגעהאנגען ווייל ער האט אין אים דער שפירט אדוך פון עמפערונג (מרידה) האט אים דיא דארטיגע רעגירונג דער פאר זייער געדאנקט אונ האט אים אויך זייער גוט בעלוינט · דען לכבד וואש זיא האט אים בעצאלט פאר דעם שקלאווען וואש ער האט אים געקאסטי האט זיא אים נאך בעפרייט אנאנצין מאנאט פון אפגאבין · אונ דאהער פלעגין מאנכע פפלאנצער אויף היינגען בייא זיך זייערע שקלאווען וואס זייען געווארין קייליקעס וואש זייא האבין שוין ניט געטויגט צוא דער ארבייט אונ פלעגין

דער

דער פאר בעלוינט ווערין פון דער דארטיגע רעגירונג · אונ מאנכע פלעגין צוא קויפען גאר אומישענע קיילעקעס אדער אלטע פאר אשפאם געלט אונ דער שקלאווענהענדלער פלעגט זייא ארויס געבין אשריפט דאש ער איז בעצאלט געווארין פאר זייא זייער טייער · אום זייא זאלין האבין וואש אויף צוא היינגען אונ בעלוינט ווערין דער פאר · עש האט אבער דיזע געזעטצע אויף געהערט · נור ווייל מען איז געוואר געווארען פון דיזעם בעטרוג :

אונטער דיא אמעריקאנעשע שקלאווען ווארען זייער פיל פערשיידענע קלאסען׳ איינע קלאסע וואר עכטע אפריקאנער שווארצע וויא פעך מיט קורצע געגרייזעלטע האר · דיא צווייטע קלאסע וואר די מולאטין · דאש הייסט אזעלכע וואש ווארין געבארין פון אשווארצע מוטער אונ פון אווייסין פאטער · דיזע ווארען שוין נור מער ניט וויא רעכט דונקעל אונ האבין גיהאט איין שענערעס געזיכט · דיא דריטע קלאסע ווארען דיא מעסטיצען דאש זייען אזעלכע וואש ווארען געבארין פון איינער ווייסין מוטער אונ פון איין אינדיאנישען פאטר · דאש הייסט וואש ער איז פון דיא אלטע אמעריקאנער וואש מען האט זייא דארט דערוויסט בשעת מען האט אמעריקא געפונען · דיזע ווארען נאך העלער · אונ אזו ווארען דארט נאך זייער פיל פערמישונגען למשל דיא קינדער וואש קומען ארויס פון איין מולאט וואש האט געלעבט מיט איינער מעשטיצען ·

אויך דיא פרייע מענשין וואש זיינן דארט ווערן איינגעטיילט אין צווייא קלאסען · איינע קלאסע איז יענע וואש וואנדערין אהין ארייין פון אייראפא וואש זייען אזו ווייס וויא מיר אונ בלייבין אזוא ווייס ביז זייער טויט · דיא אנדערע קלאסע זייען דיא קרעאלען · דאש הייסט דיא קינדער וואש ווערין שוין דארט געבארען פון ווייסע עלטערין · דיזע פערליהרן שוין זייער פיל פון זייער ווייסקייט · דען זייא זעהען אויס וויא פערברוינט · דאך זייען זייא זייער שיין · אונ ווערין זייער גיך צייטיג · אקינד פון איאר צעהען האט דארט אזו פיל פערשטאנד וויא בייא אגרויסר מענש · אונד ווערין אבער

דער

דער פאר אויך גיך אלט · אונ דיזע קלאסע מענשין זייען דארט דיא הערשענדע · דיא פפלאנצער · אונ דיא גרויסע הערען ·

נון בלייבט מיר נאך איבעריג צו דער צייהלען דיר איין עטוואס מיינע טייערע לעזערין פון דיא שווערע ארבייט וואש די שקלאווען האבין דארט געארבייט · אונ פון זייערע מרידות וואש זייא פלעגין דארט אפט צוא מאכען · דיא שווערסטע ארבייט וואר זייערע אין דיא צוקער פאבריקען · מעהר וויא צעהען יאר האט דער שטארקסטער שקלאווע ניט גיקענט אוים דויערין : דער נאך פלעגט ער ווערין שוואך אונ קראנקיער פי רוב פלעגט ער זיך שוין פריער אוים דינען · דען מען ווערט זייער לייכט דארט אקיילעקע · אין דיא צוקערמילען · עש רייסט אפ אהאנט אפוס · אונ אמאל דרייט זיך איין דיא האר אין דער מאשינע דרייהעט עם ארונטער דעם קאפ · אויך דער באוועל פליקען אונ ריינגין איז זייער שווער אונ זייער שקוצנע · דאש דיא שקלאווען פאלין ארין דורך דעם אין אפינמטערע מרה שחורה · דאם זייא הערין אויף צוא עסין · צוא טרינקען · הערין אויף צוא גיין צו דער ארבעט · עש העלפט קיין גיבעט קיינע שלעג · בלייבין זיצין אויף דיא ערטער ביז זייא פאר גייען אדר צוא היינגען זיך · אונ דאן בלייבט זייער הער איין אביון :

אויך זייער עסין איז זייער שלעכט גיוועזן דארט · דען דער הער פלעגט זייא גאר ניט צוא געבין לבד צו שטיקלאך ערד וואש דיא שקלאווען פלעגין עם פערזייען אין זייערע ליידיגע שטונדען · דאש הייסט ביי נאכט אלס זייא פלעגין צו קומען פון דער ארבעט · אדער אין דיא זונטיג טעג · אונ ביי דיא אידעשע פפלאנצער אין דיא שבתים טעג אויך · זייא פלעגין דער פון צוא האבין זייער וויינינג · קוים אום דאש לעבין צו דער האלטין · אונ דאש גלייכען פלעגין זייא זיך קליידין נור מיט גראבע לייוועגט וואש זייא פלעגין עס צוא מאכען פון דינעם באסט (ליקע) :

ביי מאנכע הערין אבער פלעגין זייא צו האבין פיל בעסער · אונ וואריו דאהער אים זייער טרייא אונ פלייסיג אין דער ארבעט ·

ביא מאנכע הערין אבער ווארין זייא אזו שלים בעהאנדעלט · דאס זייא פלעגין זיך זעלבסט ערמארדען °) אנטלויפין · אדער גאר מאכין איין מרידה :

קיין אום גליק אין דער וועלט גלייכט זיך צו דעם אום גליק פון איינער שקלאווען מרידה · דען זייא זיינען גרויסע בעלי סודות · אונ גיבען איינער דעם אנדערין ניט אויש · אונ אזו האבין זייא אמאל גיהאלטין גאנצע צעהען יאר אינם געהיים איינע פאר שווערונג (בונד) געגען זייערין אהערין · אונ מען איז ניט גיוואר גיווארין דער פון ביז דיא לעצטע מינוט · אונ דאן ווייהע דעם הערין וואש זיינע שקלאווען שטייען אנטקעגין אים אויף · זייא טייטין אים מיט זיינער גאנצע פאמיליע · מיט דער גרעסטע אכזריות אין דער וועלט · זייא פאר ברענען זיינע מאגאזינען · אונ מארדין אוים אלעם וואש לעבט נור חוץ זייא דארט אין דער פלאנטאזע · מען לאזט ניט אציגיל אויף אציגיל · קיין גאנצין שטיין אונ קיין בוים · זייא פאר וויסטין אונ טיליגען אלץ אוים · אונ דער נאך אנטלייפין זייא אין דיא טיפע וועלדער אדער אין דיא ווייטע געבירגע וואש דארט זיינען דא שוין זייערע באנדען (שייקעס) וואש מען רופט זייא בושמענער · דיזע באנדין ווארין באוואפינט · אונ פלעגין איבער צו פאלין איבער די פלאנצער מיט גרויש צארין · אונ פלעגין דארט מחריב עולמות זיין · דיא שרעקליכסטע מרידה פון דיא שקלאווען וואר אין

סאנקט

°) דיא נעגער בעזיצין דיא קונץ צוא דער ווערגין זיך מיט זייערע אייגענע צינגער · זייא שלונקען עס ארונטער מיט אגרוים האסט אונ דיא צונגע בלייבט שטעקין אין האלז וויא איין ביסען · זיי פלעגין עס צו טאן על פי רוב בשעת מען פלעגט זייא זייער שטארק נאקאזעווען · איינער וואש מען האט אים זייער שטארק גימאטערט דאש ער זאל וואש אויש זאגין האט ער פון גרוים כעס אפ גיביסין זיך דיא צונגע אונ האט איר זיינעם הערין אריין גישפויגין אינם גיזיכט :

סאנקט-דאמינגע וואש מען רופט עם אויך הייטע · מיר וועלן דער פון שפעטער שרייבן באריכות :

נון מיינע טייערע לעזערין · האב איך דיר שוין גינוג באקאנט גימאכט מיט אלע ענינים וואש עם איז דיר נייטיג צו וויסן צוא אונזער געשיכטע · פון דעם פרוסטן אונ בראווען שקלאווען אנקעלטאם וואש וואר צוואר קיין יודע · קיין קריסט · אונ קיין געצענדינער · נור אמאמין אין דעם בורא ברוך הוא אונ אין דער ביבעל · דאש מען האט אים גיקענט רופין מיט רעכט גר תושב °) · ער וואר פרהער דארט אין אפריקא איין היידע (אן אגלויבין) אונ קומענדיק קיין אמעריקא איז ער אן גיקומען צוא איין אידעשין פפלאנצער (פאמעסציק) נון האט ער גיהאט דארט איינע גוטע גילעגענהייט צו באקאנט זיך צוא מאכין מיט דעם איינציגין גאט אונ מיט זיינע היילגע ביכער · עש איז פון דיזער גישיכטע צו לערנען זייער פיל מוסר · גאטס פארכט · אונ וויא מען מוז האבין דיא גרעסטע געדולד אין אלע נויטין · אונ ווידר אום צוא: זעהען וויא ווייט מען דארף דאנקין גאט אונ בענטשין אונזער קייזער ירום הודו ותנשא מלכותו · דאש ער האט דעם שקלאווען שטאנד אויש געקאסירט פון אונזרע לענדער אונ שוין כמעט פון דער גאנצער וועלט · דען אונזר קייזער בעפרייט דיא שקלאווען דארט אין אזיען אויך · אין דיא נאייע לענדער וועלכע גאט האט זייא באגליקט צוא שטיין אונטער זיינע מענשען פריינדליכע רעגירונג :

אין

---

°) גר תושב הייסט ביא אונז אידין ווען איין היידע · דאש הייסט אמענטש אן אגלויבין · הייבט אן צוא גלויבין אין דעם איינציגין גאט · אונ איז מודה דאש גאט האט אידין גיגעבין אתורה : נור ער אליין האלט נור די שבע מצות אליין וואש גאט האט דעם נח גיבאטין · אונ איז זיך אזו גאר מל · עסט זיך נבלות וטריפות · חזיר · אזו אמענטש האט ביא אונז אידין אין אונזער לאנד גיהאט גלייכע בירגער רעכט וויא איין עכטער יודע :

פון א. ס. ד.

1.

אין דעם צעהענטין פעברואר 1832 נאך האלבין טאג זיינען זיך צוויא הערין בייא זאמען גיזעסין אונ האבין גיטרונקען ווין אין איין געצירטין צימער פון אנרויכין פאלאץ וואש וואר אין אין איינער פלאנטאזע (גוט) דארט אין קענטוקייא · איין אוועזד דארט אין ווירגיניען , אין נארד אמעריקא · עס וואר דאן דארט אין צימער קיין בעדינטער נור דיזעביידע הערין אליין · אונ האבין צו ווישין זיך גישפראכין זייער ערינסט אונ היציג · דיזע ביידע הערין אבער ווארין זייער אונגלייך איינער צו דעם אנדערין · דאש יעדער מענטש האט עש גיקענט זייער לייכט אונטער שיידין · אונ באלד פאר שטיין דאש זייא זיינען ניט פון איינעם שטאנד · אונ ניט פון איינער בילדונג · דען איינער האט אוים גיזעהען זייער פראסט · זיינע קליידונג · זיין שפרעכען · אונ זיין גאנצעם בענעמען האט אוים גיזעהען עפעס וויא פון איינעם אויף גיקומענעם גראבין מענטשין · דער צווייטער אבער האט אוים גיזעהען וויא איין גיבארענער איידיל מאן · עש וואר אים דאש ארויש צו זעהען אזו פון זיין ריידין אונ אזו פון זיינע בעדעכטיקייט · אונ פון זיינע איידעלע מינען וואש האבין גישפילט אין זיין גיזיכט זעלבסט אין דיזין היציגין גישפרעך · דיזער הער האט גיהייסין אברהאם שעלבי איין רייכער יודע אונ וואר איין גרוישער פפלאנצער (גוטס בעזיצער) דא אין קענטוקייא · אונ דאש וואר טאקע זיין פלאנטאזע (גוט) · ער וואר דער צוא איין גרוישער איידיל מאן אונ האט זיינע שקלאווען בעהאנדעלט ביז אהער זייער פריינדליך אונ ליבליך · צום אום גליק האט ער זיך אין זיינע לעצטע יארין פאר שולדיגט · אונ האט נאך דער צו גיהאט דאש אום גליק שולדיג צוא זיין איינעם געוויסין שקלאווען הענדלער וואש מען האט אים גירופין האלי · אונ דאש איז דער צווייטער וואש האט דא מיט אים איצונד זייער היציג גישפראכין אונ ווין גיטרונקין · דען עס האט זיך גיהאנדילט יעצט אום זיין חוב וואש ער איז גיקומען אפ נעמען מיט סחורה · דאש הייסט מיט שקלאווען ·

נון

נוּן אוּם דֶעם אִינְטֶערֶעם בֶּעסֶער צוּא פַאר שְׁטֵיין אִיז אוּנְז כְּדַאי אֵיין צוּ הֶערִין זִיךְ אֵיין עֶטְוַואס פוּן זֵייעֶר גִישְׁפְּרֶעךְ :

„נֵיין מַיין לִיבֶּער פְרַיינְד„ הָאט זִיךְ אָפּ גִירוּפִין דֶער אַבְּרַאם שֶׁעלְבִּי זֵייעֶר הִיצִיג אוּנ רוּקֶענְדִיג דֶעם שְׁטוּל אוּנְטֶער זִיךְ .„נֵיין גִינוּג וָואשׁ זֵייא טוּעֶן מִיר וֵוייא אָפּ צוּא נֶעמֶען בַּייא מִיר מַיין בֶּעסְטֶען שְׁקְלַאוֶוען דֶעם אַנְקֶעלְטָאם · וִוילִין זֵייא נָאךְ אִים אָן נֶעמֶען פַאר הַאלְבּ גֶעלְט · אִיךְ זָאג אַייךְ דָאשׁ עֶשׁ אִיז דִיזִין מֶענְטְשִׁין נִיט אָפּ צוּ שַׁאצִין · עֶר אִיז אַגְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער מַאן · אַיין נִיכְטֶערֶער · אַגְרוֹיסֶער אַרְבֶּעטְם קֶערִיל · אַגְרוֹיסֶער אַקְאנָאם · זִינְד עֶר אִיז צוּא מִיר אָן גִיקוּמֶען · טְרָאגְט מִיר אַיין דִיזֶע פְּלַאנְטַאזֶע צְוֵוייא מָאל אַזוֹ פִיל · עֶשׁ זַיינֶען מִיר פוּן יֶענֶער צַייט אָן אַלֶע נֶעגֶער גִיזוּנְד אוּנ פְרֵיילִיךְ · עֶר אִיז אִיבֶּער זֵייא דֶער אוֹיף זֶעהֶער · אוּנ זֵייא הָאבִּין אִים לִיבּ וִויא זֵייעֶר לֶעבִּין · דֶען עֶר הָאט אוֹיף זֵייא קֵיין מָאל קֵיין בַּייז אוֹיף גִיהוֹיבִּין · זֵייא פָאלְגִין אִים מִיט לוּסְט אוּנ אַרְבֶּעטִין זֵייעֶר פְלֵייסִיג · אִיךְ זָאג אַייךְ וָואלְט אִיךְ הָאבִּין גֶעלְט פַאר אַייךְ וָואלְט אִיךְ אִים נִיט פַאר קוֹיפְט פַאר צֶעהֶען טוֹיזִינְד טָאלֶער · דַאהֶער דִינְגְט אַייךְ נִיט מִיט מִיר :

„עֶשׁ קֶען זַיין וַואר„ הָאט זִיךְ אָפּ גִירוּפִין דֶער שְׁקְלַאוֶוען הֶענְדְלֶער הַאלִי „דָאךְ קֶען אִיךְ אִים פַאר דִיזִין גְרוֹיסִין פְּרֵייז נִיט אָן נֶעמֶען · דֶען עֶשׁ אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צֵייטִין אִיצוּנְד · אוּנ עֶשׁ אִיז שְׁוֶוער צוּא גִיפִינֶען יֶעצְט אַבֶּעלִין אוֹיף אַזוֹ אַטֵייעֶרִין שְׁקְלַאוֶוען · דַאהֶער אִיז בַּייא מִיר גִיבְּלִיבִּין דָאשׁ אִיר זָאלְט מִיר נָאךְ עֶפֶּעם אַקְלֵיינִיקַייט דֶער צוּ דַאבַּאוֶוען · אַיין קְלֵיין נֶעגֶערִיל אָדֶער נֶעגֶערִין · לָאזְט מִיךְ אַיין עֶטְוַואס פַאר דִינֶען · אוּנ דַאן אִיז שׁוֹין אוּנְזֶער גִישֶׁעפְט גִיעֶנְדֶעט · „נֵיין לִיבֶּער הַאלִי„ הָאט אִים דֶער אַבְּרַאהַאם שֶׁעלְבִּי גִיעֶנְטְפֶערְט„ אִיר זָאלְט עֶס פוּן מִיר גָאר נִיט פַאר לַאנְגֶען · אִיךְ וֶועל קֵיין קִינְד פוּן דִיא עֶלְטֶערִין אָפּ רַייסִין · אוּנ אַיְתוֹם אָדֶער אַיְתוֹמָה אִיז גְרַאד אִיצְט נִיט דָא אִין מַיינֶער גַאנְצִין פְּלַאנְצוּנְג (גוּט) :

נוּן הָאט זִיךְ גִימַאכְט צוּם אוּם גְלִיק דָאם וִויא גִירוּפִין הָאט

זִיךְ

זיך אין דיזער מינוט גיעפינט דיא טיר פון דיזעם ציטער אונ עש איז אריין אין שטוב איין פיר יארינגעם קינד איין מולאטציק · ער וואר זייער שיין אונ פיל קלערער אלס אלע אנדערע מולאטעשע קינדער ווייל זיינע מוטער וואר איינע מולאטקע פון אמולאטקע · דער צו וואר ער זייער שיין גיוואקסין · ער האט שוין גיהאט לאנגע שווארצע האר ביז דיא אקסלען · זיינע אייגעלאך ווארין שווארץ וויא דיא קארשין · אונ האבין ארויס גיבליצט דורך זיינע גידיכטע לאנגע ברעמען וויא צוויא גליהענדע שטערין דורך דיא גידיכטע צווייגין פון איין פינסטערין וואלד · לבד דעם וואר ער נאך זייער שיין גיקליידעט אונ זייער ריין צוא גיקליבין וויא איין קינד פון איינעם גרויסין העהין „אה דזים הארי„ האט זיך דער הער אבראם אפ גירופין צוא אים טועגדיק אפייף אונ אויש שיטענדיק אהויפין ראזינקעם פאר אים אויף דער ערד „קלייב עש אויף„ דא האט זיך דאש קינד אוועקגיטאן אויף דער ערד אונ האט דיא ראזינקעם אויף גיקליבין זא גישווינט וויא איונגע הינדעלע דעם הייפעלע קערנער וואש מען שיט פאר איר אויש· דאש דער אבראם האט זיך דאריבער פון איינאנדער גילאכט „נוא דזים הארי„ האט ער צוא אים ווייטער גיזאגט „קום צו מיר„ דאש קינד איז צו אים צו גינאנגען אונ דער הער האט אים אן גינומען פאר דער מארדעצקע · האט אים גיגלעט דיא הערליך אונ האט אים גיבעטין דאם ער זאל אביסיל זינגען אונ טאנצין · דא האט דאש קינד אויף גיעפינט זיין קליין שיין מיילכעלע אונ האט אן גיהייבין צוא זינגען מיט איינער צוקער זיסע שטימע וויא אקאנאריקעל אליד פון דיא ווילדע נעגער · אונ האט זיך דער ביי אונטער גיטאנצט מיט טאקט אונ מיט גרויש חן „בראווא ! בראווא„ ! האט אויש גישריען האלי דער שקלאווען הענדלער · אונ האט אים צו גיווארפין איין האלבין אפעלצין „נוא מיין ליבער דזים הארי„ האט זיך דער הער שעלבי ווייטער אפ גירופין צוא אים „ווייז אונז וויא עס גייט דער אלטער פעטער קודזא בשעת עס תאפט אים אן דער ראמאטעם · קוים

האט

הָאט עָס דָער אַבְּרַאם שָׁעלְבִּי אוֹיס גִירֶעט · זַיינֶען גִיוָוארִין דִיא יוּנְגֶע אוּנ גְלַייכֶע גְלִידֶערְלִיךְ פוּן דִיזֶעם קִינְד · פַאר קְרִימְט · פַאר דְרַייט אוּנ צוּא קְרוּצֶעט · דָער רוּקִין אוֹיש גִיבּוֹיגִין · דָאשׁ גִיזִיכְט אוֹיש גִיצוֹיגִין · אוּנ אָן שְׁפַּארִינְדִיק זִיךְ אוֹיף דָעם הָערִינְם שְׁטָעקִין הָאט עָר אָן גִיהַייבִּין צוּ גַיין אִיבָּערִין שְׁטוּבּ הִינְקֶענְדִיק אוּנ שְׁפַּייעֶנְדִיק חְרַאקֶענְדִיק פוּן בֵּיידֶע זַייטִין · קוּרְץ דָער פוּן עָר הָאט דִיזֶע רָאלֶע אַזוֹ עָכְט גִישְׁפִּילְט · דָאשׁ זַייא בֵּיידֶע דָער הָער שָׁעלְבִּי אוּנ דָער הַאלִי זַיינֶען צוּא קַייכְט גִיוָוארִין לַאכֶענְדִיק · דָער נָאךְ הָאט אִים דָער הָער שָׁעלְבִּי גִיבֶּעטִין דָאשׁ עָר זָאל אִים מַאכִין נָאךְ אַנְדֶערֶע אָן שְׁטֶעלִין · אוּנ עָר הָאט יֶעצְט אוֹיךְ זֵייעֶר גוּט גִישְׁפִּילְט · דָאשׁ דָער שְׁקְלַאוֶועןְ הָענְדְלֶער וָואשׁ הָאט עָס גִיזֶעהֶען צוּם עֶרְשְׁטִין מָאל הָאט זִיךְ צוּ פַּאצְט דִיא הָענְד פַּאצֶענְדִיק בְּרַאוָוא · אוּנ הָאט זִיךְ נִיט גִישֶׁעמְט אָן צוּא מוּטִין דָעם הָערִין שָׁעלְבִּי דָאשׁ עָר זָאל אִים דִיזֶען קְלַיינֶעם אַוֶועק גֶעבִּין פַאר אַצוּא לַייג צוּא דָעם טָאמֶען :

אִין דִיזֶער מִינוּט הָאט זִיךְ וַוייטֶער גִיעֶפִינְט דִיא טִיר אוּנ עָס אִיז אַרַיין אִין שְׁטוּבּ אֵיינֶע יוּנְגֶע מוּלַאטְקֶע פוּן אַיאַר פִינְף אוּנ צְוַואנְצִיג · זִיא וַואר אַזוֹ שַׁיין אוּנ אַזוֹ פַארָאבְּנֶע צוּא דָעם קִינְד דָאשׁ יֶעדֶערֶער הָאט גִיקֶענְט לַייכְט דָער קֶענֶען בַּייא דָעם עֶרְסְטִין אָן בְּלִיק דָאשׁ זִיא אִיז דִיא מוּטֶער פוּן דִיזֶעם קִינְד · דָער צוּ נָאךְ הָאט זִיךְ דוּרְךְ גִישְׁלָאגִין דוּרְךְ דִיא דוּנְקֶעלֶע פַארְבֶּע פוּן אִיר הוֹיט אֵיינֶע אֵיידֶעלֶע רוֹיזִין רוֹיטְקַייט וָואשׁ עָשׁ הָאט זִיךְ נָאךְ פַאר מֶעהְרְט אוּנ פַאר שְׁטַארְקְט אַלְס זִיא הָאט בַּאמֶערְקְט דָאשׁ דִיזֶע בֵּיידֶע הָערִין קוּקִין אוֹיף אִיר מִיט גְרוֹישׁ בֶּעווּאוּנְדֶערוּנְג · דֶען זִיא וַואר וְוירְקְלִיךְ אַגְרוֹישֶׁע שׁוֹינְהַייט אוּנ וַואר גִיקְלַיידֶעט זֵייעֶר עֶלֶעגַאנְט · נֶעט אוּנ רַיין :

„וָואשׁ בְּרוֹיכְסְט דוּא הִיר, הָאט אִיר אִיר הָער גִיפְרֶעגְט אִיךְ זוּכֶע דָאשׁ קִינְד„ הָאט זִיא אִים גִיעֶנְטְפֶערְט · אוּנ הָאט דָאשׁ קִינְד צוּא גִיחַאפְּט מִיט בֵּיידֶע הָענְט אוּנ אִיז אַרוֹישׁ פוּן שְׁטוּבּ :

„אָ אִיךְ שְׁוֶוערֶע בַּייא מַיינֶעם גְלִיק„ הָאט זִיךְ דָער שְׁקְלַאוֶוען

העגדלער

הענדלער אפ גירופין „דאש צייט איך האנדיל מיט שקלאווען האב
איך נאך אזו אשטיקיל סחורה ניט גיהאט אונטער מיינע הענט ·
איך העטע איר שוין אן גינומען אין צוויא טויזינד טאלער בייא
אייך · דען איך וייש דאש איך וועל נעמען איין נאיי ארלעאנס
פיר טויזינד טאלער פאר איר „גיין ליבער פריינד, האט זיך דער
הער שעלבי צוא אים אפ גירופין „דיזע מולאטקע איז ניט צוא פאר
קויפין · דען זיא איז דיא קאמער דינערין פון מיינער פרויא · איינע
אייגענע אונ זיא וועט פאר איר קיין מיליאן נעמען, איי לאכט אייך
אויש דער פון, האט זיך דער האלי אפ גירופין „נאך קענט איר ניט
דיא וייבער · זייא דיינקען מעהר פון פוץ אלס מיר מאנעם לייט פון
דעם וואהרין נוץ · אט פאלגט מיך · פאר שפרעכט נור אייער ווייב
צו שיינקען דער פאר אפאר טוץ שיינע שטרויז פעדערין · אונ דער
צוא נאך אפאר פליטער שיך · דאן וועט זיא שוין שווייגין · אונ וועט
אוואהט ניט ריידין, „ניין מיין ליבער האלי, האט זיך דער שעלבי
אפ גירופין צוא אים זייער פאר דריסליך, איר קאנט ניט מיינע
פרויא · אונ ווען איר זייט מיר ווירקליך גוט · אט שפרעכט גאר
ניט דער פון מיט מיר, „נוא ווען אזו איז, האט זיך אפ גירופין
דער האלי „אט פאר קויפט מיר חאצבע דיזען קליינעם דזים האררי
איך וועל אים ניט אן נעמען בייא אייך פאר איין הוילין צוא לייג
צוא דעם אנקעלטאם · ניין איך מיין אן צו נעמען אים אין גוטעם
געלט, אונ דאש וועט אויך ניט גיין האט אים דער שעלבי גיענטפערט ·
דען איך האב קיין לב אוועק צוא נעמען אקינד פון דער מוטערס
ברוסט „הערין זייא ליבער שעלבי, האט זיך דער האלי אפ גירופין ·
„גלויבט מיך אויב וואול מיין גישעפט איז מיט שקלאווען האנדלען
קען איך עס אויך ניט טאן · דען אין גרונד בין איך אויך איין רך
לב וויא איר · נור איך באנייא מיר דער בייא זייער קלוג ווען איך
האב איין גיהאנדילט אמוטער מיט אקינד · אונ וויל דאש קינד
אליין פאר קויפין · שיק איך אוועק דיא מוטער ערגעץ וואו אויף
עטליכע טעג · אונ פאר קויפט דער ווייל דאש קינד · אונ דער

נאך

נאך אלס דיא מוטער קומט צו ריק אונ מאכט לארעם באשיינק איך איר מיט אשנור רויטע גלאז פערעלאך · מיט אפאר בראנזענע אורינגלאך אונ זיא ווערט אנטשוויגען ׃ אונ דאש זעלבינע זאלט איר אויך טאן, „גיין מיין ליבער פריינד“ האט אים דער שעלבי גיענטפערט, ניין; דיזער מיטיל וועט דא ניט אן גיין · דען דיזע עליזע איז ניט גלייך צו יענע ווילדע נעגערינען וואש מען ברייננגט זייא ערשט פון דיא אפריקאנעשע שטעפין · זיא איז איינע גיבילדעטע פרויא אונ האט שוין פיל איידעלערע גיפילע אלס אונזערע דאמען · זיא וועט עס גיווים ניט אויס האלטין „אט איך לאך פון אייך הער אבראם“ האט זיך דר שקלאווען הענדלער אפ גירופין „איך בין פיל גיניטער פאר אייך · וואש דורך מיין האנד גייען דורך שקלאווען איין מאנאט · דאש האט איר ניט אונ וועט ניט האבין אין אלע אייערע פפלאנצונגען (גיטער) · נון האב איך שוין גיהאט אלערלייא אין מיינעם לעבין · אונ האב שוין דיא ערפאהרונג גימאכט · דאש אמתנה פון אפאר אורינגלאך וויסט אפ דיא טרערין פון דיא הייסעשטע נעגערין מוטער · אונ דעם ערשטין מאל אין מיינעם לעבין טרעפט עש מיר צו זעהען דאש איין פפלאנצער (גוטס בעזיצער), זאל זיך גאר מאכין איין גיוויסען דער פון · דאש פאסט טאקע מער ניט וויא פאר איין אידעשין פריץ · איהר האט קיין מוטה צו טרינקען צוא יאכטען · צוא שטרייטען · אונ אויך ניט צוא זיין איין גיהעריגער הער איבער שקלאווען · אונ דאהער וויל קיין קריסטליכער פפלאנצער ניט קויפין בייא מיר אשקלאווע וואש איך האב אים גיקויפט פון איינעם אידעשין פפלאנצער ווייל ער ווערט בייא אים איין האלבער הער · אונ דאהער זאגין אלע דאש דיא יודין זיינען די ערגסטע פפלאנצער אין גאנץ ווירגיניען · ווייל זייא מאכין צוא לאזין זייערע שקלאווען · אונ מאכין דאהער אלע מאל גרוישע מרידות אנטקעגין זייערע הערין, „הער האדי“ האט זיך צו אים אפ גירופין דער הער שעלבי · איר רעט גאנץ פאר קערט · העטען זיך אלע פפלאנצער אויף גיפירט מיט זייערע שקלאווען וויא דיא אידעשע

פלאנצער

בפלאנצער וואלט קיין-מאל צוא קיינע ערפּערונג-(מרידה) גיקומען · איין בעוויז דער צוא דאש נאך האבין זיך דיא שקלאווען פון דיא אידעשע פפלאנצער זיך ווען עמפּערט אנטקעגין זייערע הערין · אונ דאש איז נור ווייל זייא ווערין פון אונז גוט באהאנדילט · מיר גיבין זייא פרייהייט צווייא טעג אין וואך שבת אונ זונטיג · אונ מיר צווינגען זייא ניט דאש זייא זאלין ענדערין זייער גלויבין · אונ מיר בהאנדלען זייא ריכטיג נאך דיא גיזעצין פון תורת משה :

אונ דאך איז עס גיהאנדילט געגין דיא גיזעצע פון דיזער לאנד וואש זיא וויל האבין דאש מען זאל דיא שקלאווען אונטער דריקין · האט אים דער האלי גיענטפּערט זייער פינצטער · דיזע ווערטער איז דעם שעלבי אריין זייער טיף אין זינען דען ער האט גיוואוסט מיט וועלכען פאדלעץ ער האט דא צו טאן · איין מענטש וואש איז אן אגיוויסין : אונ איז גאטאוו צו טאן אלץ וואש פאר באטין איז · אונ פשיטא שוין צוא מאכין פאלשע דאנאסין · אונ בפרט דאש ער איז זיין בעל חוב · אונ האט אים גיענטפערט „ליבער האלי, איך שטייא ניט אזו אום דיזער מולאטקע וואש איז דיא מוטער פון דיזעם קינד וויא אום מיינער פרויא · דען עש וועט עש איר העכסט קריינקען · נון גיט מיר ווייניגשטענס צייט ביז זייגער אכט בייא נאכט · איך וועל מיך איבער לייגין · דער ווילע בעט איך אייך דאש איר זאלט קיינעם ניט דער ציילין · דאש איך פאר קויף אייך דא איינינגע פון מיינע שקלאווען · דען מיין גוט איז ניט ווייט פון דעם גרענעץ וואש טיילט אפ דיא יוזנע (דרומדיקע) פראווינצען אונזערע פון דיא סיעווערנע (צפונדיקע) פראווינצען וואש דארט איז שוין פון כמה יארין אויש גיקאסירט גיווארין דער שקלאווען שטאנד · נון ווען מיינע שקלאווען וועלין עס נור צו הערין בעקומען וועלין זייא צוא לייפין ביז איינעם · דען זייא ווייסין זייער גוט דאש זייא וועלין בייא איינעם אנדערין הערין ניט האבין אזו גוט וויא בייא מיר „א צוא שווייגין האב איך מיך שוין לאנג אויש גילערענט„ האט אים האלי גיענטפערט · אונ האט באלד דרויף

גינומען

גִינוּמֶען אָפְּשַׁייד פוּן אִים ׳ דֶען עֶר הָאט זִיךְ גִיאַיילְט אַוֶועק צוּ גֵיין ׳ קוּים אִיז עֶר אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ הָאט זִיךְ דֶער שֶׁעלְבִּי אָן גִיהוֹיבִּין צוּ פַאר שִׁילְטֶען זַיין לֶעבִּין וָואס עֶר הָאט זִיךְ גָאר אַרַיין גִילָאזִין מִיט אַזוֹ אַפָּאדְרֶעץ אִין גִישֶׁעפְטִין „אָ„ הָאט עֶר מִיט זִיךְ אַלֵיין גִיזָאגְט וָואלְט אִיךְ אַיינֶעם אַנְדֶערִין שוּלְדִיג גִיוֶועזְן ׳ דַאן וָואלְט אִים דֶעם טָאם נִיט אָן גִינֶעבִּין אִין חוֹב וֶוען עֶר וָואלְט אִים וֶועלִין אָן נֶעמֶען בַּייא מִיר אַזוֹ גָאר אִין טוֹיזִינְד דוּקָאטִין ׳ דֶען עֶר אִיז מִיר מַיינֶע רֶעכְטֶע הַאנְט צַייט צֶעהֶען יָאר אִין דִיזֶער פְּלַאנְטַאזֶע (גוּט) ׳ אוּנ פְּשִׁיטָא שׁוֹין נִיט דֶעם קְלֵיינֶעם דְזִים הַארְרִי וָואס עֶר אִיז מַיין צַייט פַאר טְרַייבֶּער ׳ מַיין פַאר גֶענִיגִין ׳ אִין מַיינֶעם בֶּעזָארְגְטִין לֶעבִּין ׳ אָ וָואלְט אִיךְ נִיט שוּלְדִיג גִיוֶועזְן דַאן וָואלְט אַזוֹ אַמֶענְטְשׁ אוֹיף מַיין שְׁוֶועל נִיט גִיקוּמֶען ׳ אִיצוּנְד אָבֶּער לֵיידֶער בִּין אִיךְ מִיט אִים צוּ וַויים שׁוֹין פַאר קְרָאכִין ׳ אוּנ וֶועל אִים מוּזִין נָאךְ גֶעבִּין אַלְץ וָואס עֶר ווִיל ׳ דֶען זָאנְסְט קֶען מִיר אַזֶעלְכֶער אוֹיף דֶעם פַּייעֶר בְּרֵיינְגֶען ׳ אִיךְ קֶען אִים צוּא גוּט :

צוּם גְלִיק הָאט דִיא מוּלַאטְקֶע דִיא מוּטֶער פוּן דֶעם דְזִים הַארְרִי וָואס מֶען הָאט אִיר גִירוּפִין „עֶלִיזֶע„ גִיהֶערְט אוּנְטֶערִין טִיר דִיזֶען גַאנְצִין גִישְׁפְּרֶעךְ וָואס וָואר צְווִישִׁין אִיהְרֶען הֶערִין אוּנ דֶעם שְׁקְלַאוֶוען הֶענְדְלֶער ׳ אוּנ הָאט זִיךְ קוּים אוֹיף אִיהְרֶע פִיס גִיהַאלְטִין פוּן גְרוֹיס שְׁרֶעק אוּנ קוּמֶער ׳ אוּנ הָאט אַזוֹ דָאס קִינְד צוּ גִידְרִיקְט אַלֶע ווַיילֶע צוּא אִיר גִיזִיכְט אַזוֹ וִויא זִיא וָואלְט וֶועלִין דֶער מִיט אִים אָפּ וֶוערִין פוּן דִיזֶעם מֶענְשֶׁען הֶענְדְלֶער ׳ אוּנ אִיז בַּאלְד נָאךְ דִיזֶעם גִישְׁפְּרֶעךְ אַרַיין אִין שְׁטוּבּ צוּא אִיר מַאדַאם זַאהְרַא גָאר אַטוּיטֶע בַּאשֶׁעפִינֶעשׁ ׳ זֵייעֶר בְּלֵייךְ אוּנ הֶעכְסְט צוּא שְׁרָאקִין ׳ אוּנ הָאט זִיךְ אוֹיס גְרוֹיס שְׁוַואכְקַייט אַוֶוארְף גִיטָאן מִיט דֶעם קִינְד אוֹיף דִיא עֶרְסְטֶע זָאפֶע וָואס דָארְט אִיז גִישְׁטַאנֶען לֶעבִּין טִיר „וָואס אִיז מִיט דִיר עֶלִיזֶע„ הָאט אִיר דִיא מַאדַאם גִיפְרֶעגְט „דוּא זֶעהֶעסְט דָאךְ עֶפֶּעס אוֹיס וִויא אַגִישְׁטָארְבֶּענֶע פוּן צֶעהֶן יָאר ׳ עֶס הָאט שׁוֹין דִיר וֶוער וָואס גִיטָאן? „אָ מַיינֶע לִיבֶּע טַייעֶרֶע מַאדַאם„ הָאט אִיר דִי עֶלִיזֶע

גיענטפערט

גִיעֶנְטְפֶערְט מִיט אֵיינֶער צִיטֶערֶענְדֶע שְׁטִימֶע ,,אָיי מִיר צִיטֶערְט
דָאשׁ הַארְץ פַאר דֶעם גִידַאנְקֶען אַלֵיין אוּנ פְשִׁיטָא עֶס אוֹישׁ צוּא
רֵיידִין,, ,,זֵייא דָאךְ קֵיין קִינְד,, הָאט זִיךְ דִיא מַאדַאם צוּא אִיר אָפְּ
גִירוּפִין · אוּנ רֵייד שׁוֹין וָואשׁ וַואר מִיט דִיר ,,אוֹי וִוינְד אוּנ וֵוייא אִיז
מִיר,, הָאט אִיר דִיא עֶלֵיזֶע גִיעֶנְטְפֶערְט · דָארְט בַּייא דֶעם הֶערִין
אִין שְׁטוּבּ וַואר דֶער שְׁקְלַאוֶועְן הֶענְדְלֶער הַאלִי אוּנ הָאט אִים אָן
גִירֶעט פְרִיהֶער דָאשׁ עֶר זָאל מִיךְ צוּא אִים פַאר קוֹיפִין · אוּנ דֶער
נָאךְ אַלֶם דֶער הֶער הָאט אִים עֶס רוּנְד אָפְּ גִישְׁלָאגִין · הָאט עֶר אִים
אָן גִימוּט דָאשׁ עֶר זָאל מַיין דְזִים הַארְרִי פַאר קוֹיפִין · אוּנ וִויא עֶשׁ
וַוייזְט אוֹיס וֶועט עֶשׁ אִים דֶער הֶער נָאךְ גֶעבִּין · אוּנ אִיז אַזוֹ בַּייא
דִיזֶעם וָוארְט אִין אוּנְמַאכְט גִיפַאלִין · נוּן הָאט אִיר דִיא מַאדַאם
בַּאלְד אָפְּ גִימִינְטֶערְט · אוּנ הָאט אִיר אָן גִיהֵייבִּין צוּ טְרֵייסְטִין ,,דוּא
בִּיזְט אַיין נַאר ,,הָאט זִיא צוּא אִיר גִיזָאגְט, וֶוען דִיר גְלוֹיבְּט זִיךְ
דָאשׁ מַיין גוּטֶער מֶענְשֶׁען פְרֵיינְדְלִיכֶער אַבְרַאם זָאל זָאלְכֶעס טָאן
אַזוֹ גָאר מִיט אֵיינֶער אַנְדֶערִין שְׁקְלַאוִוין אוּנ פְשִׁיטָא שׁוֹין מִיט דִיר
וָואשׁ דַיין דְזִים אִיז זַיין פַארְגֶענִיגִין · זַיין צַייט פַאר טְרַייבּ · נַיין
גְלוֹיבּ עֶס נִיט · דֶער וַוייסְט וָואשׁ דוּא הָאשְׁט דָארְט גִיהֶערְט · דַיינֶע
צוּ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּא דַיין קִינְד מַאכְט דִיר אָן צוּ פִיל זָארְגֶע ·
אוּנ אוּם זִיסְטֶע שְׁרֶעקִין · אוּנ דָאשׁ אִיז אַלֶע מָאל דֶער לוֹין פוּן
דִיא מֶענְטְשִׁין וָואשׁ שְׁטֵייעֶן אוּנְטֶערִין טִיר אוּם צוּ הֶערִין וָואשׁ זֵייא
דַארְפִין נִיט הֶערִין · אוּנ הֶערִין דַאהֶער וָואשׁ זֵייא וִוילִין נִיט הֶערִין ·
נוּר גִינוּג · לַאךְ זִיךְ אוֹישׁ דֶער פוּן עֶס אִיז גָאר נִיסְט מִיט מֶער נִיכְט :
דִיזֶע זִיסֶע אוּנ טְרֵייסְטֶענֶע רֵייד הָאבִּין זֵייעֶר גִיוִוירְקְט אוֹיף
אִיר צַארְטִין גִימִיט · אוּנ הָאט זִיךְ פַאר דִיזֶער וַויילֶע זֵייעֶר גוּט
בֶּערוּהִיגְט · דֶען זִיא הָאט צוּ אִיר מַאדַאם גִיהַאט פוּן אִיר קִינְדְהַייט אָן
אַגְרוֹיסִין צוּא טְרוֹיעֶן וִויא צוּא אֵיינֶער מוּטֶער · דֶען דִיזֶע זַאהְרַא
וַואר אִיר זֵייעֶר גוּט · אוּנ וַואר דֶער צוּא אֵיינֶע גוּטֶע אוּנ פְרוּמֶע אוּנ
גָאטְשׁ פִירְכְטִיגֶע פְרוֹיא · אוּנ הָאט נָאךְ גִיהַאט דֶער צוּא דִיא
גַאנְצֶע דֵעָה אִין דֶער וִוירְטְשַׁאפְט הֶן אִין שְׁטוּבּ זַאכִין הֶן אִין גִישֶׁעפְט
זאכין

זאכין · אונ וואר העכסט גיאכט אונ גיליבט פון איר מאן · דאש ער האט פאר איר קיין גיהיימניס גיהאט קיין מאל · לבד דיזע פלוטאווסטווא וואש ער האט דא גיהאט מיט דיזעם האלי דעם שקלאווען הענדלער · אונ האט דאהער ווירקליך גימיינט · דאש דיזער האלי איז גיקומען אהער אום נור צו פאר קויפין שקלאווען אבער ניט צוא קויפין · דען צייט זיא וואר איינע פפלאנצערין וואר קיין נפש פאר קויפט פון איהרע גיטער :

2.

נון מיינע טייערע לעזערין איז שוין דיא העכסטע צייט אום צוא מאכין דיר באקאנט מיט דיזער עליזע וויל זיא וועט שפילין דיא הויפט ראלע אין דיזער גישיכטע · דיזע עליזע איז ערצויגין גיווארין פון איר דריטין יאר אן ביא דער מאדאם שעלבי · אונ זיא האט איר גיקויפט פון איין שקלאווען הענדלער וואש האט גיהאנדילט נור מיט קליינע קינדער · ער האט איר פאר שלעפט אהער פון טיפן זידין (דרום) זיא וואר איינע מולאטקע · דש הייסט גיבאהרין פון איינעם ווייסין פאטער אונ פון אמוטער וואש איז גיבאהרין פון אשווארצע מוטער אונ פון אווייסען פאטער · דאש זיא האט דארום מעהר אויש גיזעהען פאר איינע קרעאלין°) אלם פאר איינע מולאטקע · דיא פארבע פון איר הויט האט נור אויש גיזעהען דונקיל ברוין · איהרע האר וואר שוין ניט קרויז (גיגרייזילט אונ קורץ) נור לאנג אונ שווארץ · איר גיזיכט איידיל · איר וואוקס

°) צוואר האב איך שוין פריהער אין דער הקדמה שוין גישריבין וואש הייסט איין קראלע · דאך אויש בעזארגניס דאש מאנכע לעזער וועט דיא הקדמה ניט לעזין · זאג איך דא נאך אמאל דאש איין קראלע ווערט אן גירופין איינער וואש ווערט גיבאהרין אין אמעריקא פון אראפייעשין פאטער אונ פון איינער אראפייעשין מוטר · דיזעס קינד איז שוין ניט אזו ווייס וויא די עלטערין נור דונקיל ברוין · אונ זייא זיינען דארט דער גרעסטער אדיל :

קיניגליך · קורץ דער פון זיא וואר איינע פאלקאמענע (ריכטיגע) שוינהייט אונ האט גאנץ ווירגיניען איר גלייכין ניט גיהאט' נור אין איר שפיגיל · דער צו וואר זיא זייער קלוגי גוטי טיפזיניג · אונ זייער גישיקט אין נייען · אין שניידערירין · אינפוצמאכעריא · אונ וואר אויך געבילדעט · האט גישפראכין זייער שיין איינינע שפראכין · האט גוט גיזונגען · גיטאנצט · אונ אויך גישריבין · אונ זיא וואר דיא צאפע (פוצמאכערין אדער קאמער פרויא) פון דיזער מאדאם זאהרא · אונ ווייל זיא האט איר גיליבט וויא איהרע איינע אייגינע טאכטער · האט זיא איר ערצויגין אין דעם אידעשין גלויבין · אונ עש איז גיווארין פון איר איינע העכסט פרומע אידעשע קינד :

אונ עש וואר אלש זיא איז גיווארין אלט איאר צוואנציג האט זיא איר פאר הייראטהעט (חתונה גימאכט) מיט איינעם יונגין מולאט וואש מען האט אים גירופין דזארדז הארי וואש האט זיך ערצויגין פון זיינער קינדהייט אן בייא איינעם אידעשין פפלאנצער גוטס בעזיצער אין דעם אידעשין גלויבין נור צייט פון איאר צעהן איז ער פאר קויפט גיווארין צוא איינעם קריסטליכין פפלאנצער וואש האט גיוואונט ניט וייט פון שעלבעם גוט · אלע זונטאג פלעגין זיך דיזע פאר פאלג צוא זאמען קומען אין דעם צימער וואש דיא מאדאם האט אפ גיגעבין דער עליזע · אונ האבין זיך אזו דער לעבט דיזעם קינד דעם קליינעם דזים הארי זייא האבין זיך איינער דעם אנדערין העכסט גיליבט · אונ פלעגין קוים דער לעבין דעם זונטאג · דען אנאנצע וואך האט אים זיין הער ניט ארויש גילאזין פון זיינער פלאנטאזע · אונ דער נאך אין איאר ארום האט אים זיין הער פאר דונגען אין איין וואל פאבריק וואש וואר אויך ניט וייט פון שעלבים גוט וואש דער פאבריקאנט וואר אויך איין יהודי אונ וואש וואר דער צוא אויך זייער צו פרידין פון אים · דען ער וואר זייער פלייסיג אונ גישיקט אין דער ארבעט · פלעגט ער אים לויז לאזין אלע וואך אויף צווייא טעג · דאש הייסט אויף שבת אונ אויף זונטאג · אונ פלעגט נאך אים זייער אפט באשיינקען מיט

מאנכע

מַאנְכֶען טָאלֶער · וָואשׂ עֶר פְּלֶעגְט עֶם בְּרֵיינְגֶען אִין גַאנְצִין צוּא דֶער עָלְיזֶע · אוּנ זִיא פְּלֶעגְט עֶם אַוֶועק לֵייגִין אִין אִיר שְׁפָּאר פּוּשְׁקֶע דֶען זִיא פְּלֶעגְט אוֹיךְ זֵייעֶר אָפְּט בַּאשָׁאנְקִין וֶוערִין פוּן אִיר מַאדַאם · אוּנ אָפְּט פְּלֶעגְט זִיא אִיר לָאזִין שְׁנֵיידֶערִירִין אוֹיךְ פַאר אֵיינֶע אַנְדֶערֶע אוּנ הָאט זִיךְ אַיין גְזַאמִילְט אַקְלֵיינֶעם קַאפִּיטַאל · דֶען זִיא הָאט גוּט גִיוואוּסְט דָאשׂ עֶם טְרֶעפְּט אִין לֶעבִּין אַזֶעלְכֶע צַייטִין וָואשׂ דֶער גְרָאסִין אִיז דַאן נֵייטִיג וִויא דִיא לוּפְט צוּם אָטֶעמֶען :

אוּנ אַזוֹ הָאט זִיךְ דִיזֶער יוּנְגֶער מַאן אַוֶועק גִיוַואלְגֶערְט דָארְט אִין פַאבְּרִיק אַיָאר פִּיר אוּנ אִיז גִיוָוארִין אִין דִיא וָואל אַרְבֶּעט אַגְרוֹיסֶער קִינְסְטְלֶער דָאשׂ עֶר הָאט זֶעלְבְּסְט מַמְצִיא גִיוֶועזֶן אַמַאשִׁינֶע צוּם וָואל בֶּערְשְׁטִין וָואשׂ זִיא הָאט נָאךְ אִיר גְלַייכִין נִיט גִיהַאט אִין גַאנְץ אַמֶערִיקַא · אוּנ דָאשׂ גְרַאדֶע הָאט זֵייעֶר גִישַׁאדֶעט צוּ זַיינֶעם שְׁטִילִין גְלִיק · דֶען צוּא לִיבּ דֶעם אִיז זַיין הֶער זֶעלְבְּשְׁט אַרָאפּ גִיפָארִין אִין פַאבְּרִיק אוּם צוּא זֶעהֶען דִיא מַאשִׁינֶע · עֶר הָאט זִיא גִיזֶעהֶן הָאט זִיא בֶּעוואוּנְדֶערְט צְוַואר · אוּנ הָאט דֶעם דְזָארְדְז אָפּ גִינוּמֶען פוּן דֶעם פַאבְּרִיק · וַוייל עֶר הָאט פַּחַד גִיהַאט דָאשׂ עֶר זָאל דָארְט נִיט וֶוערִין בַּייא זִיךְ צוּ גְרוֹישׁ אוּנ צוּא פְרַייא · דֶען עֶר וַואר דָארְט הֶעכְסְט גֶעלִיבְּט בַּייא אַלֶעמֶען · אוּנ הָאט שׁוֹין גְדֵיינְקְט זִיךְ לוֹיז צוּ קוֹיפִין אוּנ דָאשׂ הָאט עֶר נִיט גִיוָואלְט אוּם נִיט צוּ וַוייזִין אַזוֹ אַיין בַּייא שְׁפִּיל פַאר זַיינֶע אִיבֶּערִיגֶע שְׁקְלַאוִין · אוּנ דַאמִיט עֶם זָאל אִים שׁוֹין דִיא לוּסְט צוּ פְרַייהַייט אִין גַאנְצִין אַרוֹישׁ פוּן קָאפּ · הָאט עֶר אִים גִילָאזְט אַרְבֶּעטִין בַּייא זִיךְ אִין זַיינֶעם צוּקֶער מִיל · אוּנְטֶער דֶעם בַּייץ פוּן דֶעם שְׁטְרֵיינְגִין (שְׁטְרָאגִין) אַקְאנָאם · אוּנ הָאט אִים זֶעלְבְּסְט אוּם זוּנְטָאג אוֹיךְ נִיט גִילָאזְט גֵיין צוּא זַיינֶער פְרוֹיא · אוּנ מִיט דֶער צַייט הָאט עֶר אִים אָן גִיהַייבִּין צוּא צְווִינְגֶען · דָאשׂ עֶר זָאל נֶעמֶען אַיינֶע אַנְדֶערֶע פְרוֹיא אֵיינֶע שְׁקְלַאוִין פוּן זַיינֶע נֶעגֶערִין · אוּנ דָאשׂ הָאט עֶר שׁוֹין נִיט עֶרְטְרָאגִין · עֶשׂ אִיז אִים גִיוָוארִין זַיין לֶעבִּין אִים צוּא לַאסְט · אוּנ אִיז אַרַיין גִיפַאלִין אִין אֵיינֶער פִינְסְטֶערִין אוּנ טְרוֹיעֶרִיגִין מָרָה שְׁחוֹרָה · דֶען עֶר הָאט

שרעקלי

שְׁרֶעקְלִיךְ גִּיבֵּיינְקְט נָאךְ דֶער עֶלִיזֶע · אוּנ נָאךְ דֶעם קְלֵיינֶעם דְוִים הַארְרִי · נוּן אַזוֹ וַייט דֶער וַויילֶע פוּן דֶער עֶלִיזֶע · וַייטֶער וָועלִין מִיר פִיל מֶעהְר פוּן אִיר רֵיידִין :

## 3.

אִין דֶעם זֶעלְבִּיגִין טָאג וָואשׁ דֶער הֶער שֶׁעלְבִּי וָואר צוּ זַאמֶען גִיקוּמֶען מִיט דֶעם שְׁקְלַאוֶוען הֶענְדְלֶער הַאלִיי אִיז דִיא מַאדַאם שֶׁעלְבִּי אַוֶועק גִיפָארִין פַאר אַהַאלְבּ מַייל צוּא אֵיינֶעם גִיוִויסִין אִידֶעשִׁין פְּפְלַאגְצִיר אוֹיף אַיין אָווִינְד · אוּנ דִיא עֶלִיזֶע אִיז זִיךְ גִיבְּלִיבִּין זִיצִין אַלֵיין אוֹיף דֶעם גַאנֶעק פוּן אִיהְר מַאדַאמְס צִימֶער וָואשׁ אִיז גִיוָוענְדֶעט אִין גָארְטִין אוּנ הָאט גִינֵייט · דָאךְ יֶעדֶער שְׁטָאךְ וָואר בֶּעפֵייכְטֶעט מִיט אֵיינֶעם גְרוֹיסִין טְרָאפִּין פוּן טְרֶערִין · עֶרְסְטִינְס וַואר זִיא בֶּעזָארְגְט וֶועגִין זִיךְ וֶועגִין דָאשׁ קִינְד · אוּנ נָאךְ מֶעהְר וֶועגִין אִיר מַאן דֶען זִיא הָאט אִים שׁוֹין נִיט גִיזֶעהֶען כַּמָּה חֳדָשִׁים · אוּנ צְוֵויטִינְס הָאט זִיא גִיוואוּסְט וִויא שְׁלֶעכְט עֶשׁ אִיז אִים בַּייא זַיינֶעם הֶערִין · עֶשׁ הָאט שׁוֹין גִיבֶּעטִין פַאר אִיהם דֶער הֶער שֶׁעלְבִּי אוּנ דִיא מַאדַאם זַאהְרַא · אוּנ עֶשׁ וָואר גָאר אוּם זִיסְט · נוּן וַואר עֶשׁ אִיצוּנְד וִויא זִיא אִיז זִיךְ דָא אַזוֹ גִיזֶעסִין אַיין גִיבּוֹיגִין אוּנ פַאר קִימֶערְט · הָאט אִיר אֵיינֶער פוּן הִינְטִין בֶּערִירְט זַייעֶר זַאנְפְט (פַּאוָואילֶע) · אוּנ זַייעֶר פְרַיינְדְלִיךְ · זִיא הָאט זִיךְ בַּאלְד אוּם גִיקֶערְט אוּנ הָאט דֶער זֶעהֶען אִיר מַאן אוּנ הָאט זִיךְ זַייעֶר דֶער שְׁרָאקִין פַאר אִים דֶען עֶר הָאט אוֹישׁ גִיזֶעהֶען זַייעֶר שְׁלֶעכְט · אוּנ זַייעֶר פַאר קִימֶערְט · זַייא הָאבִּין אֵיינֶע הִיבְּשֶׁע צַייט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין אָן גִיקוּקְט וִויא אוּנְבֶּעקַאנְטֶע · דֶען זַייא הָאבִּין זִיךְ בֵּיידֶע אִין דִיזֶע עֶטְלִיכֶע מָאנַאטִין וָואשׁ זַייא הָאבִּין זִיךְ נִיט גִיזֶעהֶען זַייעֶר פִיל פַאר עֶנְדֶערְט : דָאשׁ זַייא הָאבִּין זִיךְ נִיט דֶער קֶענְט · אוּנ דֶער נָאךְ הָאבִּין זַייא בֵּיידֶע אוֹישׁ גִיבְּרָאכִין אִין אֵיינֶעם שְׁרֶעקְלִיכִין וַויינֶען · אוּנ דַאן הָאט אִים דִיא עֶלִיזֶע אַרַיין גִיפִירְט אִין אִיר צִימֶער · אוּנ דָארְט הָאט אֵיינֶער אוֹישׁ גִישָׁאטִין זַיין בִּיטֶערֶעם הַארְץ פַאר

דעם

דעם אנדערין · דער דזארדז האט איר פריהער גיוויזין זיינע וואונדין
אויף זיינעם רוקין פון דעם חלאסקען מיט דעם בייץ · אונ דער
נאך האט ער איר אויש גיזאגט דיא וואונדין פון זיינעם הערץ ·
דאש זיין הער דער טיראן צווינגט אים אלע טאג דאש ער זאל איינע
פון זיינע נעגערין נעמען „אום גאטעס ווילין„ האט דיא עליזע אויש
גישריען „מיר האבין דאך חתונה גיהאט כדת משה וישראל בחופה
וקדושין„ „נון מיינע טייערע עליזע„ האט ער צוא איר גיזאגט · דוא
ווייסט דאש דיא היזיגע געזעצע זאגט דאש קיין שקלאווע האטקיין
רעכט צו פאר הייראטהען זיך · אונ זיין הער האט דאש רעכט
אלע מאל זיינע פרויא אוועק צוא געבין איינעם אנדערין · אויב זיא
איז נור אויך זיינע אשקלאווין „אוי שרעקליך„ האט זיא זיך אפ
גירופין · אונטער אזעלכע אונ מענשליכע גיזעצע לעבין מיר ? אונ
וואש דען האסט דוא גימיינט האט ער צוא איר גיזאגט · פיל גלייכער
וואלט גיוועזען דאש מיר וואלטין אונז ניט גיקענט · אונ ניט חתונה
גיהאט · אונ דיזעם ארעמען דזים ניט אויף דיזע טרויעריגע אונ
איינגע וועלט גיבראכט · דען פאר געווים וועט אים מיט דער צייט
אויך אזו ווערין שלעכט וויא מיר · דען דער עולם זאגט אין דרייא
זאכין זאל מען זיך ניט איין טרויען · ניט אין (ים) מער · ניט אין
דיא שטאנד האפטיקייט פון דער פאגאדע · אונ ניט אין איינע
הערין געפעליקייט · אט גלויב מיר דיין הער וואש ער איז דיר שוין
גאנץ גוט · אונ שפילט זיך מיטין דזים וויא איין צערטליכער פאטער ·
וועט ער אייך ביידין ביא דער ערסטין אונ בעסטען געלעגענהייט
פאר קויפין · ביא דיזע ווערטער איז זיא גיבליבין זיצין אן כוחות ·
אונ דער נאך אלס זיא איז צו זיך גיקומען האט זיא אים גיפרעגט
צוא האט ער עפעס דער פון גיוואוסט אדער גיהערט · ניין מיינע ליבע
פרויא האט ער איר גיענטפערט · איך זאג עש מיר אזו „ניין מיין
ליבער מאן„ האט זיא אים גיענטפערט · האב איך דיר אויך וואש
נאך שרעקליכערעס צוא דער ציילין · אונ האט אים אזו דער
ציילט דעם גאנצין גישפרעך פון איהרעם הערין מיט דעם האלי

 וואש

וואש זיא האט אליין געהערט :

„נוא מיינע פרויא, האט ער איר געענטפערט · מענסט גלויבין מער וואש דיינע אויערן האבין געהערט אלס וואש דיינע דאמע זאגט דיר · איך ווייס דאש דיין הער איזט זייער פאר שווינדעלט · ער מוז מיט דער צייט פערקויפין אייך אליסמען · דיין מאדאם ווייס גאר ניט איז פיל · „נוא וואש טוט מען האט זיא איס געפרעגט זייער צו שראקין, דער צו איז קיין אנדער מיטיל דא וויא נור צו אנטלויפן · מיר זיינען דא ניט ווייט פון דעם גרענעץ פון דיא נארד אמעריקאנישע שטאטען (מְדִינוֹת) וואש דארט איז שוין פון כַּמָּה יאר קיין שקלאווערייא דא · נון קען מען זייער לייכט דורך דארט לייפין קיין קאנאדע וואש געהערט צוא איינגלאנד וואש די געזעצע פון אמעריקא האבין שוין דארט קיין מאכט · מיר וועלין דארט פרייע מענטשין זיין אונ דער נערין אונז פון אונזער האנד ארבעט · איך וועל פאר דינען אין איין וואלען פאבריק · אונ דוא וועסט פאר דינען פון דיינע נייערייא · „א, מיין ליבער דזארדזי האררי, האט זיא איס געענטפערט עש איז איין צו חוצפּהדיקער געדאנקען צוא אנטלייפין · דער מאן זיך דורך וועלכע געפאהרע (סַכָּנוֹת) מיר וועלין דאש מוזין וואנדערין · באהיטע אונז גאט האפט מען אונז · דא זיינען מיר דאך העכסט אום גליקליך · אונ, צווייטענס איז בייא מיר איינע גרוישע זינדע צוא אנטלייפין פון אזעלכע הערשאפטין וואש האבין מיך ערצויגין וויא עלטערין אונ ווארין מיר נאך אזו גוט ביז אהער · ניין ! מיין הערץ דער לאזט עש מיר ניט צו טאן „ניין מיין ליבע פרויא, האט ער איר געענטפערט · ווען דיר איז באנגע עס צוא טאן אונ האסט דער וייל קיין מוט · וועל איך דער ווייל אליין אנטלייפין · אונ ווען עס וועט מיר גליקין אן צוא קומען אין גאנצין קיין קאנאדע וועל איך ארבעטין מיט אלע מיינע קרעפטין אום צוא זאמלען געלט אום אויש צוא לייזין דיך · נור איך גלויב דוא וועסט ניט ווארטין אזו לאנג · דען דוא וועסט אליין אויך אנטלייפין :

„אוי מיר גרויעט דיא האר פאר דיזין געדאנקען, האט צוא

אים

אִים דִיא עָלִיזָע וַוייטֶערגִיזָאגְט · אִיךְ גְלוֹיבּ דָאשׁ מֶען מוז שׁוין דִיךְ זוּכִין דָארְט בַּייא דַיינֶעם הֶערִין · דֶען דוּא בִּיזְט דָאךְ צוּא מִיר אַהֶער בְּוַדַאי אוֹיךְ גִיקוּמֶען אָן עֶרְלוֹיבֶּענִיס „נַיין מַיין פְרוֹיא״זַייא אוּנְבֶּזָארְגְט וֶוענִין דֶעם · מֶען וֶועט מִיךְ אַזוֹ גִיךְ נִיט זוּכִין דָארְט׳ מֶען הָאט מִיר גִיגֶעבִּין אַבְּרִיף אַוֶועק צוּא טְרָאגִין פַאר אַמַייל צְוַואנְצִיג · נוּן דַארְף דָאשׁ גִיוֶוערִין דֶער הִין אוּנ צוּא רִיק מֶעהְר אַלְס צְוַוייא וָואכִין · נוּן לַייף אִיךְ אַוֶועק דֶער וַוייטֶע צוּם גְרֶענֶעץ · אוּנ דָארְט זַיינֶען שׁוין דָא פְרַייעָ מוּרִינֶען טְרַאנְסְפָּארְטִירֶער וָואשׁ פֶּעקְלֶען אַרִיבֶּער מֶענְטְשִׁין וְויא סְחוֹרָה · „נוּא גוּט מַיין מַאן, הָאט זִיא צוּא אִים גִיזָאגְט · דֶער צוּא בְּרוֹיכְט מֶען דָאךְ צוּא הָאבִּין גֶעלְט „הָאט מֶען דָאס׳ אִיז אַוַדַאי גוּט, הָאט עֶר אִיר גִיעֶנְטְפֶערְט · אוּנ וֶוען נִיט אִיז אוֹיךְ רֶעכְט · דֶען יֶענֶע נֶעגֶער וָואשׁ פֶּעקְלֶען אַרִיבֶּער לֵייגִין אוֹים שׁוין אַלֶע קָאסְטִין לְבַד זַייעָר מִיהֶע אוּנ נֶעמֶען אַרוֹים נוּר אַוֶועקְסִיל אוֹיף אַגֶעוִויסִין סַךְ פוּן דֶעם וָואשׁ זַייא טְרַאנְסְפָּארְטִירִין אַרִיבֶּר · וָואשׁ עֶר צָאלְט עֶם אוֹישׁ בִּיז אַיין גְרָאסִין מִיט דֶער צַייט זַייעֶנְדִיק דָארְט אִין קַאנַאדֶע · נוּא מַיין לִיבֶּער דְזָארְדְז אִין גָאטֶעס נָאמֶען · רֶעטֶע דִיךְ וֶוען דוּא קָאנְסְט · אוּנ פַאר גֶעס נִיט מִיךְ אוּנ דַיין קִינְד · אוּנ דִיזֶעם זָאגֶענְדִיק הָאט זִיא אִים אַריין גְרוּקְט אִין הַאנְד אַבִּינְדִיל מִיט צְוַואנְצִיג דוּקָאטִין „נֶעם עֶשׁ מִיט, הָאט זִיא צוּא אִים גִיזָאגְט · דֶער רַייכְסְטֶער הָאט קֵיין מָאל צוּא פִיל גֶעלְט אוֹיף דֶער רַייזֶע אוּנ מִכָּל שֶׁכֵּן דָאשׁ דוּא בִּיזְט אָן אַגְרָאסִין · דָאשׁ אִיז נוּר אַיין דְרִיטִיל פוּן אוּנְזֶער פַאר מֶעגִין · דָאשׁ אִיבֶּערִיגֶע בֶּעהַאלְט אִיךְ פִיר מִיךְ אוּנ פַאר מַיין דְזִים הַארְרִי :

נוּן וַואר דָארְט ווִידֶער גִיוַויינְט אוּנ גִיקְלָאגְט · מֶען הָאט זִיךְ צֶעהֶען מָאל גִיזֶעגִינְט · צֶעהֶן מָאל צוּא קוּסְט · דָאשׁ קִינְד אִיז גִיוָוארִין דוּרְךְ גִנֶעצְט פוּן טְרֶערִין · מֶען הָאט זִיךְ פוּפְצֶעהֶן מָאל פַאר שְׁפְּרָאכִין צוּא שְׁרַייבִּין אַיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין דֶען דֶער דְזָארְדְז וַואר אוֹיךְ אַיין גִילֶערִינְטֶער יוּנְגֶער מַאן · אוּנ מֶען הָאט זִיךְ אַזוֹ גִישַׁייְדֶעט בִּיז אַרוּם זַייגֶער עֶלְף בַּייא נַאכְט · אוּנ דֶער דְזָארְדְז אִיז אַוֶועק עֶשׁ

הָאט

הָאט אִים דָארְט אִין הוֹיף קַיין אוֹיג גִיזֶעהָען אוּנ קַיין אוֹיעָר גִיהֶערְט׃

## 4.

דָארְט נִיט וַוייט פוּן דֶער פְּלַאנְטַאזָע (גוּט) אִיז גִישְׁטַאנֶען לֶעבִּין אַנִידִיכְטִין וַואלְד אַשַׁיין הוֹיז אַרוּם גִיצוֹימְט מִיט הוֹיכָע רוּנְדָע שְׁטַאנְקֶעטֶעם וָואשׁ. אַרוּם זַייא הָאבִּין גִיוַואקְסִין אוּנ גִיוִויקִילְט זִיךְ הָאפִּין אוּנ טַייצָעשָׁע בֶּעבְּלַאךְ׃ אוּנ הָאבִּין עֶס אַזוֹ בַּאקְלֵיידֶעט מִיט זַייעָרָע בְּלֶעטֶער דָאשׁ זַייא הָאבִּין אוֹישׁ גִיזֶעהֶען צוּא זַאמֶען וִויא אַיין גְרִינֶער אוֹישׁ גִיוַואקְסֶענֶער פַּארְקַאן׃ דֶער שְׁטִיקִיר פְּלַאץ וָואשׁ וַואר אִינְוֵוייניג וָואר פַאר פְּלַאנְצְט מִיט דִיא שֶׁענְסְטֶע בְּלוּמֶען אוּנ רוֹיזִין׃ אוּנ דֶער צוּא נָאךְ וַואר דָארְט אַיין קְלֵיינֶער קִיכִין גָארְטִין זַייעָר גוּט צוּא גִיזֶעהֶען׃ דִיא שְׁטוּב אַלֵיין וָואר נִיט אִיבֶּערִיגְס גְרוֹישׁ דָאךְ אָבֶּער זַייעָר רַיין׃ זוֹיבֶּער׃ אוּנ זַייעָר אָרֶענְטְלִיךְ צוּא גִיקְלֶיבִּין׃ יֶעדֶע זַאךְ אִיז גִישְׁטַאנֶען אוֹיף אִיר אָרְט׃ דָאשׁ עֶשׁ וַואר זַייעָר לַייכְט צוּא פַאר שְׁטֵיין דָאשׁ אִין דִיזֶעם הוֹיז הֶערְשְׁט אֵיינֶע גְרוֹישֶׁע וִוירְטִין׃ אוּנ דָאשׁ וַואר דַאשׁ הוֹיז פוּן דֶעם אָנְקֶעלְטָאם וָואשׁ דֶער הֶער שֶׁעלְבִּי הָאט אִים דֶעם הַאלִי אָן גִיגֶעבִּין פוּן דִיזֶער פְּלַאנְטַאזֶע אִין אַהוֹב׃ דִיא פְרוֹיא זַיינֶע הָאט גִיהֵייסִין חָלֶאיֶע׃ דֶער אָנְקֶעלְטָאם וַואר דֶער אוֹיף זֶעהֶער אִיבֶּער דֶעם גַאנְצִין מַאיָאנְטִיק׃ אוּנ זִיא דִיא חָלֶאיֶע וָואר דִיא גְרֶעסְטֶע קוּכַארְקֶע בַּייא הֶערִין שֶׁעלְבִּי אִין קִיךְ׃ בֵּיידֶע וַוארִין קֵיינֶע יוּדִין אוּנ קֵיינֶע קְרִיסְטִין וִויא מִיר הָאבִּין שׁוֹין דָא פְרִיהֶער דֶער צֵיילְט׃ אוּנ דָאךְ וַוארִין זַייא בֵּיידֶע פְרוּמֶע גוּטֶע לַייט׃ הָאבִּין גִיגְלוֹיבְּט אִין דֶעם אֵיינְצִיגִין גָאט׃ אוּנ פְּלֶעגִין פְלַייסִיג צוּא לֶעזִין דִיא בִּיבֶּעל׃ דֶען בִּיז זַייעָר אָן קוּמֶען אַהֶער וַוארִין זַייא גָאר אָן אַגְלוֹיבִּין׃ נוּן הָאט דִיא מַאדַאם שֶׁעלְבִּי גִילָאזְט זַייא אִין זַייעָר יוּגִינְד לֶערְנֶען אַיין עֶטְוַואס שְׁרַייבִּין׃ רֶעכֶענֶען׃ אוּנ דִיא בִּיבֶּעל לֶעזִין אִין אֵיינְגֶעלְשִׁין׃ דָאךְ נִיט בַּאשְׁנֵיידִין אוֹיב וואוֹל עֶס אִיז דָאשׁ דָארְט גַאנְץ עֶרְלוֹיבְּט׃ וַוייל זִויא נוּר זַייא וָואלְטִין וֶוערִין רֶעכְטֶע יוּדִין וָואלְטִין זַייא מוּזִין עַל פִּי דֶעם אִידֶעשִׁין דַת

באלד

באלד אויף דער שטערבע בעפרייען°) · דיזע חלאיע פלעגט בעשעפטיגט זיין אין דער קיכע פון שעלבי נור אין דעם טאג וואש פלעגין צוא זיין דארט געסטע אין הויף אונ ווייטער וואר זיא זיך צוא הויז אונ פלעגט פאר זארגין איהרע ווירטשאפט :

אין דיזעם אונגליקליכין טאג איז גראד גיקומען צוא פארין איזאק · שעלבים אזון פון איאר זיבענצעהן · פון אנעוויסין יריד אונ האט גיבראכט דער חלאיע וואש זיא פלעגט אים אוים צוא באקין אלע מאל גוטע קוכין · אונ וואר איר אונ איר מאן אונ איהרע קינדער אזו גוט וויא זייערער איין אייגענער · האט ער איר גיבראכט צעהען ביבלישע פאטרעטין · איין גיפאסט אין מאהאן · עש וואר אויף איינעם גימאלט דיא גישיכטע פון יוסף מיט דיא צעהען ברידער · דיא גישיכטע וויא מען האט משה אריין גיווארפין אין וואסער · דיא גישיכטע פון שמשון הגבור · פון גלית הפלשתי, אונ דאש גלייכין · זייא וואדין גימאלט מיט דער העלשטע פארבע · אונ זייער עכט · עס וואר עש בייא איר אגרויסע מתנה אונ האט דער מיט פאר שיינט גאר דיא שטוב · אונ איהרע דרייא קליינע יונגען האבין זיך עש ניט גיקענט אפ קוקין · אונ דער פאר האט דיא חלאיא דער האלטין דעם איזאק בייא זיך אויף אוונד ברויט · דען זיא האט גימאכט פאר אים איינע פאסטעטע (באפקע) פון בארוויקעס וואש איזאק האט עש זייער ליב גיהאט · אונ מען האט זיך דארט רעכט לוסטיג גימאכט · דעם ווירט האט מען גירופין „אנקעלטאם„ ווייל אלע האבין אים ווירקליך ליב גיהאט דיזין טאם · אונ וואר יעדערין אזו גוט וויא איין אנקעל וואש דאש איז דער טייך פעטער · אונ דאהער וואר זיין שטוב דארט אין דער פלאנטאזע דער זאמער פלאץ פון אלעמען וואש וואדין דארט · דארט בייא אים אין שטוב האט מען זיך אן גיהערט אלע נייעס · דארט האט

מען

---

°) אויב וואול עס וואר דער דין פאר צייטין דאש איין עבד כנעני האט מען מל גיווען · איצונד אבער איז דאש ניט נוהג :

מען גיוואוסט צוא איז היינט דער הער פריילין צוא אומיטיק · וועלכע קנעכט מען האט צוא גיקויפט · וואש פאר געסטע עש ווערין היינט צוא אן בייסין · אין דיזעם טאג וואר נור צוא הערין דאש דער שקלאווען הענדלער האלי וואר ביא דעם הערין אויף אגלעזיל וויין · אונ אין אויף מארגין גילאדין צום מיטאג · אונ ווידער דאש דיא מאדאם האט פאר שפראכין דער עליזע צו שיינקען ארויטע פאציילע · אונ דער צוא נאך אנייע נעסעלטיכענעם קליידע · אונ דאש דער ראנדאר זימאן ליבט זיך אין דער נעגערין לופקא · אויך פלעגין זיך אהין דיא נעגער צוא זאמען קלייבין אלע זונטאג אום צו הערין פון דעם אנקעלטאם די ביבער · אונ היליגע ערציילונגען · אונ צוא זינגען הייליגע לידער פון תהלים · זעלבסט דיא יונגע קרעאלען אונ קרעאלינען פלעגין אויך האבין איין פאר געניגין צוא קומען צוא דעם אנקעלטאם אין שטוב , אונ צו פאר ברייגגען מיט אים אונ מיט איר דען זייא ווארין זייער פריינדליכע מענשין · אונ פלעגין קיינעם ארויש לאזין אן אכבוד · דען זייא האבין גיוואוסט צוא צו ריכטין אלער האנד גיטראנקען פון פאר שיידענע ווארצלען אונ זאפטין וואש עס וואר איין דער קוויקענעם אין דיא גרויסע היצין · אונ אזו וואר דארט דער יונגער שעלבי דער איזאק אגרויסער איין גייער ביא דעם אנקעלטאם אין שטוב · אונ פלעגט כמה מאל בעסער הנאה האבין פון עסין ביא דער חלאעם טיש אלם ביא דעם טיש פון זיינע עלטערין :

אונ עס וואר אלם דער אנקעלטאם איז זיך דא גיזעסין אין דער היים צוא ווישין זיין פאמיליע , אונ דער יונגער שעלבי וואר אויך דארט אונ האט גיהאלפין ארדענען דיא פאטרעטין · האט דער ציילט נייעם פון דעם יריד וואש ער איז פון דארט גיקומען · אונ וואש אפערטיל שטונדע שפעטער איז גיווארין זיין הייזכען אלץ פולער אונ פולער · פון באקאנטע נעגער אונ הויפיגע, זיינען זיך דער ווילע צוא זאמען גיקומען , דער הער שעלבי מיט דעם שקלאווען הענדלער האלי אין דעם זעלבינין צימער וואש זיינען גיזעסין ביא

טאג

טָאג בַּייא אַבּוּטָעלְקָע וַויין · נוּר אָן שְׁטָאט דִיא גְלֶעזֶער אוּנ דִיא בּוּטָעלְקָע וויין הָאבִּין פַאר נוּמֶען פְּלַאץ אויף דָעם טִישׁ אַטִינְט אוּנ פֶּעדֶער · רֶעכֶענוּנְגֶם פַּאפִּירִין · אַקְטִין · דָאקוּמֶענְטִין · נוּן פַאר שְׁטֵייט זִיךְ שׁוין פוּן זִיךְ אַלֵיין · דָאשׁ דָאס וַואר אֵיינֶע פוּן אֵיינַאנְדֶער שְׁרֵייבּוּנְג פוּן דָעם אָנְקֶעלְטָאמְס מְכִירָה אוּנ פוּן דָעם קְלֵיינֶעם דְזִימְס הַארְרִי · אוּנ דָער נָאךְ אַלְס זֵייא הָאבִּין זִיךְ אוּם גִיבִּיטִין מִיט דִיא פַּאפִּירִין וִויא גִיהָערִיג אִיז · שֶׁעלְבִּי הָאט פוּן דָעם הַאלִי אָפּ גִינוּמֶען זַיינֶע וֶועקְסְלֶען · אוּנ הַאלִי זַיינֶע קוֹיף פַּאפִּירִין · דָאקוּמֶענְטִין · זַיינֶען זֵייא זִיךְ וִוידֶער פוּן אֵיינַאנְדֶער גִינַאנְגֶען · דָער הַאלִי אִיז אַרוֹיס פוּן דִיזֶעם צִימֶער זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ · דָער שֶׁעלְבִּי אָבֶּער זֵייעֶר צוּא מִישְׁט אוּנ זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג · אוּנ הָאט בַּייא זִיךְ גִיטְרַאכְט „אָ אִיךְ וָואלְט שׁוין גֶערִין גִיוֶוען דָאשׁ עֶשׁ זָאל שׁוין זַיין אֵיינֶע שְׁטוּנְדֶע נָאךְ דָעם · דֶען אִיךְ גְלוֹיבּ נִיט דָאשׁ דִיא זַאךְ זָאל אַזוֹ גְרַאט אָפּ לֵייפִין„ דָער צוּא וַואר אִים זֵייעֶר בַּאנְק פַאר זַיינֶער פְרוֹיא · וָואשׁ זִיא וַואר בַּייא אִים זֵייעֶר טַייעֶר אוּנ זֵייעֶר לִיבּ · נוּן הָאט עֶר גִיטָאן גָאר אָן אִיר וִויסִין אַזוֹ · אַווִיכְטִיגִין אִינְטֶערֶעס צוּא פַאר הַאנְדְלֶען צְווַייא זַיילִין פוּן זַיינֶע שְׁקְלַאוִוין וָואשׁ בֵּיידֶע וַוארִין בַּייא אִיר דִיא אוֹיגִין אִין קָאפּ:

5.

דִיא גְרֶעסְטֶע אוּנ לֵיינְגְסְטֶע וִוינְטֶער נַאכְט פוּן גַאנְצֶע זִיבֶּעצִין שְׁטוּנְדִין בְּלַייבְּט נָאךְ אויךְ זֵייעֶר אָפְּט צוּ קוּרְץ אוּנ צוּא שְׁמָאל אוּם אַיין צוּא דֶעקִין דִיא אוֹיגִין פוּן אַלֶע מֶענְטְשִׁין מִיט אִיהְרֶען זִיסִין אוּנ לֵייד פַאר גֶעסֶענֶען שְׁלוּמֶער · מַאנְכֶע אוֹיגִין בְּלַייבִּין וַואךְ בִּיז דָעם גְרוֹיסִין טָאג · אוּנ דַאן שְׁלִיסְט זֵייא צוּ דִיא הַאנְד פוּן אֵיינֶעם שְׁוֶוערִין בְּלַייעֶרְנֶעם שְׁלָאף וָועלְכֶער נוּר דְרִיקְט, אָבֶּער נִיט עֶרְקְווִיקְט · אוּנ דִיזֶער פַאל וָואר אִין דִיזֶער נַאכְט דָא אִין דָעם הָערִינְס שֶׁעלְבִּעס פְּלַאנְטַאזֶע (גוּט) דֶען עֶשׁ הָאבִּין דָא נִיט גִישְׁלָאפִין בִּיז טָאג נִיט דָער הָער שֶׁעלְבִּי, נִיט זַיינֶע פְרוֹיא, נִיט דִיא עֶרִיזָע · נִיט אִיר קִינְד · אוּנ אַזוֹ אויךְ דָער אָנְקֶעלְטָאם מִיט זַיינֶער גַאנְצִין פַאמִילְיֶע · דָער

הער

הָער שֶׁעלְבִּי וִויא מִיר ווַייסִין שׁוין הָאט שׁוין גִיהַאט זַיינֶע זָארְגִין · אוּנ דִיא מַאדַאם וָואשׁ אִיז גִיקוּמֶען אַרוּם הַאלְבֶּע נַאכְט פוּן צוּ גֶעסְט וואו זִיא וַואר דָארְט אויף דֶעם אָבִינְט · אִיז אויךְ גִיקוּמֶן אַנִיקְרֵיינְקְטֶע · אַיין צוּ בְּרָאטִינֶע · דֶען זִיא הָאט דָארְט גִיהַאט אַפַּאר דְרוּם · אַיין בַּאלֵיידִיגוּנְג ווִיא גִיוואוּנְלִיךְ עֶשׁ גֵייט צוּא אויף דִיא גְרוֹישֶׁע גֶעזֶעלֶענְשַׁאפְטֶען · דֶער צוּא נָאךְ וַואר זִיא אָן גִישְׁטוּיסִין אויף אִיר מַאן וָועגִין דִיא גִישִׁיכְטֶע וָואשׁ דִיא עֶלִיזֶע הָאט אִיר הַיינְט דֶער צֵיילְט פוּן זַיין גִישְׁפְּרֶעךְ מִיט דֶעם שְׁקְלַאוֶוען הֶענְדְלֶער · עֶלִיזֶע הָאט נִיט גִישְׁלָאפִין · עֶרְשְׁטִינְס ווַייל זִיא וָואר הֶעכְסְט אוּם רוּהִיג וָועגִין זִיךְ · וָועגִין אִיר קִינְד · וָועגִין אִיר מַאן · אוּנ צְווֵייטִינְס הָאט זִיךְ אִיר גִיוָואלְט הֶערִין דֶעם גִישְׁפְּרֶעךְ וָואשׁ דָא וָועט זַיין צוּא וִוישִׁין דֶער מַאדַאם אוּנ אִיר מַאן וָועגִין אִיר · דֶען זִיא הָאט גִיוואוּסְט דָאשׁ נוּר דַאן אַלְס זֵייא זַיינֶען בֵּיידֶע אִין שְׁלָאף צִימֶער רֶעכִינְט זִיךְ דִיא מַאדַאם מִיט דֶעם הֶערִין אָפּ פַאר אַלֶע זַיינֶע פֶעלֶערִין וָואשׁ עֶר מַאכְט אָפְט בַּייא טָאג · אוּנ אַזֶעלְכֶע פְּרֵיידִיגְטִין פוּן אוּנְטֶער דֶער מַאדַאמְס פָּארְהַאנְג וַואר אִיר אִימֶער אַלוּסְט צוּא הֶערִין אוּנ פְּשִׁיטָא שׁוין הַיינְטִיגִין פְּרֵיידִיגְט (דְרָשָׁה) וָואשׁ וָועט פַאר גִיוִוים נוֹגֵעַ זַיין נוּר אִיר · בַּייא דֶעם טָאם הָאט מֶען נִיט גִישְׁלָאפִין ווַייל עֶם וַואר אָן גִיזָאגְט אִים דָאשׁ עֶר זָאל זִיךְ צוּא קְלַייבִּין אִין וֶועג · אוּנ דָאשׁ פְלֶעגְט אָפְטֶער גִישֶׁעהֶען דָאשׁ זַיין הֶער פְלֶעגְט אִים צוּא שִׁיקִין אִין וֶועג אַרַיין אוּם אַמָאל וָואשׁ צוּא פַאר קוֹיפִין אוּנ אַמָאל וָואשׁ אַיין צוּ קוֹיפִין · נוּן וַואר דִיא חְבְרָאיֶע בֶּעשֶׁעפְטִיגְט דָארְט וָואשׁ אוֹיס צוּ בַּאקִין פַאר אִים אוּנ וַויים גְרֶעט צוּא רֶעכְט מַאכִין · אוּנ עֶר אַלֵיין הָאט גִיאָרְדֶענְט זַיינֶע רֶעכוּנְקֶעס אוּם עֶם אָפּ צוּא גֶעבִּין זַיינֶעם הֶערִין בִּיז עֶר וָועט צוּ רִיק קוּמֶען · נוּן דֶער ווַיילֶע מַיינֶע טַייעֶרֶע לֶעזֶערִין · ווַייל מִיר קֶענֶען דָאךְ אַלְץ מִיט אַיין מָאל נִיט הֶערִין · אוּנ נִיט זֶעהֶען · וָועלִין מִיר אוּנְז וָוענְדִין צוּא דֶעם שְׁלָאף צִימֶער פוּן אוּנְזֶערֶע הֶערְשַׁאפְטִין (בַּעֲלֵי בַּתִּים) :

„זָאג מִיר אַבְּרַאם„ הָאט זִיךְ דִיא מַאדַאם זַאהְרַא אָפּ גִירוּפִין

צוא אים זעהענדיק דאש ער שלאפט ניט אונ קערט זיך פון איין זייט אויף דער אנדערין · זאג מיר וואש ביסט דוא פאר איין מחותן מיט דעם פאדלעץ האלי דעם זיילין העגדלער וואש דוא האשט מיט אים צוא זאמען גיטרונקן וויין נעכטין אין דעם נאסט ציטער · אונ האשט נאך היינט גילאדן אים צו זיך אויף מיטאג · איך וואלט מיט אזו אנידעריגין מענטשין קיין חבר לאפ גימאכט דען ער איז פיל נידעריגער אלס אקאנוך „אונ דוא ביסט באלד ארויש מיט דיינעם האנער„ האט ער איר גיענטפערט · איך קויף ביי אים דאך וויא דוא ווייסט זייער אפט שקלאווען · אונ פאר געסטערין זיינען מיר ביידע גיקומען צוא פארין אין איין דעליזאנס · האב איך אים שוין גימוזט איין לאדין צוא מיר אויף אגלעזיל וויין אונ אויף מארגין צוא מיטאג · אונ ווען דוא וואלשט פארין צוא זאמען מיט דעם הענקער (קאט) ווארשט דוא אים אויך איין גילאדין צו זיך ? האט זיא אים גיפרעגט מיט איינער הערישע שטימע „נוא מיינע פרויא„ האט ער איר גיענטפערט זייער קאלט · ווען יעדערער וואלט דארפין גיין ? ריידין · עסין אונ טרינקען נור מיט זיינעם גלייכין וואלט דאך אקייזער דארט אין אראפא ניט האבין מיט וועמען אוואורט אויש צוא ריידין „הער צוא שעלבי„ האט זיא צוא אים גיזאגט · האלט מיך ניט פאר אזו אנארין דאש איך געפין מיך דורך דעם בעליידיגט וואש דוא צייגסט זיך פריינדליך צוא איינעם נידעריגערין פאר דיך · דען דאש טוא איך מעהר אלס דוא · דוא זעהסט דאך וויא איך בעגייא מיר מיט אונזערע שקלאווען · ווען זייערע פרויען ליגין אין קינד בעט גייא איך זיי באזוכין · ברייננ מיט זיך לאבונגען · שפיל מיך אן מיט דעם נייעם גיבארענעם קינד · ניין מיר קרייגקט אבער גאר איין אנדער זאך · איך ווייס דאש דיזע איינלאדונג איז מעהר אלס איינע הוילע באקאנטשאפט · ער וויל אויש קאפערין ביי דיר דעם אנקעלטאם · דיא עליזע · דעם קליינעם דזים · אונ וויא עליזע וואש איז גישטאנען אונטערין טיר אונ האט גיהערט אייער גישפרעך · האט מיר נעכטין באלד דער ציילט ווייזט אויש

דאש

דָאשׁ דוּא הָאשְׁט אִים שׁוין אַפָּנִים וִויא פַאר סַאחָערְט׳ נוּן אַזוֹ פִּיל אוּם רֶעכְט אוּנ דוּמְהַייטִין אוּיף אַיין מָאל צוּא בַּאגֵיין׳ אִיז עֶס אוּנ פָערְצַייהְלִיךְ (נִיט מוֹחֵל צוּא זַיין) אוּנ וָועל דִיר עֶשׁ טַאקֶע נִיט פָערְצַייהָען׳ עֶשׁ וָועט שׁוין פוּן הַיינְט אָן זַיין אַיין עֶנְדֶע מִיט אוּנְזָער הוֹיז פְרִידָען׳ גִינוּג אִיךְ וַואר אַנַאר וָואשׁ אִיךְ הָאבּ מִיךְ בִּיז אַהָער בֶּעמִיהָעט אַרוּם אוּנְזֶערִין הַייזְלִיכִין גְלִיק׳ וִויא אִיךְ זֶעה שׁוין אַיין הָאבּ אִיךְ שׁוין נִיט פַאר וֶועמֶען צוּא אַרְבֶּעטִין׳ אוּנ הָאט דָער בַּייא אוּישׁ גִיפְּלַאצְט מִיט אַשְׁרֶעקְלִיכִין וֵויינֶען :

„לַארֶעם נוּר נִיט זַאהְרַא„ הָאט עֶר אִיר גִיעֶנְטְפֶערְט „דִיא עֶלִיזֶע בְּלַייבְּט דַיינֶע וִויא גִיוֶועזִין׳ אִיךְ הָאבּ אִים נוּר דֶעם אָנְקֶעלְטָאם אוּנ דֶעם קְלֵיינֶעם דְזִים הַארְרִי פַאר קוֹיפְט„ „פַאר קוֹיפְט„ הָאט זִיא אָן גִיהַייבִּין צוּא שְׁרַייעָן׳ בֵּיידִין אוּיף אַיין מָאל׳ נוּן הַייסְט עֶס אַרוּישׁ גִינוּמֶען פוּן אוּנְזָער פְלַאנְטַאזֶע אוּנְזָער גְרוֹיסִין וִוירְט אוּנ אוּנְזֶער פַאר גֶעוִוינִין׳ אוּנ וָואשׁ פָארְט הָאט דִיךְ גִיטְרִיבִּין דֶער צוּא גָאט זַייא דַאנְק׳ דַאכְט זִיךְ דָער נוֹיט נִיט׳ קַיין חוֹב אוּיךְ נִיט דֶען מִיר זַיינֶען קֵיינֶעם שׁוּלְדִיג „אוּנ דָאשׁ גְרַאדֶע יוֹא„ הָאט עֶר זִיךְ אָפּ גִירוּפִין פוּן אוּנְטֶער דֶער קָאלְדְרֶע וִויא אַיין בַּאגְרָאבֶּענֶער׳ אוּנ גְרַאדֶע דֶעם הַאלִי, אִיךְ הָאבּ בַּייא אִים בַּארֶעם גֶעלְט גִילִיהָען זַייעֶנְדִיק אִין אַיינֶעם הָאטֶעל וואו מֶען הָאט שְׁטַארְק גִישְׁפִּילְט אִין קָארְטִין אַטָאלֶער פִינְף טוֹיזִינְד אוּנ הָאבּ עֶס גְלַייךְ פַאר שְׁפִּילְט׳ נוּן אִיז דָער טֶערְמִין׳ אוּנ קַיין בַּארֶעם גֶעלְט אִיז נִיט דָא׳ עֶר נֶעמְט בַּייא מִיר אָן דֶעם טָאמֶען אִין צְווַייא טוֹיזִינְט טָאלֶער׳ דֶעם קְלֵיינֶעם דְזִים אִין פִינְף הוּנְדֶערְט טָאלֶער׳ אוּנ הָאט מִיר גִיגֶעבִּין נָאךְ אַיָאר טֶערְמִין אוּם דִיא אִיבֶּערִיגֶע צוּא בַּאצָאלִין׳ זָאנְכְט הָאט עֶר דָאשׁ רֶעכְט דִיא פְּלַאנְטַאזֶע צוּא פַאר קוֹיפִין :

קוֹים הָאט זִיא דָער הָערְט דִיא גִישִׁיכְטֶע הָאט זִיא זִיךְ אַרוֹישׁ גִיתַאפְּט פוּן בֶּעט אוּנ הָאט אָן גִיהַייבִּין צוּ רַייסִין דִיא הָאר פוּן קָאפּ׳ אִיז אוּם גִילָאפִין אִיבֶּער דֶעם שְׁלָאף צִימֶער וִויא אַיינֶע מְשׁוּגָעֶנֶע׳ אוּנ הָאט דֶער נָאךְ מִיט גְרוֹישׁ כַּעַס צוּ גִיוָוארְפִין אִים דֶעם גַאנְצִין

זמוט שליסלען ,נוא פיר ווייטער דיינע ליבע ווירטשאפט פון היינט אן האט זיא צוא אים גיזאגט, גינוג · איך וועל מיך שוין ניט מישין מעהר · אונ האט זיך אזו ווייטער אריין גילייגט אין בעט · אונ האט שוין מעהר קיין ווארט גיוואלט ריידין :

אזו איין פריידיגט (דרשה) אונ אזו איין הייסין אויף גוס האט דער העד שעלבי נאך ביז דיזעם טאג ניט גיהערט אונ ניט גיהאט פון זיינער פרויא · אונ דאך ניט רעכט · ער איז מעהר אלס צעהן מינוטין גיבליבין ליגין שטיל אויף זיין בעט וויא איין ארעמער זינדער וואש האט שוין גילייגט זיין קאפ אויף דעם בלאק (קלאץ) אויף וועלכין מען דארף אים קעפין · אונ דער נאך האט ער זיך ארויש גיחאפט פון בעט אונ האט זיך גיווארפין פאר איר אויף דיא קניא אונ האט איר אן גיהייבין איבער צו בעטין · ער האט איר גישווארין דאש ער האט שוין העכסט חרטה דארויף אונ וועט שוין מער ניט אן איר ידיעה טאן וואש איין האר איז ווערט · אונ האט איר גיפעטין דאש זיא זאל אים דיזעם מאל פארצייהען · אונ האט איר אויך צוא גיזאגט דאש מיט דער צייט ווען גאט וועט אים פון דיזע אום רעכטע שולדין לויז מאכין וועט ער דיזע ביידין דעם אנקעלטאם אונ דעם הארי אויש קויפין פאר אל דאש געלט אין דער וועלט · נון צוא דער הויז פרידין אונטער זייא וואר ווידער העער גישטעלט, וויא גיוועזן אדר ניין : דאש איז שוין ניט אונזער זאכע · מיר דארפין נור גיין צוא אונזער גישיכטע פון דיזער עליזע · פון דעם דזים אונ פון דעם טאם :

דיזין הייסין פריידיגט האט דיא עליזע זייער גוט גיהערט · דען איין פאר שלאסענע טיר פון איר צימעריל וואר גיווענדעט אין דעם צימער וואש זיא האט אין אים גישלאפין · זיא האט גיהערט דעם הערינס אנטוואורט אונ האט שוין גיוואוסט אויף קלאר דאש איר קינד איז פאר קויפט · אונ האט בייא זיך שוין באשלאסין דאש זיא זאל מיט איר קינד אנטלייפין אין דער זעלביגע נאכט · עש וואר דאן זייגער צווייא · אונ האט אזו וואש צום גיכטטין צו

זאמען גינומען אלע נייטיגסטע זאכן; האט עש גוט איין גיפאקט אין אגרויסין סערוועט · האט זיך אן גיטאן זייער ווארעם · אונ אזו אויך דאש קינד · האט גינומען מיט זיך דיא עטליכע גילדין · אירע צירונג · האט זיך איין גיוויקילט אין אגרוישע וואלענע פאצייליע · האט אן גיטאן ווארעמע האלבע שטיוועל · אונ האט אזו גינומען דאש קינד אויף דיא הענד · האט אקוס גיטאן דיא מזוזה אונ איז זיך שטילער הייט ארויש פון צימער · איז אריין אין גארטין אונ איז דארט ארויש דורך איין הינטער טיר · עש האט איר קיינער גיזעהען אונ קיינעם ניט אן גיטראפין לבד איינעם גרוישין פודיל (הונט) וואש וואר איר זייער צוא גיטאן · אין אן פאנג האט ער אן גיהייבין צוא קנורין (בורצין) אונ דער נאך אלם זיא האט אים גירופין ביא זיין נאמען „טרים„ האט ער איר באלד דער קענט · האט זיך אן גיהייבין צוא לאסצען צוא איר אונ איז איר נאך גיגאנגען · אונ איז אזו גיקומען מיט אים אונ מיט דאש קינד וואש וואר זייער שלעפעריג צוא דעם אנקעלטאמס היטע (שטוב) זיא האט נאך דארט דער וויסט ברענענדיק פייער · אונ אים מיט דער פרויא נאך אוף ביא זייער ארבעט וואש מיר האבין פריהער שוין גישריבין „וואש גוטעס„ האבין זייא איר גיפרעגט זייער פאר וואונדערט · אזו שפעט ביא נאכט · אונ דעם קליינעם דזים אויך נאך דער צו · עס מוז וואש גישעהען זיין ‚אונ וויא נאך גישעהען׳ האט זיא גיענטפערט · זייט וויסין דאש איך אנטלייף מיט מיינעם זון · איך וויל קיין קאנאדע קומען וואו הין מיין מאן איז אויך היינט אנטלאפין · דען מיין הער דער גוטער אבראהאם האט פאר קויפט מיין קינד דעם שקלאווען הענדלער האלי אונ אזו אויך אייך אנקעלטאם · אונ מארגין זאל ער אייך אונ מיינען דזים שוין אפ פירין פון דאנען · דיזע שרעקליכע נאכריכט האט פאר וואונדעט דיא הערצער פון דעם טאם אונ פון זיינער פרויא וויא איינע פאר גיפטעטע פייל „פאר קויפט„ האט זיך אפ גירופין דיא האליע מיט גרויש שרעקין ‚זוא מיינע ליבע תאליע„ האט איר דיא עליזע

גיענטפערט

געאנטפערט · אייער מאן אונ מיינעם דזים אונ שיר מיך אויך · נוא
בין איך גיקומען אהער פריהער אום עש אייך צוא מעלדין · דאמיט
דער הער אנקעלטאם זאל אויך מיט לייפין :

פון דיזע רייד איז אונטערגעהאקט געווארין דיא פים ביא
זיא ביידין · דאש זייא האבין זיך געמוזט זעצין אויף דאש בעט ·
אונ דאן האבין זייא אן גיהויבין שוין צו פאר שטיין צו וואש פאר
אריזע מען האט אים געשטערען געהייסין צוא צו קלייבין זיך „אוי·
מיר גלויבט זיך עס ניט„ האט זיך דער טאם אפ גירופין דאש
אונזער הערר זאל אזעלכעס טאן · עס קאן ניט זיין · אונ האט
אזו אלץ ניט געוואלט גלויבין ביז דיא עליזע האט זייא דער ציילט
דיא גאנצע געשיכטע · „אונ דאך וועל איך ניט לייפין האט זיך
דער טאם אפ גערופין„ דוא עליזע האשט עס נאך פילייכט רעכט
צו טאן · ערשטינס האשט דוא עש זעלבסט גיהערט · צווייטענס
איז דיין מאן געלאפין נאך קאנאדע · אונ ער האט געמוזט לייפין
דען ער האט גיהאט איין שלעכטען הערען · איך אבער האב עש
ניט געהערט · אונ פיליכט דוכט זיך דיר עס · אונ האב ביז
אהער פון מיינעם הערען אימער גוטעס געהאט · ניין איך וועל
ניט לייפין · אונ ווען געזאגט דאש ער האט מיך יוא פערקויפט איז
עש געוויס פון גרויש נויט · נון מוז איך אזו גוט זיין דאש ער זאל
דורך מיך גיהאלפין ווערין פון זיינע שולדען · אונ בפרט דאש ער
האט גישווארין. אוים צו קויפין מיך מיט דער צייט · אונ ווידער
פערשטייא איך גאנץ גוט דאס מיר וועט דאס אנטלייפין פיל
שווערער זיין אלש דיר אונ דיין מאן · דען איר זעהט אויש אלש
קרעאלען · נון קען מען מיינען דאש איר זייט פרייע הערען ·
מיך אבער איז באלד אן צו זעהען דאש איך בין איין שקלאווע ·
דער ערסטער וואש וועט מיך באגעגענען וועט מיך אן גרייפין ·
אונ דאן בין איך שוין געוויס פערלארין · אונ דאהער בלייב איך
צו הויז · בלייבע ביא מיינער ערליכקייט · אונ ביא מיינעם צו
טרויען צו דעם ליבין גאט וואס וואר מיט זיינעם פרומען שקלאווען
יוסף

יוסף הצדיק · אונ ליף אזוא ניט · „אונ איך ריף יוא האט דיא עליזע געזאגט„ דען וואס וואגט ניט איינע ארעמע מוטער פאר איר קינד · ווען עש זאל דיא געפאהר זיין צעהען מאל אזו פיל · אונ האב מוט גענוג צוא ליידען פאר אים · אונ בלייבט מיר אזוא געזונט אונ דער צייליט קיינעם ניט„ ·

נון האט זיא זיך מיט זייא צו קושט אונ גוט זיך אנגעווינט · דיא חלאיע האט איר גגעבן אויף דעם וועג געבעקס · אוואַרעמען שאל · נון האט זיא זיך מיט זייא אפ געזעגינט אונ איז אוועק · אונ דער פודעל מיט איר · אונ האט זיך גענומען ליגנס פון וועג אין אקליינע שטעסקע וואס גייט דורך דעם וואלד אבער גלייך מיט דעם געשלאגענען גאסצענעם · דאמיט מען זאל איר ניט בעגעגענען · אונ אלס זיא איז שוין אריין אשטיק אין וואלד · האט זיא דאש קינד אראפ גילאזין פון דיא הענט אונ האט אים ארויף געזעצט אויף דעם פודעל · האט אים איין נעבונדען אונ האט אים צוא געהאלטען · דער צו פאר אהענטיר אונ איז געגאנגען וואס צום גיכסטען · אונ דער הונט מיט איר · נון לאמיר דא לאזין רייזען אונ מיר וועלין זיך ווענדין אויף אווייליע צו דער מאדאם שעלבי ·

## 6.

צו יוא גישלאפין צו ניט גישלאפין · דאך מוז מען זיך ביא דעם אויף שטיין וואשין · אן טאן · אונ צוא פוצין זיך · אונ דיא עליזע האט נאך דעם אלס דיא מאדאם האט שוין דרייא מאל געקלונגען דאך קיינע ווארעמעס וואשער אריין געטראגען · אונ פשיטא שוין קיין זייף · קיינע פאמאדע · אונ אויך קיינע פארפומע · ביז צום ענדע איז אריין אין שטוב אקליינער נעגער מיט אלולקע טאבאק פאר דעם הערען · אונ ער איז געוועען דער ערסטער וואש האט זייא אן געזאגט דאש דיא עליזע איז אנטלאפין געווארען · עס וואר שוין דאן זייגער צעהען אין דער פריא „נוא דא האשט דוא דיר מיינע פרויא האט צו איר דער הער שעלבי געזאגט„ דאס איז

דער פועל יוצא פון דיינע נעכטיגע פריידיגט · דען זיא האט עש געמוזט געווים הערען אונ איז אנטלאפין געווארין מיט דעם קינד · נון איז ער איין דאפעלער שאדין · אונ דער צו נאך ווער איך האבין איין קלאפאט פון דעם האלי ער וועט דאך מיינען דאש מיר האבין איר בכיוון אוועק געשיקט מיט דעם קינד · אונ מער וויא דאש פעלט מיר ניט „אונ מיר פרייעט עס האט זיא אים גיענטפערט„ איך פירכטע מער ניט דאש מען זאל איר ניט חאפין · דען זיא איז בייא מיר אזו טייער וויא מיין איזאק · נון זאל גאט זיין מיט איר אויף דיזע רייזע„ אונ ער האט איר ניט גיענטפערט · איז ארויס אויף דעם הויף · אונ האט געהייסין וואש צום גיכסטען דאש מען זאל איר זוכין אונ יאגען אויף אלע וועגעלאך · אונ אויף אלע קאנטען · נון איז געווארין אגרויסער לארעם · אונ אגרויסער קאך · עס וואר נור דער בייא רוהיג געבליבין דער טאם · אונ דיא חלאיע וואש האבין פון דיזער זאכע געוואוסט מער אלש אלע · אונ דער שעלבי וואר פולער פריידע דאש דער טאם איז אויך ניט אנטלאפין · אונ האט אזו געמיינט דאס ער וויים נאך ניט פון דיזער בלוטיגין מכירה · אויף דיזעם לארעם איז אן געקומען דער האלי אום אפ צו נעמען דעם פעקיל סחורה אונ איין צו ריידין דעם הערען שעלבי מכח דער עליזע · עס וואר אים אבער פינסטער אונ ביטער אלס ער האט דער הערט פון דיזער געשיכטע דאש דיא עליזע איז מיט איר דזים אנטלאפען געווארען „אונ דאס איז נור איער פארשע„ האט דער האלי געזאגט מיט גרוים צארין צוא דעם שעלבי געווים איר אליין האט געהייסין אנטלייפין · דער דזים איז בייא מיר ווערט צווייא טויזינט טאלער · איך וועל אייך אן קלאגין · איר וועט מיר מוזין דיזען שאדין בעצאהלין מיט שטראף · דען דאש איז איין ציםטער אבמאן ·

„זייען זייא דאך ניט בייז אויף מיר נור אויף אייך אליין„ האט אים דער שעלבי גיענטפערט · איר האט עס געמוזט פאר וועמען אוים פלוידערין · האט זיא דער הערט איז זיא אנטלאפין

דאנקט

דאנקט גאט דאש דער טאם איז ניט געוואר געווארען דער פון · אונ איין בעווייז דאש איך בין ריין דער פון דאס איך האב דעם גאנצין הויף אויף גערירט אום איהר נאך צו יאגען · אונ צווייטענס וועט מען איר געווים האפען · אפרויא מיט אקינד וואו קען זיא לייפין אונ וויא פיל קען זיא איינלייפין · נון זאג איך אייך פאר אויס דאש איך קאווירע ניט אויך פאר דער טאם · אויב וואול איך וויים דאס ער איז איינער פון דיא ערליכסטע מענשען אין דער וועלט אונ וועט אייך אנדערש ניט טאן · דיזע רייד האט דעם שקלאווענהענדלער אביסיל בערוהיגט · אונ האט גיהייסין זיינעם אמענשען וואש איז געקומען מיט אים מיט אפור נאך דיא לעבעדיגע סחורה דאש ער זאל צו פארען צו דעם טאמט היטע (שטוב) אונ זאל היטען · אונ אליין איז אריין צו דעם הערען שעלבי אין שטוב · אונ האט גיבעטין דאש מען זאל איר נאך יאגין אויף פערד דאש הייסט מען זאל אים געבין אפערד מיט אפאר רייטער דער צו „דאס וועל איך אייך געבין‟ האט זיך דער שעלבי אפ גערופין אונ האט געטאן באלד אנגעשרייא „שאמדע ! אנדי !‟ עס זייען צו געלאפין צו אים צווייא שקלאווען גרויש וויא ריזען אונ האבין זיך געשטעלט פאר אים „געשווינט“ ! האט ער צו זייא געזאגט · זאטעלט דרייא גוטע פערד איינעם פאר דעם הערין האלי דעם שיוואק · אונ צווייא פאר אייך · אונ רייט מיט אים אום אויף צוא זוכען דיא עליזע מיט איר דזים · איר זאלט דיא פערד ניט שוינען · אונ פאלגען דעם הערין האלי צו רייטען- אונ צו גאלאפירען וואו ער וועט נור. אייך הייסין · אונ דאש וואס צום גיכסטען ·

דיזען בעפעהל האט געהערט איינע קליינע נעגערין וואש האט זיך דער ביא געשפילט מיט אהונט אונ וואס פלעגט צוא טראגען דיא מאדאם איר פאראסאניק · אונ האט גוט גיוואוסט אזו וויא דיזער בעפעל איז ניט נאך דעם וואונץ פון דער מאדאם · אונ האט עס איר אויף דער שטעלע אפ דער ציילט · דא האט דיא מאדאם געשיקט זאגען דעם אנדען וואש וואר דער קאנובע · דאס

ער

ער זאל נור זיין אשטראזנע מיט דיא פערד דאש מען זאל זייא יניט אחוואטצען · דיזער אנדי וואר איין זייער קלוגער יונג און האט דיזען וואונק זייער גוט פערשטאנען · און האט געזאגט צוא דעם שאמדי וואש האט זיך זייער געפרייט מיט דעם הערענם פארוצענע אן צוא יאגען דיא עליזע · דוא ווייסט דאש אונזער מאדאם איז דאך גאר ניט גורם דיא גאנצע געשיכטע · זיא וויל דאך גאר ניט האבין דאש מען זאל דיא עליזע תאפין · און ווייהע דיר ווען דוא וועסט איר ברייננען צוריק · צו ווייסט דוא ניט דאש אין דיזער פלאנטאזע (גוט) טראגט זיא דיא הויזען · און אונזער הער איז נור איין פאנטאפעל מאן · היטע דיך אנדערש צוא טאן · דוא פערשטייסט דיא ווערטער איהרע „מען זאל זיין אשטראזנע מיט דיא פערד„ · דאש הייסט מען זאל זיך גראדע ניט איילען · ווען אזו? „האט זיך אפ גערופין דער שאמדי„ ווארט וועט שוין דער האלי ארוים גישלעפט ווערן פון מיר · דוא וועסט שוין זעהען וויא מיר וועלין אים דאש אביסעל נאדויען · און דאש ריידענדיג האט ער ארוים גענומען פון קארמאן אדרייא קאנטיקין ניסיל און האט אים ארונטער געלייגט אונטער דעם זאטיל פון דעם פערד וואש עש האט געדארפט אויף אים רייטן דער האלי · און עש וואר אלש מען האט דעם שיוואק צוא געפירט צום קריקעץ (נאגעק) וואו דער האלי איז געשטאנען און געווארט אויף אים האלב פערשוועכט · דען דער ווילע האט אים דער הער שעלבי איין געלאדען צוא זיך אויף אקליינעם פריסטיק · האט ער זיך אויף דיזעם פערד וואש וואר אזו אויך גענוג ווילד ארויף געחאפט מיט גרוים האסט וויא איין קאמעדיאנט · און האט געוואלט זיך אוועק לאזין געשווינט וויא אפייל פון בויגין · און דיאביידע קנעכט זייען געשטאנען דער בייא און האבין צו געהאלטען זייערע אייגענע פערד · און עש וואר אלם דער האלי האט מיט זיינעם האסטיגען ארויף זעצען זיך זייער גוט צו געדריקט דעם זאטעל אונטער וועלכען עש איז געלעגען דער שפיציגער נום · האט דאש פערד געטאן אשפרונג און אגרוישין

הירז אונ האט זיך פון איינאנדער געיאגט מיט גרויש לארעם אונ מיט איינע בריקעריא · דאש עש האבין זיך אויסגעריסען צו ליב אים דיא איבעריגע פערד אונ זייען צו לאפין אין וואלד · אונ דאש פערד מיט דעם האלין האט אוים געזעצט איבער אזומפ אונ איז אזו פערקראכין אין בלאטע מיט אים איבער דיא אויערין · אונ דיזע געשיכטע ביז מען האט אים פון דארט ארויש גענומען · ארום געוואשן · ארום געטריקינט · אונ יענע פערד אויף געזוכט האט געדויערט אשטונדין פינף · דער ווייליע איז געווארען פארטיג דער מיטאג · אונ דער האלי איז געווארען דער צו געלאדען · ביא וועלכען מען האט זיך אויך נית זייער געאיילט · דען אזו וואר דער ווילען פון דער מאדאם · דאמיט דיא עליזע זאל דער ווייליע גענוג צייט געווינען צו לויפין · דער ביא וואר דיא מאדאם גראדע היינט אזו בעשיידען (גוט) צו שפרעכען מיט דעם האלי איבער זיין ווייב אונ קינדער וואש דאש האט אים זייער געשמייכעלט (הנאה געטאן) אונ האט מיט איר פערפלוידערט ביא דעם טיש מעהר אלש צווייא שטונדען · אונ עש איז זיך געווארען דער ווייליע זיינער דרייא · קורץ דער פון · זייא זיינען ארויש געריטען פון דער פלאנטאזע ערשט ארום פירען ·

נון לאמיר לאזין דעם האלי מיט דיא צווייא שקלאווען שאמדע אונ אנדי נאלאפירען (לייפען) אויף דעם שלאכט וואש צום גרענעץ צו · אונ מיר וועלין זיך ארום זעהען ארום אונזערע ארעמע עליזע מיט איר ארעמען דזים הארי ·

## 7.

קיינע רייזענדע אין דער וועלט האט געדייזט אזו פערקימערט אונ פעראומערט וויא, דיזע עליזע · ערשטינם וואר זיא בעזארגט וועגין זיך · וועגין איר מאן · אונ וועגין איר קינד · דאש הייסט פילייכט תאפט מען זייא · צווייטענם וואר איר איר הערץ אויש געריסען וועגין איר מאדאם וואש זיא האט איר ליב גיהאט וויא

איר

איר מוטער אונ איז אוועק פון איר וויא איינע אונדאנקבארע · נאר אן אדאנק · אן איר וויסען אונ ניט זעגענענדיק זיך מיט איר · אונ אזו אויך האט איר זייער לייד געטאן וואש זיא פערלאזט אזוא פיל גוטע אנדערע פריינט אונ בעקאנטע אויף אייביג אונ אימער · אונ היינט האט זיא זיך אליין געפרעגט וואו לייפט זיא · פון וואנען וועט זיא לעבען · אונ וואו בעקומט מען עש ארץ גוטע מענשען וואש זאלין איר ניט שטערין · אונ נאך העלפען · קורץ דער פון איהר הערץ וואר פול אונ פאק מיט טרויער אונ מיט קומער :

דער צו נאך האט אין דיזער נאכט רעכט געפרארען · עש וואר איין שנייידענדער ווינט · עש האט אין וואלד זייער שטארק גערוישט · נון האט זיך איר געדוכט אלע ווייליע דאש מען יאגט זיך נאך איר · אונ האט אונטער געטריבין דעם פודעל דאש ער זאל געשווינטער גיין · דאש קינד וואר זייער צו שראקען אונ האט אלע ווייליע געפרעגט דער מוטער וואו הין פירטע זיא אים · שווייג מיין קינד, האט זיא אים גיענטפערט צום סוף · איך פיר דיך אין דעם ארט וואו גאט וועט אונז ווייזין · מיר מוזין פון אונזער זיסע היים אנטלייפן · ווייל דארט וויל מען דיר אוועק נעמען פון מיר אונ פאר קויפין דיך אין אזו איין ווייטין ארט וואש דוא וועשט שוין פון דארט קיין מאל צוא ריק קומען · אונ קיין מאל מיך ניט זעהען · דאהער מיין קינד מוזין מיר אונז איילין דאש מען זאל אונז ניט אן יאגין · דיזע ווערטער וואר שוין גינוג פאר דיזעם ליבער קינד אום ארויש צוא שלאגין אים פון שלאף · אונ אן צוא נעמען פאר גוט שטורעם אונ ווינד · אונ האט גיבעטין צוא גיין צוא פוס · דען עם וואר אים שווער צוא האלטין זיך אויף דעם הונד · אונ איז אזו גיגאנגען מיט דער מוטער צוא גלייך ביז עש האט אן גיהייבין צוא טאגין · דער וועג וואר איר באקאנט ווייל זיא פלעגט זייער אפט צוא פארין דארט מיט איר מאדאם אין געסט ארייין צו אנדערע פפלאנצער · אונ אלס עש האט רעכט אויש גיטאגט איז זיא ארויש אויף דעם גרוישין וועג · אונ דארט האט זיא אום דיא רייזינדער

זאלין

זאלין ניט פאר שטיין דאש זיא איז איינע אנטלאפענע האט זיא זיך צוא גיקליבין אונ איר קינד אין לייכטערע קליידער דאש זייא זאלין אויש זעהען עפעש אזו וויא זייא וואלטין דא גיין פון איין נאהענטין דארף אום צוא קומען אין דעם אנדערין נאהענטין דארף · צום גליק האט זיא אבער קיינם אן גיטראפין · אונ אלש זיא וואר שוין מיד אונ כשיטא שוין דאש קינד איז זיא אריין אין וואלד · האט זיך גיזעצט לעבין אקוואל וואשער · האט זיך ארום גיוואשין · האט גימאכט דארט אקליין פייער · דען זיא האט גיהאט מיט זיך אגוטין פייער גיצייג · אונ האט אויף גיקאכט טייא אין דער פענדעלע וואש זיא האט מיט זיך גינומען אונ האט עס גיגעבין דעם פודיל אויך · אונ דער נאך אלס זייא האבין זיך שוין גוט דער קוויקט האבין זייא זיך אויש גירוט אגוטע שטונדע · אונ זיינען זיך ווייטער גיגאנגען אגוטע שטונדע · גייענדיק האט זיא אן גיטראפין איינע נעגערין וואש טראגט אקערבעלע אייער האט זיא דאש ביי איר אפ גיקויפט · אונ האט עש ארום עלפין אפ גיבראטין אונ האבין זיך ווידער ערפרישט · אונ איז זיך דער נאך ווייטער גיגאנגען · אונ האט זיך ניט גיקענט גינוג אפ וואונדערין דאש מען יאגט איר ניט · אונ האט שוין ביא זיך פון זעלבסט פאר שטאנען דאם דאש מוז וואקסין נור פון דער מאדאמס קאפ· פונקט אזו וויא זיא וואלט דער ביא גיוועזן · אונ ערסט אנטקעגין אוויינד איז זיא שוין גיקומען צוא דעם ציל פון איהרער רייזע אונ דאש וואר דער דערפיל „אגעא„ וואש ליגט ביא דעם ברייטין שטראם „טיך„ וואש גרענעצט אפ דיא זידליכע שטאטען (לענדער) פון אמעריקא · פון דיא נארדליכע (צפונעדיקע) אמעריקאנעשע שטאטען (לענדער) וואש דארט איז שוין אויש גיקאסירט גיווארין דער שקלאווען שטאנד שוין פון כמה יאר · נור דאך שטייען ביידערלייא לענדער אונטער איין פרעזעדענט · אונ ווערין אן גירופין ביא זאמען דיא פאר איינגטע שטאטין פון אמעריקא :

זיא איז גיקומען אהין זייער מיד · נון האט זיא גיוואלט דארט

שוין תאפין אצאלנע מיט אשיפער אום אריבער צו שיפין זיך · צום אומגליק אבער האט זיא דער וויסט דעם שטראם באדעקט מיט קריעס וואש שלעפין זיך איבער אים מיט גרויש לארעם · דאש עש וואר שוין גאר קיין רייד פון איינער איבער שיפונג · נון וואר איר גינוג לייד צו זעהען · וויא דיא רעטונג · דיא פרייהייט · דאש גליק · ווינקט איר פריינדליך פון יענער זייט · אונ זיא קען ניט אריבער · נון וואר זיא גיצוואונגען איין צוא קערין אין דעם דארטיגין גאסט הויז · דיא דארטיגע ווירטין האט איר זייער פריינדליך אויף גינומען · אונ האט איר אפ גיגעבין איין וואכעמען קליינעם צימער · אונ אלס זיא האט איר גיפרעגט צוא וועט ניט מיגליך זיין זיך אריבער צוא שיפין דיזע נאכט · האט זיא איר גיענטפערט · א הלואי אין צוויא טעג אין דרייא טעג ארום · דיזע ווירטין וואר זייער גישפרעכיג (איינע בארעטע) אונ האט זיך מיט איר פון איינאנדער גירעט ווער זיא איז · אונ וואו זיא גייט · דען זיא האט אויש גיזעהען בייא איר וויא איינע רייכע דאמע · איינע קרעאלינע · נון וואר איר אוואונדער וואש זיא גייט צוא פוס אונ אליין · נון האט דיא עליזע גיוואלט זיך פאר טרויען פאר איר ווער זיא איז באמת · אונ שייגקען איר אפאר דוקאטין דאש זיא זאל איר בייא זיך באהאלטין ביז דער פלוס וועט זיך רייניגין פון אייז · זיא האט אבער קיין צייט גיהאט צוא ענדין מיט איר דיזען גישפרעך ביז עש זיינען אן גיריטין דיא דרייא חברה לייט · דער האלי · שאמדע · אונ אנדי · זיא האט זייא דער קאנט נאך גאנץ פון ווייטין אן דעם אנדים פייף וואש ער האט עש גיטאן · פאר גיוויס אום דיא עליזע זאל עש מערקין · אונ זיא האט עם אן גימערקט טאקע · זייא וואריין פון גאסט הויז קוים דרייסיג אדער פערציג קלאפטער נור · צום גליק וואר דארט איין שרעקליכער בארג אראפ ביז צוא דעם ברעג שטראם · אונ דאהער האבין זייא גימוזט אראפ פון דיא פערד אונ צו גיין צוא פוס דיזע שטיקיל · אונ דער צו נאך איין האטמעווען דיא פערד דאש זייא זאלין זיך ניט פון איינאנדער לייפין · אונ דאש האט

שווין

שוין גידויערט מעהר אלס צעהען מינוטין · אין וועלכע דיא עליזע האט פאספייעט צו זאמען צו חאפין איהר ביסיל ארימקייט אונ דעם קליינעם דזים וואש וואר שוין דאן איין גישלאפין אונ האט גיזאגט צוא דער ווירטין · גישווינד האט מיט ליידין מיט איינע אום גליקליכע מוטער · אונ לאזט מיך דא ארויש דורך איינע הינטער טיר · גישווינט אבער · דען פאר זאמע איך דא נאך אפאר מינוטין בין איך שוין אגיפאנגענע „אונ וואו הין וועט איר לייפין„ האט איר דיא ווירטין גיפרעגט, שיידין אין וואשער „דאש איז שוין מיין דאגה„ האט זיא איר גיענטפערט · לאזט מיר נור ארויש צום ברעג פון דעם שטראם אונ האט איר דער ביא אריין גירוקט אין האנד אטאלער · אונ זיא האט אויף דער שטעלע גיעפינט איין הינטער טיר · אונ דאן האט דיא עליזע אוועק גיגעבין איר פעקיל זאכין דעם פודיל דאש ער זאל עש טראגין אין מויל · אונ האט זיך ארויש גיחאפט פון שטוב מיט דעם הונד אונ מיט דעם קינד אין דער זעלבינע מינוט וואש דער האלי מיט דיא צוויא שקלאווין זיינען אן גיריטין צוא דיזער גאסט הויז · אונ האבין איר דער וויסט נאך אראפ לייפענדיק צו דעם ברעג פון דעם שרעקליכין שטראם · אונ דער הונט מיט דעם פעקיל זאכין נאך איר :

„נעשווינט„ האט אן גיהייבין צוא שרייען דער האלי „אט לייפט זיא חאפט איר„ „א„ האט זיך אפ גירופין דער אנדי · מיר האבין זיך שוין ניט וואש צוא איילין ·׳ דער טייוויל זעלבסט וועט איר שוין ניט פון אונזערע הענד ארויש נעמען · דען זיא איז שוין וויא גיפאנגען · זיא האט שוין דא ניט וואו צוא לייפין · סיידען דורך דיא ערד אונ ווייטער ניט · זייא האבין עש אזו הויך אונ דער צוא נאך אזו נאהינט גירעט · דאש דיא עליזע האט גיהערט זייער יעדעם ווארט · עש וואר שוין דאן רעכט נאכט אבער דאך זייער ליכטיג דען עש האט גישיינט דער מאנד דאן זייער העל · דאש מען האט גיקענט זעהען יעדער קריע באזונדער וואש גייט דא אויף דעם שטראם · אונ אזו יעדע ווענדונג (קערונגיק) וואש דיא עליזע

וועט

וָועט דָא מַאכִין · אוּנ זַיינֶען אַזוֹ אַלֶע דְרַייא גִישְׁטַאנֶען גַאנְץ רוּהִיג אוּם צוּא זֶעהֶען צוּא וָועט זִיא זִיךְ נֶעמֶען רֶעכְטְם אָדֶער לִינְקְס פוּן דֶעם בְּרֶענְשׁ לַיינְג · אוּנ דַאן וָועלִין זַייא אִיר אִין דֶער זֶעלְבִּיגֶע מִינוּט אָן יָאגִין אוּנ הָאבִּין זִיךְ שׁוֹין אוֹיף גִיזֶעצְט אוֹיף דִיא פֶערְד · אוּם זִיךְ אַלָאז צוּא טָאן אוּם אִיר אָן צוּא גְרַייפֶן · אוּנ זִיא אָבֶער אִיז נִיט גִילָאפִין לִינְקְס נִיט רֶעכְט נוּר פְּרַאמֶע צוּא דֶעם גְרוֹישִׁין שְׁטְרָאם אוּנ אִיז אַרַיין בִּיז דִיא קְנֶעכֶלִיךְ אִין וַואסֶער אוּנ הָאט אוֹיף גִיהֵייבִּין אִיהְרֶע אוֹיגִין צוּא גָאט אוּנ הָאט גִיזָאגְט · גְרוֹישֶׁער שֶׁעפֶער פִּירֶע מִיךְ מִיט דַיינֶער רֶעכְטִין הַאנְט דוּרְךְ דִיזֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע גִיוָועסֶער וִויא דוּא הָאשְׁט גִיפִירְט אַמָאל דַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל דוּרְךְ דֶעם שְׁרֶעקְלִיכִין יַם סוּף · דֶען אִיךְ גְלוֹיבֶּע אִין דִיךְ וִויא זַייא · אִיךְ בִּין אֵיינֶע אָרֶעמֶע רוּת וָואשׁ אִיז פוּן אֵיין אַנְדֶער פָאלְק גִיוֶוען אוּנ אִיז גִיקוּמֶען צוּ בַּאשִׁיצִין זִיךְ אוּנְטֶער דֶעם שָׁאטִין פוּן דַיינֶע פְלִיגְלֶען · אוּנ דָאשׁ אוֹישׁ רֵיידֶענְדִיק אִיז זִיא גִיוָואָרִין פוּל מוּט אוּנ פַאר טְרוֹיעֶן אוֹיף גָאט · אוּנ הָאט אַזוֹ מִיט אִיהְרֶע לַייכְטֶע פִים גִיטָאן אַשְׁפְּרוּנְג אוֹיף דִיא עֶרְסְטֶע קְרִיעֶ וָואשׁ הָאט אָן גִישְׁטוֹיסִין צוּם בְּרֶעג אוּנ פוּן אִיר אוֹיף דֶער אַנְדֶערֶע קְרִיעֶ · אוּנ פוּן דֶער צְוַוייטֶע אוֹיף דִיא דְרִיטֶע · אוּנ אַלְץ אַזוֹ וַוייטֶער וִויא אֵיינֶע לַייכְטֶע שַׁארְנֶע (גֶעמְזֶע) וָואשׁ שְׁפְּרִינְגְט פוּן אֵיין פֶעלְזִין (שְׁטֵיין) אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין פֶעלְזִין אוּנ אִיז אַזוֹ אַרִיבֶּער דִיזִין שְׁטְרָאם אִין אַצַייט פוּן אֵיינֶער פֶערְטִיל שְׁטוּנְדֶע פַאר זַייא אִין דִיא אוֹיגִין · אוּנ אִיז אַזוֹ אַרוֹישׁ אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין בְּרֶעג מִיט אַהַאלְבִּין וְוִיאָרְסְט וַוייטֶער · וַוייל עֶשׁ הָאבִּין אִיר דִיא קְרִיעֶם פַאר טְרָאגִין · אוּנ דֶער הוּנְט נָאךְ אִיר מִיט דֶעם פֶּעקִיל זַאכִין אִין מוֹיל · אוּנ אַלְם זִיא וַואר שׁוֹין דָארְט אִין זִיכֶערְהַייט · הָאט זִיא זִיךְ אַרוּם גִיזֶעהֶען · דָאשׁ זִיא אִיז בִּיז אִיבֶּער דִיא קְנִיא נַאם · דָאשׁ אִיהְרֶע הַאלְבֶּע שְׁטִיוִויל אוּנ אִיהְרֶע זָאקִין זַיינֶען צוּ פְלִיקְט דוּרְךְ דִיא רַייבּוּנְג פוּן דִיא שְׁטִיקֶער אַייז אוּנ דָאשׁ אִיהְרֶע פִים זַיינֶען צוּא בְּלוּטִיגְט · דֶער צוּא אִיז זִיא גִיוָוארִין זֵייעֶר מַאט אוּנ שְׁוַואךְ דָאשׁ זִיא אִיז מִיט גְרוֹישֶׁע כּוֹחוֹת צוּא גִיפוֹיזֶעט אִין וַואלְד וָואשׁ דָארְט וַואר

שוין

שוין פיל וואָרעמער אַלס אויף דעם פרייען בּרעג · האָט זיך דאָרט גימאַכט אַקליין פייער האָט זיך אַרום גיטריקנט · אָן ניטאָן אַנדערע שיך אונ זאָקין · האָט זיך גימאַכט אַפּענדעלע טייא · אונ דער נאָך אַלס זיא האָט זיך אויש גירוט · האָט זיא גינומען דאָש קינד ווייטער אויף איהר האַנד אונ איז זיך ווייטער גיגאַנגען מיט אַזייטיגע וועג אום צוא קומען ערגעץ וואו אויף אַנאַכט לעגער · דאָך איז זיא זיך גיגאַנגען שוין גאַנץ רואיג אונ גימיטליך דען זיא איז דאָך שוין אין אַזו אַלאַנד וואָש דיא שקלאַווערייא (עבדות) האָט שוין אויף גיהערט מעהר אַלס פופציג יאָר · נון לאָמיר איר לאָזין גיין אין גאָטס נאָמען · אונ מיר וועלין אונז אום ווענדין צוא אונזער האַלי :

8.

נון דיזער האַלי איז גיבּליבּין שטיין וויא איין אָפּ גישמיסענער · פאַר קלעמט אונ גיקריינקט · אונ האָט אויש גילאָזין כּל חמתו צוא דעם שאַמע אונ אַנדי וואָש זייא האָבּין אים ניט גיפאָלגט צוא חאַפּין איר אין דער זעלבּיגע מינוט וואָש ער האָט איר דער זעהען · אונ זייא וואָש האָבּין אין גרונט גאָר קיין צער גיהאַט דער פון · האָבּין זיך פאַר ענטפערט דאָש מיט פערד האָבּין זייא ניט גיקענט צוא לייפין צוא איר ווייל עש איז דאָרט זייער משופּע צום וואַסער · נון האָבּין זייא זיך ניט גיוואָלט צוא ליבּ אים דער טרינקען מיט דיא פערד · אונ צוא פוס צוא לייפין צוא איר וואָלט שוין ניט העלפין ווייל זיא וואַר נעהענטער צום וואַסער אַלס זייא · נון וואָלט זיא שוין מיט אַמינוט פריהער גיטאָן איהר גיוואַגטען שפּרונג · קורץ דער פון · דער האַלי האָט זיך זיין לעבּין פאַר שאָלטין וואָש ער איז דאָ אַריין אין אַזו אַבּרודנעם אינטערעס · אונ איז אַזו גיוואָרין בּייז אויף זיך · אויף שעלבּין אונ אויף דיא גאַנצע וועלט · אונ איז אַזו אַריין אַגיקריינקטער אין דיזעם גאַסט הויז · אום זיך איין עטוואַס אויש צוא רוהען אונ איין שנאַפּס צוא מאַכין · אונ האָט זיך דאָרט זייער גוט איבּער גירעט מיט דער ווירטין פאַר וואָש זיא האָט ניט

גישיקט

גִישִׁיקְט אָן זָאגִין אִין דָארְף דָאשׁ עֶס אִיז דָא בַּייא אִיר אִין נַאסְט הויז אֵיינֶע אַנְטְלָאפֶּענֶע שְׁקְלַאוִין ׳ אוּנ הָאט פַאר שְׁפְּרָאכִין אָן צוּא לֶערְנֶען אִיר דֶער פַאר ׳ דִיא וִוירְטִין אָבֶּער וָואשׁ וַואר אֵיינֶע פַּיינֶע נְקֵבָה וִויא יֶעדֶע אַנְדֶערֶע וָואשׁ הַאלְט אַגַאסְט הויז אוֹיף אַגְרֶענֶעץ וָואשׁ דְרֵייעֶן זִיךְ דָארְט אַלֶער הַאנְט, פַּיינֶע יוּנְגֶען ׳ אִיז אִים קֵיינֶע רֶעסְטֶע שׁוּלְדִיג גִיבְּלִיבִּין אוּנ הָאט אִים גְרֶעסֶערֶע הֲטָאִים אוֹיף גִיוִויזִין ׳ אוּנ אַזוֹ וָואלְט דִיזֶער קְרִיג דֶער וֵוייסְט וִויא לַאנְג גִידוֹיעֶרְט וֶוען צְווייא אַנְדֶערֶע גֶעסְטֶע ווָאלְטִין דָא נִיט אָן פָאָרִין ׳ אֵיינֶעם פוּן זֵייא הָאט דֶער הַאלִי בַּאלְד דֶער קָאנְט אוּנ הָאט אִים גִירֵייכְט (דֶער לַאנְגְט) דִיא הַאנְד זֵייעֶר פְרַיינְדְלִיךְ וִויא צוּא אֵיינֶעם אַלְטִין בַּאקַאנְטִין ׳ דִיזֶער הָאט גִיהֵייסִין „טָאם לָאקְקֶער“ עֶר וַואר גִיקְלֵיידֶעט אִין אַמַאנְטִיל פוּן אַבוּפְלַאקְסֶענֶע פֶעל מִיט דִיא הָאר גִיקֶערְט אַרוֹישׁ ׳ אִין אַפֶּעלְצֶענֶע מִיץ ׳ אִין גְרָאבֶּע שְׁטִיוִויל ׳ אוּנ אַזוֹ וַואר אוֹיךְ זַיין שְׁפְּרַאךְ אוּנ זַיין גַאנְצֶעם בַּאנֶעמֶען וִוילְד אוּנ רוֹיא ׳ דִיזֶער מֶענְטְשׁ וַואר אַמָאל אַיין שְׁקְלַאוֶוען הֶענְדְלֶער ; נוּן הָאט עֶר גִיהַאט אַפָּאר מָאל דָאשׁ אוּנְגְלִיק דָאשׁ עֶס אִיז אַרַיין גִיפַאלִין אַפֶּעסְט אִין זַיין שְׁקְלַאוֶוען שִׁיף ׳ אוּנ עֶס אִיז פוּן זֵייא נִיט אֵיינֶער גִיבְּלִיבִּין נוּן הָאט עֶר שׁוֹין נִיט גִיהַאט מִיט וָואשׁ צוּא הַאנְדְלֶען אִיז עֶר זִיךְ גִיוָוארִין אַיין שְׁקְלַאוֶוען מֶעקְלֶער אוּנ אַיין שְׁקְלַאוִין פִּיסְקַאל ׳ דָאשׁ הֵייסְט עֶר פְלֶעגְט אוֹישׁ צוּא שְׁפִּירֶען יֶעדֶען אַנְטְלָאפֶענֶעם שְׁקְלַאוֶוע וואו עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטִין ׳ אוּנ בַּייא וֶועלְכִין אַנְדֶערִין הֶערִין עֶר אִיז ׳ אוּנ פְלֶעגְט דֶער פוּן זֵייעֶר גוּט פַאר דִינֶען פוּן בֵּיידֶע צְדָדִים ׳ דֶער צוּא וַואר עֶר גְלַאט אַבַּאנְדִיט אַגוּטֶער עֶר הָאט נִיט גִיפֶעלְט בַּייא קֵיינֶער דְרַאקֶע ׳ אוּנ הָאט גִיהַאט אַטֵייל אִין יֶעדִין דַאנָאם ׳ אוּנ אוֹיךְ אַיין גִיוִויסִין פְּרָאצֶענְט אִין יֶעדֶער גְנֵבָה ׳ אוּנ אִין קְרִיגְס צַייט וַואר עֶר אוֹיךְ אַיין גוּטֶער שְׁפִּיָאן ׳ אוּנ בַּייא אֵיינֶער יֶעדֶער אַבְּלַאוֶוע צוּא אוֹיף וִוילְדֶע טִירֶען צוּא אוֹיף דִיא בּוּסְמֶענֶער (אַנְטְלָאפֶענֶע שְׁקְלַאוִין וָואשׁ הַאלְטִין זִיךְ אוֹיף אִין דִיא וָועלְדֶער) וַואר עֶר אִימֶער דֶער אָן וַוייזֶער ׳ נוּר אַיין מַעֲלָה הָאט עֶר אִין זִיךְ

גיהאט

גיהאט דאש מען האט זיך גיקענט אין אים איין טרויען · אונ האט גיהאלטין ווארט · דער צווייטער וואר גראד איין היפך פון אים · איין שוועכליכער אונ נידעריגער מענשעלע · מיט איינער בלייכין גיזיכט מיט אשפיציגין נאז · אונ איין עטוואס הייזעריג · אונ דאך וואר זייער לייכט הער אויש צוא זעהען פון זיינע מינעם דאש ער איז איין פאר דארבענר פאלשר מענטש וואש האט ניט זיין גלייכין · ער האט גיהייסין „מארקס„ ער וואר אליין איין האדעטייע · דען ער האט גיקאנט גוט שרייבין אונ האט גוט גיוואוסט אלע זאקאנעס · ער האט אבער דיזין טאלענט ניט אן גיווענדעט צום גוטין · נור צום בייזין · ער פלעגט אן צוא מאכין פאלשע פראצעסין · אונ אפט פאלשע וועקסלען אויך · אונ אויף זוכין אויף יעדען מענשין איין אנדער דיעלע · אונ פלעגט ארויש צוא שטעלין על פי רוב דיזין טאם לאקקער · דאש מיט רעכט האט זייא דער עולם דארט דאריבער גירופין „דיא קאנסטיטוציאנעלע מאכט דער גוינער„ דען דער מארקס וואר דער גיזעץ געבער אין די גוינערייא (בעטריגערייא) אונ דער טאם לאקקער וואר דיא פאלציהענדע (איספאלניטעלנע) מאכט אין דיזעם לייטשין עסק °) אונ האבין זיך אזו איינער פון

דעם

°) דארט אין אמעריקא · רעגירט קיין קייזער נור איין פרעזעדענט · דיזער פרעזעדענט איז אבער קיין סאמע דר זאוואסצע · אדער סאמאוולאדעץ וויא אונזער קייזער ירום הודו · דען דאש פאלק טרויט עם אים ניט אן · דאהער ליגט דיא מאכט צוא מאכין גיזעצע (זאקאנעם) נור בייא דיא דעפוטירטע פון דעם פאלק אונ דיזע מאכט ווערט אן גירופין „דיא גיזעץ געבענדע מאכט„ · אונ דיא מאכט צוא פאלציהען (איספאלנען) דיזע גיזעצע ליגט בייא דעם פרעזעדענט אין האנד · אונ דיזע מאכט ווערט אן גירופין „דיא פאלציהענדע מאכט„ איספאלניטעלנע וולאסט · אונ גוינער הייסין בעטריגער · נון וועט דיר שוין זיין לייכט צוא פאר שטיין דעם זינען פון דיזעם גלייך ווערטיל :

דעם אנדערין ניט גישיידעט וויא דער שאטין פון דעם שטעקין · מיט דיזעם אנדערין וואר דער האלי אביסיל ווייטער אלס מיט דעם טאם לאקער · דען ער האט אים אמאל זייער גוט דעם קאפ גיצוואגין · נור איצטער וואַרין אים ביידע זייער בעליבטע געסט · האט זיך פאר געסין וואש עס וואר אמאל דען ער ברויכט זייא יעצט · אונ האט אזו איצונד אפאלירט זיין קירץ צוא דיזע גירעכטע ריכטער · ער האט זייא דער ציילט דיא גישיכטע פון דעם קליינעם דזים · פון זיינער מוטער עליזע וויא זיא איז דא איצונד פאר זיינע אויגין אנטלאפין · אונ פאר לאנגט אזו פון זייא ביידין דאש זייא זאלין באקומען דיא עליזע מיט איר דזים אונ האט זייא פאר שפראכין דער פאר איינע גוטע בעלוינונג · דער ווייל האט ער גיהייסין דער לאנגען ליקער פונס אונ מאכין אגוטין אבענד ברויט · אונ זיצינדיג מיט זייא ביא דעם טיש האט ער זייא קלאר גימאכט וואש פאר אשטיקיל סחורה דער קליינער דזים איז · אונ וואש פאר אבורלאנט דיא מוטער איז · פאר דעם דזים וואש גיהערט צוא אים וועט ער אליין גוט לוינען · אונ פאר דיא עליזע וואש גיהערט נאך צוא דעם שעלבין וועט דער שעלבי גוט בצאלין · אונ האט זייא דער ציילט אונ אזו גאר גיוויזין דעם ארט וואו זיא איז מיט איר קליינעם אריבער :

„וועז אזו„ האט זיך דער מארקס אפ גירופין · וועז דיא עליזע גיהערט ניט צוא איך · האבין מיר פאר איר אבעסערין ארט אלס איר אפ צוא פירין צוא ריק צו איהרען הערין · אונ נעמען ביא אים איינע קליינע באלוינונג · נון וועלין מיר איר נור האבין אין דיא הענד דאן גלייך נאך נייע ארלעאנס · אויב זיא איז ווירקליך אזו אצאצקע אונ אצוקערקע וויא איר זאגט · איך וועל מאכין אויף דער שטעלע אפאלשין פאר קויף בריף (פראווע) אויף שעלבים נאמען אונ פאר סאחערין איר פאר וואש מיינער וויים · אונ וויא מיר דאכט איז ער שוין וויא ביא אונז אין קאראמאן · דען וואש קען באשטיין אנטקעגין אונזערע ביידינס טאלענטע (השלמה) אנטקעגין מיינע חיטראם אונ אנטקעגין טאמסט לאקערס קולאק :

„איך וויל מיט אייך ניט ריידין וועגין דיא עליזע וואש גיהערט מיר ניט אן„ האט זייא דער האלי גיענטפערט · איך וויל נור וויסין וואש איר בעט ביא מיר פאר דעם קליינעם דזים הארדי „מיר ווילין איצונד פון קיין פריים ריידין„ האט זיך אפ גירופין דער מארקס דער ווײלע אבער גיט אונז אכטציג טאלער אויף הוצאות · באקומען מיר אים ׳ וועט איר עס אונז צוא רעכענען · אונ ווען ניט מוזט איר דיא הוצאות ליידין „נוא גוט„ האט זיך דער האלי אפ גירופין · אונ וואש וועל איך אייך טאן ווען איר וועט דאש געלט נעמען · אונ גאר ניסט טאן „נוא ווען איר ווילט אונז ניט גלייבין„ האט אים דער מארקס גיענטפערט · האט איר אייך גאר ניט גידארפט איין טרויען מתחלה אין אונז · דען וואש וועט איר אונז טאן איצונד ווען מיר וועלין שוין דעם דזים האפין אונ מיר וועלין אייך גאר אפיג אויש שטעלין · מיר וועלין אים מיט דער מוטער צוא גלייך נאך ארלענס אוועק שלעפין · אונ אזו ריידענדיק האט ער ארויש גינומען א רייכטער פון זיינעם פולארעס אונ האט אים גיוויזין דאש מעהר אלס צוואנציג פפלאנצער (באמעסציקעס) האבין אים פארוצעט אויף צוא זוכין זייערע אנטלאפענע שקלאווין · אונ יעדערער האט גיגעבין צוא הונדערט פופציג טאלער האנד געלט · דער האלי האט עס גיזעהען · אונ האט באקומען אגרויסין צו טרויען צוא זייא אונ האט זייא גיגעבין געלט אויף הוצאות · נור ניט אכטציג נור פופציג ווייל ער האט זייא גיוויזין דאש ער האט מער ניט ביא זיך · נון האבין זייא זיך גיגעבין דיא הענט אונ מען איז גיווארין גאר דיא בעסטע פריינד אין דער וועלט · אונ דער האלי האט שוין אן גיהייבין צוא האפין דאש ער וועט נאך פיליכט ווען עס וועט גליקין אויך דיא עליזע ביא זייא אפ קויפין מיט אפאלשין דאקומענט אין איינעם · פאר איין שפאט געלט · דען ער האט גיקאנט זייער גוט דיזע חברה · דאש זייא זיינען גרוישע שכורים · אונ מען קען אויש קאספערין ביא זייא דיא בכורה פאר אטאפ ליגזין :

„נוא ליבער האלי„ האט זיך אפ גירופין צוא אים דער טאם

לאקער

לָאקֶער · הָאַט אִיר אָפְּט נִיט בַּייא אַייךְ אַיין שְׁנוּפְּטוּךְ אָדֶער אַיין
הַאנְדְשׁוּא פוּן דֶער עֶלִיזֶע „צוּ וָואשׁ בְּרוֹיכְט אִיר עֶס„ הָאט אִים
דֶער הַאלִי גִיפְרֶעגְט · אִיךְ וִויל עֶשׂ לָאזִין אָן שְׁמֶעקִין אוּנְזֶערֶע הִינְט ·
הָאט עֶר אִים גִיעֶנְטְפֶערְט · דַאן ·וָועלִין זַייא נָאךְ דֶעם גְרוּךְ נָאךְ
אוֹיש שְׁפִּירִין פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד „אָ נַיין„ הָאט זִיךְ דֶער הַאלִי אָפּ
גִירוּפִין זַייעֶר צוּ שְׁרָאקִין · אִיר זָאלְט דֶער בַּייא אַייעֶרֶע הִינְט נִיט
גִיבְּרוֹיכִין · דֶען זַייא וָועלִין אִיר אָדֶער דָאשׂ קִינְד פַאר וואוּנְדִין ·
אוּנ דַאן זַיינֶען זַייא הַאלְבֶּע סְחוֹרוֹת · „אָ דָאשׂ אִיז שׁוֹין אוּנְזֶער
דַאֲגָה„ הָאבִּין זַייא אִים גִיעֶנְפֶערְט · אוּנְזֶערֶע הִינְט זַיינֶען וָוען מִיר
דַארְפִין מֶערְדֶער · אוּנ וָוען מִיר דַארְפִין זַיינֶען זַייא נוּר שְׁטִילֶע
שְׁפִּיאָנֶען · דִיזֶער גִישְׁפְּרֶעךְ הָאט אַזוּ גִידוֹיעֶרְט בִּיז גַאנְץ שְׁפֶּעט
אִין דֶער נַאכְט · אוּנ הָאבִּין זִיךְ גִישַׁיידְט וִויא דִיא בֶּעסְטֶע פְרַיינְד
מִיט פַייעֶרְלִיכֶע פַאר שְׁפְּרֶעכוּנְגֶען · אוּנ מִיט גְרוֹישֶׂע הָאפְנוּנְגֶען
צוּא בַּאקוּמֶען בַּאלְד דִיא עֶלִיזֶע מִיט דֶעם דְזִים :

9.

דָארְט פַאר אַקְנַאפֶּע הַאלְבֶּע מַייל פוּן יֶענֶער זַייט שְׁטְרָאם
(טִיךְ) אִיבֶּער וֶועלְכִין אוּנְזֶער עֶלִיזֶע אִיז אַרִיבֶּר · וַואר אַפְּלַאנְטַאזֶע
(אַגוּט) וָואשׂ הָאט גִיהֶערְט צוּא אַיין גֶעוִוישִׂין אִידֶעשֶׂען פְּלַאנְצֶער
„יָאזֶע אַנְדְזֶעלָא„ עֶר וַואר זַייעֶר רַייךְ אוּנ אוֹיךְ זַייעֶר גֶעאַכְט בַּייא
דֶער דָארְטִיגֶען גֶעמַיינְדֶע דָאשׂ מֶען הָאט אִים גִימַאכְט פַאר אַצְלֶען
פוּן פַארְלֶעמֶענְט (סֶענַאט) · אוֹיךְ זַיינֶע פְרוֹיא אַגְנֶעס וָואר אַיינֶע
גְרוֹישֶׂע דַאמֶע הֶעכְסְט גֶעבִּילְדֶעט · אַגְרוֹישֶׂע ווִירְטִין אוּנ זַייעֶר פְרוּם
אוּנ גוּט · אוּנ הָאט גִילֶעבְט מִיט אִיר מַאן זַייעֶר פְרִידְלִיךְ אוּנ גְלִיקְלִיךְ ·
אִין דִיזֶען אָוֶוענְד אִיז גֶעקוּמֶען אִיר מַאן צוּ פָארִין פוּן שְׁטָאט וואוּ עֶר
הָאט זִיךְ פֶערְזַאמְט מֶער אַלְשׂ אַפָאר וָואכִין נוּר וָוען אָבְּצֶעשְׁטוּוִינֶע
זַאכִין · עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ פָארִין זַייעֶר פֶערְקִימֶערְט אוּנ פֶערְזָארְגְט ·
אוּנ הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעלַייגְט אִין בֶּעט „דוּא הָאשְׂט זִיךְ פַאר גֶעוִוים
גֶעמוּזְט צוּא קִיהְלֶען „הָאט אִים דִיא פְרוֹיא גִיפְרֶעגְט „עֶס קֶען זַיין„

האט

האט ער איר גיענטפערט אונ האט גיהייסין מאכין טייע · דער ווייל׳ע האט זיך די אגנעם לעבין אים גיזעצט · אונ האט אים אן גיהויבין צו פרעגין וואש הערט זיך אין אלטימארע · אונ איבער וואש וואר אין דעם פארלאמענט געהאנדעלט גיווארין דאש מען האט אזו צו זאמען גערופין אלע צלענעם · „איך גין דיר עש ניט צו וויסען האט ער איר גיענטפערט„ צוא וויינינשטין פון מיינעם טויל וואש איז גיוואונט אימער דיר גוטעם צו דער צייל׳ין · דען פאר דיר וועט עש קיינע פריילי׳כע נאכריכט זיין ·

אונ זיא וואש האט איר מאן קיין מאל ניט דער ווידער גיוועזן · האט זיא שוין נאך אמאל גאר ניט גיפרעגט · אונ האט דער לאנגט אליין די טייע צום טיש · דער צו נאך גוטען ראם אונ האט אים גימאכט אגוטין פאנס · אונ דאש האט אים אביסיל פריילי׳כער געמאכט · אונ האט אן גיהויבין צו ריידין מיט איר פון היימיגע זאכין ׃ אונ מען איז אזו גיזעסין בערך איין גוטע שטונדע ביי דעם טיש · אונ דאן אלש מען האט שוין אלע הייזליכע זאכין אפ גירעט · האט מען זיך אן גיהייבין צו שפילען מיט די קינדער · אונ ער האט אן גיהויבין אויש צו טיילין זייא נאשטצענעם וואש ער האט מיט זיך פון שטאט גיבראכט · אין דעם איז ארין די קעכין אונ האט גיזאגט צו דער אגנעם „מאדאמע זייען זייא אזו גוט ארין צו גיין אויף אמינוט אין דער קיך„ האצבי אויף צווייא מינוט · האט זיא איר גיענטפערט · אונ איז ארין אין קיך · דען זיא וואר אגרוישע ווירטין וויא מיר האבין שוין פריהער געשריבין · איינע גרוישע קאכמייסטערין דאש איר קעכין פלעגט זיך מוזין אלע מאל מיישב זיין מיט איר אין די קיך זאכן׳ נון האט דר מאן געמיינט · דאש זיא וואר איצונד אויך נור צו ליב דעם גערופין אין קיך ׃ אונ האט זיך מיט די קינדער ווייטער געשפילט · דיזעם מאל וואר זיא ניט גערופין פון וועגין קיך זאכין · נור אום איינער וויכטיגערע זאך · אונ דאש וואר אום איין קינד אונ איינע מוטער · דען די עליזע האט זיך פעראירט אין דיזער פלאנטאזע (גוט) אונ איז ארין גראד אין

קיך

קיך · און וויא זיא איז נור אריין איז זיא געבליבן אין אונמאכט אויש גרויש מידעקייט אונ פון דיא פלעצליכע ווארעמקייט וואש עש האט איר דארט אויף איין מאל אן געהויכט · זיא האט קאם פאספייעט אראפ צו לאזין דאש קינד פון האנד אונ האט זיך אליין ארונטער געלאזין פון דיא פיס אונ איז געבליבן ליגן וויא א שטיין אויף דער ערד · נון האט זיך דיא קעכין זייער דער שראקין אונ האט דאהער אריין גירופין דיא דאמע אין קיך ·

אונ זיא דיא אגנעס וואש וואר שוין פיל קליגער אונ געניטער אלש איר קעכין · האט באלד פערשטאנען דאס דאש איז נור איינע אנטלאפענע שקלאווין · דען ניט איין מאל האבין שוין אזעלכע אומגליקליכע זיך פעראירט אין איר פלאנטאזע · אונ האבין גיהאט ביי איר איינע פריינדליכע אויפנאמע · אונ האט אזו אויך איר געוואלט זייער פריינדליך אויף נעמען · זיא וואר אבער מער טויט אלש לעבענדיג · אונ האט איר אזוא מעהר אלס איינע פערטיל שטונדע געמוזט מינטערין מיט עסיג · מיט שפירעטעס ביז זיא האט איר אויף געצוכעט · אונ דאן האט זיא איר דער לאנגט אגלאז ווארעמען פאנס אונ איין עטוואס עסין · אזוא איר אונ אזו דעם קינד · אונ אלש זיא איז שוין רעכט צוא זיך געקומען · אונ האט שוין גיקענטריידין האט זיא דער דאמע העכשט גענדאנקט פאר דיזע גאסט פרייהייט (בעווירטונג) אונ האט איר געבעטין דאש זיא זאל מיט ליידען האבין מיט איר אויף ווייטער · איך בין איינע אנטלאפענע שקלאווין, האט זיא איר דער ציילט מיט קורצע ווערטער, דיזעם קינד איז מיין זון · נון האט אים מיין הער גיוואלט פערקויפין צו איינעם שקלאווענהענדלער · האב איך מיך געפליכטעט (אנטלאפען) מיט אים · נון גאט זייע דאנק דאש ער האט מיך אריין גיפירט אין אייער שטוב · אונ וויא בישט דוא דעם שטראם טייך אריבער, ? האט איר דיא דאמע גיפרעגט · ער איז דאך באדעקט מיט קריעס אייז ? אונ גראדע דיזע קריעס ווארען מיין בריק האט זיא איר גיינטפערט · אונ האט איר אזו דער ציילט איר גאנצע

רייזע

רַייזָע „גְרוֹישֶׁער גָאט„ ! הָאט דִיא אַגְנֶעס אוֹיש גֶעשְׁרִיעָן „דָאשׁ קֶען נוּר אֵיינֶע מוּטֶער וַואגֶען · אָבֶּער קַיין אַנְדֶערֶער„ ·

אוּנ דָער וַויילֶע אִין דִיזֶעם גֶעשְׁפְּרֶעךְ הָאט דִיא אַגְנֶעס צַייט גִיהַאט בֶּעמֶערְקֶען (בֶּעטְרַאכְטֶען) אִיהְרֶען שֵׁיינֶעם וואוּקְס אִירֶע הֶערְלִיכֶע שׁוֹינְהַייט · אִיהְרֶע קְלוּגְהַייט אוּנ אִיר גַאנְץ הֶעפְלִיכֶען (אֵיידֶעלֶען) בֶּענֶעמֶען · אוּנ אִיז גִיוָוארִין וִויא בֶּעצוֹיבֶּערְט פוּן אִיר אוּנ פוּן אִיר קִינְד דָאשׁ זִיא הָאט זִיךְ נִיט גִיקֶענְט זַאט אָן קוּקִין זֵיי אוּנ הָאט נִיט אָפּ גֶעטְרָאטִין פוּן אִיר בִּיז מֶען הָאט אִיר אַרַיין גִירוּפִין אִין שְׁטוּב „אַזוֹא פִיל גֶערִיכְטִין מַאכְט מֶען דָאשׁ אִיצוּנְד אִין קִיךְ„ ? הָאט אִיר דֶער מַאן גִיפְרֶעגְט מִיט אֵיינֶעם פְרַיינְדְלִיכֶען לַאכֶען דָאשׁ דוּא הָאשְׁט זִיךְ פֶערְגֶעסִין גָאר אַרַיין צוּ קוּמֶען צוּרִיק · אוּנ דַיין גְלָאז פָאנְם אִיז דָער וַוילֶע קַאלְט גֶעווָארִין „אָ מַיין לִיבֶּער מַאן הָאט זִיא אִים גִיעֶנְטְפֶערְט„ אִיךְ הָאבּ דָארְט קַיין אֵיינְצִיגֶעם גֶערִיכְט גִימַאכְט · נוּר גִיהַאט אֵיין גֶערִיכְט זָאג אִיךְ דִיר וָואשׁ הָאט מִיר בֶּענוּמֶען דָעם אַפֶּעטִיט פוּן עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען פַאר דִיזֶע נַאכְט גֶעוִוים · אוּנ הָאט אִים אַזוֹ דֶער צֵיילְט דִיא גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע · אוּנ הָאט אִים דָארְט אַרַיין גִישְׁלֶעפְּט אִין קִיךְ אוּם צוּא זֶעהֶען אִיר מִיט דָאשׁ קִינְד · עֶר הָאט זֵייא בֵּיידִין אֵיינֶע הִיפְּשֶׁע צַייט אָן גִיקוּקְט · אוּנ דֶער נָאךְ אַרוֹישׁ גֵייעֶנְדִיק הָאט עֶר גִיזָאגְט צוּא דֶער פְרוֹיא „צַייט אִיךְ לֶעבּ הָאבּ אִיךְ אַזֶעלְכֶע צְוֵייא שֵׁיינֶע בַּאשֶׁעפֶּענִשִׁין נִיט גִיזֶעהֶען · אוּנ עֶשׁ טוּט מִיר זֵייעֶר לֵייד דָאשׁ מִיר קֶענֶען זֵייא בַּייא אוּנְז זֶעלְבְּסְט דִיזֶע נַאכְט אוֹיךְ נִיכְט לָאזִין אִיבֶּער נֶעכְטִיגִין„ „הַא וָואשׁ רֶעטְשְׁטוּ„ ? הָאט זִיךְ דִיא וַוייבּ אָפּ גִירוּפִין צוּ אִים מִיט גְרוֹישׁ הַאסְט · עֶשׁ אִיז אוּנְזֶער פְלַאנְטַאזֶע · אוּנְזֶער הויז אוּנ וֶוער קֶען אוּנְז וֶוערִין גוּטֶעשׁ צוּ טָאן מִיט אַזֶעלְכֶע אוּנְשׁוּלְדִיגֶע וֶועזֶען (בֶּעשֶׁעפֶּענִישִׁין) אִם לֹא דוּא ווִילְכְט אַלֵיין נִיט · נוּן וִויל אִיךְ · אוּנ הָאט זִיךְ דָער בַּייא פוּן אֵיינַאנְדֶער גֶעווַיינְט · דֶען עֶשׁ הָאט אִיר זֵייעֶר גִיקְרֵיינְקְט צוּ הֶערִין פוּן אִיר אֵיידֶעלֶען יָאזֶען אַזֶעלְכֶע טִירַאנֶעשֶׁע וֶוערְטֶער „נוּן מַיין לִיבֶּער מַאן הָאט זִיא צוּ אִים וַוייטֶער גִיזָאגְט„ אִיךְ וֶועל פוּן אוּנְזֶער

הויז

הויז נִיט אַרוֹישׁ טְרַייבִּין אַזֶעלְכֶע וָואשׁ דָער נוֹיט אוּנ עֶלֶענְד הָאט אִיר אַהֶער אִין אִים אַרַיין גֶעצְווּאוּנְגֶען • אוּנְזֶערֶע פָארְעֶלְטֶערִין פוּן אוּנְדֵיינְקְלִיכֶען צַייטִין וַוארֶען אִימֶער (מַכְנִיסֵי אוֹרְחִים) גַאסְט פְרַיינְדְלִיךְ • אוּנ אַזוֹ וַוארֶען מִיר אוֹיךְ בִּיז דַאטֶע • אוּנ וֶועלִין מִיר וַוייטֶער זַיין • אוּנ דִיזֶע עֶלֶענְדֶע מוּז דוּרְךְ אוֹישׁ גִיהָאלְפִין וֶוערִין •

„נוּן מַיינֶע טַייעֶרֶע לִיבֶּע אַגְנֶעס הָאט אִיר דָער מַאן גִיעֶנְטְפֶערְט„

אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ אַזוֹא פִיל גֶעפִיל אוּנ מִיט לֵייד וִויא דוּא • וִויא דוּא זֶעלְבְּסְט הָאשְׁט שׁוֹין גֶענוּג פְּרָאבֶּעס דָער פוּן פוּן מִיר גִיזֶעהֶען • אִיצוּנְד אָבֶּער מוּזִין אַלֶע דִיזֶע מֶענְשְׁלִיכֶע אוּנ. אֵיידֶעלֶע גֶעפִיהְלֶע פֶערְשְׁטוּמֶען אוּנ שְׁוַוייגֶען • אוּנ אוּם דִיר עֶשׁ בֶּעסֶער צוּ עֶרְקְלֶערִין מוּז אִיךְ דִיר שׁוֹין אוֹישׁ זָאגִין וָואשׁ אִיךְ הָאבּ דִיר מִיט אַשְׁטוּנְדֶע צוּרִיק נִיט גֶעווָאלְט אוֹישׁ זָאגִין • אוּנ דָאשׁ אִיז אִיבֶּער וָואשׁ עֶשׁ וַואר דִיא סֶעסְיָאן דָארְט אִין אַלְטִימָארֶע • דוּא זָאלְשְׁט וִויסִין דָאשׁ דִיא רֶעגִירוּנְג פוּן ווִירְגִינְיֶען • אוּנ אִיבֶּער הוֹיפְּט פוּן דָעם אָקְרוּג קֶענְטוּקַיְיע. הָאט אַרַיין גִישִׁיקְט צוּ אוּנְזֶער רֶעגִירוּנְג אֵיינֶע קְלַאגֶע (זַאלָאבֶּע) פַאר וָואשׁ מִיר נֶעמֶען אוֹיף זַייעֶר פְרַיינְדְלִיךְ זַייעֶרֶע אַנְטְלָאפֶענֶע שְׁקְלַאוֶוען דָאשׁ דוּרְךְ דֶעם שְׁטַארְקְט זִיךְ דָאשׁ אַוֶועק לַייפִין פוּן טָאג צוּ טָאג • דָאשׁ מִיט דֶער צַייט וֶועלִין זַייא שׁוֹין נִיט הָאבִּין מִיט וֶועמֶען צוּא בֶּעאַרְבַּייטֶען זַייעֶרֶע פְלַאנְטַאזֶען (גִיטֶער) • אוּנ פֶערְלַאנְגֶען דַאהֶער דָאשׁ פוּן הַיינְט אָן זָאל מֶען קַיין אַנְטְלָאפֶענֶעם שְׁקְלַאוֶוען לָאזִין דוּרְךְ צִיהֶען דוּרְךְ אוּנְזֶער גְרֶענִיצְנֶעם אוֹיֶעזְד • נוּן וַואר צוּ-לִיבּ דֶעם אַגְרוֹישֶׁע סֶעסְיָאן בַּייא אוּנְז גֶעמַאכְט • צוּ וֶועלְכֶע עֶשׁ וַוארֶען אַיין גֶעלַאדֶען אַלֶע צְלֶענֶעם פוּן אוּנְזֶער פַארְלֶעמֶענְט • אוּנ נָאךְ אֵיינֶעם זַייעֶר שְׁטַארְקֶען דֶעבַּאט (אַמְפֶּערַייא) פוּן דְרַייא טֶעג הָאט אוּנְזֶער קַאמִיטֶעט בֶּעשְׁטֶעטִיגְט (פָּאטְוֶוערְדְזֶעט) זַייעֶר פֶערְלַאנְג • אוּנ הָאבִּין גִימַאכְט אַיין גֶעזֶעץ דָאשׁ קֵיינֶער פוּן אַלְטִימָארֶעם אַיינְוואוֹנֶער טָאר זִיךְ נִיט וַואגֶען אַרַיין צוּא נֶעמֶען אִין זַיין הוֹיז אַיין אַנְטְלָאפֶענֶעם שְׁקְלַאוִוין אָדֶער שְׁקְלַאוִוין אוֹיךְ נִיט וָואשׁ צוּ עֶסִין גֶעבִּין • אוּנ אַזוֹ נִיט שְׁטִיצִין מִיט קֵיינֶער זַאכֶע • אוּנ אִיז מְחוּיָיב

גראדע אים אן צו גרייפין און איבער געבין צו דער פראוויטערשטווא · נון פערשטייעסט דוא מיך שוין אנגעם · און מיר אלע האבין זיך נאך געמוזט דיא ערשטע אונטער שרייבין אויף דיזע געזעץ · און דאש האט מיך גיקריינקט און קריינקט מיך נאך יעצט · דען עש איז געגען אונזער געוויסען און אנטקעגין אונזר לאנדעס געזעץ · דען מיר האבין ביא אונז קיינע שקלאווען ! און אזו דארפין מיר ניט שטערין דיא פרייהייט פון איינעם זאלכען וואש האט זיך שוין בעפרייעט מיט איינער גליקליכין איבער לייפונג ·

„א ווייהע איבער אייך מאנעם לייטע" האט דיא אנגעם אויש גשריען · דאש איר פערלייקענט: אייערע הערצען · אייערע אלע איידעלע און הייליגע געפיהלע צו ליב אייערע פאלשע פאליטיקע· א ניט אזו זאגט אונזערע אידעשע הייליגע געזעצע · דען זיא שרייבט דאך „לא תסגיר עבד אל אדוניו" דאש הייסט דאש מען זאל ניט ארויש געבין איין אנטלאפענעם קנעכט צוא זיינעם הערין · און דאהער זאג איך דיר מיין מאן דאש איך וויל, פון דיזע נייע געזעץ גאר ניט וויסען · מען קען מיך ניט נייטין דאש איך זאל אויף הערין איין בראווער מענש צו זיין · און אזו מוז דיזע עלענדע דא ביא מיר פערבלייבין · „און איך זאג ניין, מיינע ליבע פרויא · דיזע עלענדע מוז באלד און גיך פון דאנען אוועק · דען ניט פערגעם דאס איך בין איין צלען פון דעם פארלעמענט און וואר דער ערשטער וואש האט דיזען בעפעהל אונטער גשריבין · נון קען איך שוין ניט זיין דער ערשטער וואש זאל דיזען בעפעהל איבער טרעטין · און ווייטר זאג איך דיר מיינע פרויא דאש דו זאלשט זיך אין דער פאליטיק ניט מישין און ניט זאגין דיין מיינונג דאריבער זא: וויא דיא וועלט מישט זיך ניט אין דיינער קיכע און זאגט דיר קיינע דעה וועלכע געריכטען דוא זאלשט מאכין „דאך אבער אום גאטעש ווילין וואז טוט מען זיך אהין מיט איר און מיט איהר קינד ביא נאכט · האט זיא זיך אפ גירופין" זאל מען איר ארויש טרייבין שוין און לאזין פערפראהרין ווערין ? אדער מיט אייגענער האנד איבער

געבין

געבין · אונ דיא ביידע קענען ניט געשעהען · איך וועל בעסער שטארבין אלש מיר זאלין איינעם פון דיביידען טאן „רואיג מיינע פרויא האט ער איר גיענטפערט„ מיר האבין נאך אמיטיל דער צו בייא מיר איז אפלאן דאש מען זאל איר אפ פיהרען אין דיזער נאכט צו אונזער גוטין פריינד „וואנטראם„ וואש וואונט אקנאפע מייל פון דאנען דארט אין דעם קוזעשען וואלד · ער וועט איר מיט דעם קינד צו נעמען מיט ביידע הענט · ער איז קיין צלען פון פארלעמענט · מען האט נאך אים דיזען אוקאז ניט אביאוועט · אונ מען וועט אים ניט אביאוועז · דען מען קען שוין דעם סוחר דאש ער איז דער גרעסטער פיינד פון דעם שקלאווענשטאנד · אונ וועט אזו אבאפעהל גאר ניט אן נעמען · ער וועט בעסער וועלין אויש ציהען פון דאנען נאך קאנאדע אלש צו לעבין דא נאך אזו אניזעץ · אונ דאש וועט אונזערע רעגירונג ניט צו לאזין · דען וועט ער פון דאנען אפ ציהען דא מוז אים דיא באנק אוים צאלין דיא שולדען אמיליאן טאלער · אונ זיא האט קיין מיליאן גראשין · נון בייא אים קען זיא זיך זיכער פערבלייבין · ער וועט איר צו האפין וויא איין אבן טוב · דען לבד דעם וואש ער איז אפריינט צוא שטיצען יעדען אנטלאפענעם שקלאווען וועט זיא אים גלאט צוא ניץ קומען אין שטוב · דען וויא דוא זאגסט איז זיא דאך אגרוישע נייטערין · אונ אגרוישע קינסטלערין ·

„עס איז אפלאן„ האט זיא זיך אפ גירופין אונ איז גיווארין אסך רוהיגער · אונ איז אזו באלד אריין צו ריק אין קיך · אונ האט גיהייסין געבין דיא עליזע אונ איר קינד איינעם ארענטליכין אווענד ברויט · אונ איין אוים רואונג אויף אפאר שטונדין · אונ האט איר דער בייא ערקלערט דאש דא איז פאר איר קיין זיכערער ארט · אונ מען וועט איהר דאהער אין דיזער נאכט טראנספארטירען פאר אמייל ווייטער · דיזע עליזע האט איר זייער געדאנקט אונ האט גאט גיבעטין אויף ווייטער · דער ווייבע האט דיא אגנעם צו זאמען גיקליבין איין היפשין פאק קליידער אונ האט אוועק גיגעבין דער

עליזע

עֲלֵיזֶע ,נֶעם עֶשׂ צוּ פוּן מִיר מַיין טָאכְטֶער הָאט זִיא צוּ אִיר גִיזָאגְט
דִיזֶע אַלֶע קְלֵיידֶער זַיינֶען מִיר גִיבְּלִיבִּין פוּן מַיינֶע אֵדֶערְוַואקְסֶענֶע
מֵיידְכֶען וָואשׁ וַואר אַזוֹ שֵׁיין וִויא דוּא אוּנ אִיז מִיר שׁוֹין צְוַוייא יָאר
גִישְׁטָארְבִּין · נוּן פְלֶעג אִיךְ בִּיז אַהֶער צוּ שֵׁיינְקֶען דֶער פוּן יֶעדֶע
אָרֶעמֶע שְׁקְלַאוִין וָואשׁ אִיז דוּרְךְ דִיזֶער פְּלַאנְטַאזֶע דוּרְךְ גִילָאפִין ·
אִיצוּנְד אָבֶּער לוֹיט דֶעם נַייעֶם טִירַאנִישֶׁען בֶּעפֶעהל דַאשׁ קַיין
אַנְטְלָאפֶענֶער שְׁקְלַאוֶע טָאר שׁוֹין מֶער אִין מַיין-שְׁטוּבּ נִיט אוֹיף
גִינוּמֶען וֶוערִין · בִּיזְט דוּא שׁוֹין דָא דִיא לֶעצְטֶע פוּן אַזֶעלְכֶע עֶלֶענְדֶע ·
נוּן גִיבּ אִיךְ דִיר שׁוֹין גָאר אַוֶועק · אוּנ בֶּעט גָאט פַאר אִיר נְשָׁמָה *·
עֶשׂ וֶועט עֶשׂ דִיר צוּ נִיץ קוּמֶען · דֶען דוּא הָאשְׁט נָאךְ צוּא מַאכִין
אַוַוייטֶע רַייזֶע מַיין קִינְד · דֶען וִויא עֶשׂ וַוייזְט אוֹישׂ ,ווִילְשְׁט דוּא
דָאךְ נָאךְ קַאנַאדֶע צִיהֶען · אוּנ מִיט רֶעכְט · דֶען עֶרְשְׁט דָארְט
וִוירְשְׁטוּ זִיכֶער זַיין מִיט דַיינֶער פְרַייהַייט · נוּן בְּרוֹיכְסְט דוּא נָאךְ
פִיל צוּא הָאבִּין אוֹיף רַייזֶע קָאסְטֶען · אוּנ נֵייטִיגֶע קְלֵיידֶער · אוּנ
דִיזֶעם רֵיידֶענְדִיג הָאט זִיא אִיר אַרַיין גֶערוּקְט אִין הַאנְט אֵיינִיגֶע
דוּקָאטִין אוּנ הָאט אַזוֹ פֶּערְפְּלוֹידֶערְט מִיט אִיר אַפָּאר שְׁטוּנְדִין בִּיז
מֶען הָאט צוּ רֶעכְט גִימַאכְט אֵיין וַואגֶען מִיט אַפָּאר פֶערְד · עֶשׂ וַואר
שׁוֹין דַאן אַרוּם אֵיינְס דֶעם זֵייגֶער · אוּנ דַאן הָאט מֶען אַרַיין גֶעלֵייגְט
אַלֶע אִירֶע זַאכִין אוּנ דִיא גֶעשֵׁיינְקְטֶע · מִיט אַפָּאר קִיסֶענֶעם דֶער
צוּ אִין דֶעם וַואגֶען · מֶען הָאט גִימַאכְט אַיין גוּטִין גֶעזֶעם · אוּנ אַלֶם
דֶער הֶער יָאזֶע אַנְזֶעלָא הָאט שׁוֹין פֶערְזִיגִילְט דֶעם בְּרִיף וָואשׁ עֶר
הָאט גִישְׁרִיבִּין צוּ דֶעם הֶערִין וַאנְטְרָאם אוּנ הָאט אִים אָפּ גִיגֶעבִּין
דֶער עֲלִיזֶע הָאט זִיא זִיךְ מִיט דֶעם קְלֵיינֶעם דְזִים הַארְרִי אוּנ מִיט
אִיהֶר הוּנְט אַרַיין גִיזֶעצְט · אוּנ הָאט גִינוּמֶען אַשְׁוֶוערֶען אַפְּשֵׁייד פוּן
דֶעם הֶערִין אוּנ פוּן דֶער דַאמֶע · אוּנ אַזוֹ זֵייא פוּן אִיהֶר · אַזוֹ וִויא
זֵייא וָואלְטִין גִיוֶוען שׁוֹין בִּקַאנְט אוּנ בֶּעפְרַיינְדֶעט פוּן אֵייבִּיג אוּנ
יָאר · זֵייא הָאבִּין אִיר צוּ גִיוואוּנְצִין אוּנ גִיבֶּענְטְשְׁט אוּנ הָאבִּין אִיר
אַרוֹישׂ גִילָאזִין מִיט אַזוֹ אַפַארְקְלֶעמְטִין הֶערְצִין וִויא אֵיינֶע אֵייגִינֶע
טָאכְטֶער · אוּנ אִיז זִיךְ אַזוֹ אַוֶועק גִיפָארִין מִיט זֵייעֶר פוּרְמַאן וָואשׁ

וואר

וואר איין פרייער נעגער אונ וואר איין טרייער לוין דינער ביא
זיינע הערשאפטען ·

דיזער וועג אויף וועלכין זייא זיינען דארט גיפארין האט זיך
געצויגין דורך איין וואלד · אונ וואר געמאכט מער ניט וויא צוא
דער פלאנטאזע פון דיזעם וואנטראם אליין · אונ דארט האט ער
זיך אויש גילאזין דאהער איז קיין וואונדער דאשמען האט קיין ילוד
איש בעגעגינט דארט אזו שפעט ביא נאכט · אונטער וועגינס
האט זיך דער פורמאן פון איינאנדער גירעט מיט דער עליזע אונ
האט איר גיטרייסט דאש ער פירט איר אין אגוטין ארט · עש האט
דיזע רייזע גידויערט אפאר שטונדין דען דער וועג וואר זייער זומפיג ·
אונ אלש זייא זיינען אהין גיקומען צו פארין וואר פערשפארט טיר
אונ טויער אונ לאדין · עש האבין אלע גישלאפין נור דרייא גרוישע
הינט האבין דארט געוואכט · אונ האבין זייער שטארק גיבולין ·
דער פורמאן האט אבער באלד אן גיקלאפט אין טויער מיט דעם
הילצערנעם האמער וואש איז לעבין אים גיהאנגען · אונ מען האט
אים באלד גיעפינט דיא הינט צו גינומען · דען זאנסט וואלטין זיי
דיא פערד צו רייסין אונ דער וואגען איז ארויף אויף דעם הויף ·
צום גליק וואר דער „וואנטראם" שוין וואך אונ איז ארויש צו דעם
וואגען · ער האט באלד דער קאנט דיא פערד דעם פורמאן דאס
זייא זייען פון דעם הערען יאזע אנדזעקא · אונ דיא: עליזע האט אים
איבער גיגעבין דעם בריף · ער האט אים באלד איבער גילייענט
פאר דער לאנטערנע וואש ער האט מיט זיך ארויש גיטראגין · אונ
האט דיא עליזע ארײן גיבעטין צו זיך אין שטוב מיט איר קינד · אונ
האט איר צו געזיכערט דאש עם וועט איר ניט פעלין ביא אים ·
אונ דעם פורמאן וואש איר האט גיבראכט צו אים האט ער גיהייסין
דאנקען דעם הערין יאזע פאר זיין-צו טרויען וואש ער האט צו אים
דאש ער האט אים דיזע עלענדע צו געשיקט · אונ אויך זאגין אים
דאש עם וועט איהר ניט פעלין ביא אים דאש מינדעסטע · אונ
דאש זיא קען זיין; ביא אים ביז איר וועט געפעלין זיין · דען ער
מאכט

מַאכְט זִיךְ גָאר נִיט דַארוֹישׁ פוּן דֶעם נַייֶעם אוּקַאז ׳ אוּנ דֶער פוּרְמַאן אִיז בַּאלְד אַוֶועק צוּרִיק אַהֵיים ׳ אוּנ וִויא קֵיינֶער הָאט אִים נִיט גִיזֶעהֶען אַהִין פָארֶענְדִיק ׳ אַזוֹא הָאט אִים קֵיינֶער גִיזֶעהֶען צוּרִיק פָארֶענְדִיק ׳ אוּנ אַזוֹ אִיז פַאר דֶער הַאנְט אוּנְזֶער עָלִיזָע גֶעבְּלִיבִּין פֶערְזָארְגְט בִּיז אַנֶעוִויסֶע צַייט ׳

## 10.

נוּן מַיינֶעבַּטִייעֶרֶע לֶעזֶערִין אִיז שׁוֹין דִיא הֶעכְסְטֶע צַייט דָאשׁ מִיר זָאלִין זִיךְ אוּנְז אוּם קוּקִין אַרוּם אוּנְזֶער אָנְקֶעלְטָאם וָואשׁ דֶער שְׁקְלַאוֶוען הֶענְדְלֶער הַאלִי הָאט אִים אָן גִינוּמֶען אִין אַחוֹב בַּייא דֶעם הֶערִין שֶׁעלְבִּי מִיר הָאבִּין אִים גִילָאזִין פַאר וַואכְט אִין זַיין אֵייגֶענֶע שְׁטוּבּ פוּן הַאלִים אַמֶענְטְשִׁין ׃

דִיזֶער הַאלִי הָאט זִיךְ אוּם גִיקֶערְט פוּן דֶעם גַאסְט הוֹיז וָואשׁ אִיז אִין דֶעם דָארְף אָנֶעאָ׳ אִין דֶעם שֶׁעלְבֶּעם הוֹיז צוּא רִיק זַייעֶער שְׁפֶּעט אוּנ וַואר הֶעכְסְט אוּם צוּא פְרִידִין פוּן דִיזֶער מֶענְשִׁין יַאכְט ׳ אוּנ הָאט אָן גִיקְלָאגְט דִיא צְוַייא שְׁקְלַאוִין שַׁאמְדִי אוּנ אַנְדִי דָאשׁ זַייא וַואָרִין נִיט זַייעֶר טְרַייא אִין דִיזֶער זַאכֶע׳ אוּנ זַייא הָאבִּין דֶער צֵיילְט וִויא דִיא זַאכֶע וַואר בֶּאֱמֶת אוּנ זַיינֶען גִיבְּלִיבִּין גִירֶעכְט ׳ אוּנ הָאבִּין דֶער פַאר פוּן דֶער מַאדַאם וָואשׁ וַואר פוּן זַייא בֵּיידִין זַייעֶר צוּא פְרִידִין וָואשׁ זַייא הָאבִּין פַאר שְׁטַאנֶען אִיר וואוּנְק אוּנ הָאבִּין גִילָאזְט דִיא עָלִיזָע אַנְטְלֵייפִין ׳ הָאבִּין זַייא דֶער פַאר בַּאקוּמֶען אַבּוּטֶעלֶע רוּם ׳ אוּנ אַגוּטִין אַוֶוענְד בְּרוֹיט דָארְט אִין קִיךְ אוּנ וַוארִין ,זַייעֶר לוּסְטִיג ׳ אוּנ שַׁאמְדֶע נָאךְ מֶעהְר אַלְס אַנְדִי דֶען עֶר הָאט זִיךְ גִירִיכְט צוּא בֶּעטְרָעטִין דִיא שְׁטֶעלֶע פוּן דֶעם אָנְקֶעלְטָאם ׳ נוּן וֶועט עֶר שׁוֹין אוֹיךְ גֵיין אִין גִיוֶועקְסְטֶע שְׁטִיוִויל ׳ וֶועט רַייטִין אוֹיף אַיין גִיזָאטֶעלְטִין פֶערְד אוּנ וֶועט פַאלוּצִין זַאלֶעוַואנֶע׳ נִיט אַזוֹ אָבֶּער וַואר מִיט אוּנְזֶער טָאמֶען אוּנ זַיינֶע פְרוֹיא חְלָאיֶע וָואשׁ הָאבִּין נִיט גִישְׁלָאפִין פוּן גְרוֹישׁ קִימֶער אוּנ פוּן גְרוֹישׁ טְרוֹיעֶרִי נָאךְ הַאלְבֶּע נַאכְט אִיז דִיא חְלָאיֶע אוֹיף גִישְׁטַאנֶען ׳ אוּנ הָאט אָן גִיהוֹיבִּין אַיין

צוּא

צוא פאקין איר מאנס זאכין · זיא האט אויש גיקליבין דיא בעסטע ווייס צייג פאר אים · זיא האט אים איין גיפאקט דיא פלענעלענע אונטער קליידער אום צוא טראגין עש בשעת עש גרייפט אים אן דער ראמאטעם · אונ נאך אזעלכע נייטיגע זאכין · טאם האט עס אלץ צוא גיזעהען אונ האט גישאקילט מיט דעם קאפ וויא איינער וואש באדויערט וואש · ביז ער האט ארויש גיפלאצט מיט רייד „מיינע ליבע אונ טייערע חלאיע, האט ער צוא איר גיזאגט · עש טוט מיר לייד אום דיינע זיסטע מיהע · דען פאר גיוויס וועט דער האלי דער זיילען הענדלער · דיזעס אלעס ביא מיר צו נעמען · דען איך קען זייער גוט דיזע קלאסין מענשין · גלייכער דאש עס זאל עס בלייבין פאר דיר אונ פאר אונזערע קינדער · „א מיין טייערער ליבער מאן, האט זיא אים גיענטפערט · בערויב מיר ניט דיזען טראכט (טרייסטונג) צום וויינגסטינס דורך צוא לאזין דיך וויא אונזערין פאר שטארבענעם זון האסאן · וואש מיר האבין אים מיט גיגעבין אלע זיינע קליידער · מיט אין זיינעם גראב (קבר) אויב וואול מיר האבין שוין ביידע גיוואוסט אויף קלאר דאש ער וועט זייא ניט ניצין · אונ דאש איז נור וויל דעם מענשינס הערץ איז שוין, אזו איין מאל געשאפען, דאש ער זאל האבין איין זיסין גענוס (פאר גיניגין) זיך זעלבסט צוא באטריגען :

אונ עש וואר אנטקעגין טאג אלס דיא ביידע האבין זיך אלץ אזוי ארייין גיוויינט הייסע טרערין איינער דעם אנדערין אין דיא אויגין · אונ דיא קינדער האבין אויף זייער פאטער גיקוקט מיט אויף אייביג שיידענע בליקין · האט זיך גיעפינט דיא טיר אונ דיא מאדאם שעלבי איז אריין אין שטוב מיט א ביבל אין דער האנד אונ האט ביא אים גישוואהרן דאש ווען זיא וועט נור לעבן וועט זיא אים גיוויס אויש קויפין אין אמשך פון איאר דרייא פיר וואש דאן וועט זיך איהרע אום שטענדע (מעמד) גיוויס בעסערין, דאך אבער ליבע מאדאם, האט זיך דיא חלאיע אפ גירופין ; דער האלי וועט אים דאך פאר קויפין וויא מיר ווייסין זייער וייט דארט אין זידין (דרום

לאנ־

לאנד) · פון וואנען קיין שקלאווע האט זיך נאך ניט צוריק גיקערט · דען וויא מען זאגט ווערין דארט דיא שקלאוין גיקויפט אום נור צוא שטאפין זייא · צוא מאכין זייא פעט · אונ דער נאך צו שלאכטין זייא (קוילין) אונ אויש פרעגלען אויף שמאלץ׳ „איי דוא חלאיע„ האט זיך דיא מאדאם אפ גירופין · אונ דוא גלויבסט אויך אין אלץ וואש דיא ווילדע דומע נעגער זאגין · ניין דיא זידליכע פפלאנצער זיינען אויך מענטשין וויא מיר אונ זיינען קיינע לודעיעדעס · נון קען דיין מאן דארט אויך גוט זיין · נור איך שווערע אייך דאש איך וועל אים מיט דער צייט אויש לייזין אונ וועל אים לאזין ברייננען צוריק · אונ אזו האט זיא מיט דיזער אום גליקליכע פאמיליע גישפראכין ביז זיא האט זייא בארוהיגט איין עטוואס · אונ איז אוועק פון דארט העכסט גיקריינקט אונ מיט פאר וויינטע אויגין :

קוים האט זיא דיא טיר צוא גימאכט האט איר באלד איין אנדערער מיט איינעם בריק אויף גימאכט · אונ דאש וואר דער האלי ער איז אריין אין שטוב אונ האט גיזאגט · נוא אונ דוא קאנאליע ביזט נאך ניט פורט גילאפין וויא דיא עליזע · „נוא גישווינט מארש · אין וועג אריין„ דא האבין זיך דיא קינדער פון איינאנדער גיוויינט אונ האבין זיך ארום גיהאנגען ארום זיינע הענד אונ פיס וויא דיא פיאווקעס דאש מען האט זייא גיקענט קוים אפ רייסין מיט בייצין אונ מיט נאגייקעס · אונ דאן האט דער האלי אן גיטאן דעם טאם שווערע קייטין · האט אים ארויף גינומען אויף דעם וואגין וואש ער האט אים שוין גיבראכט פון נעכטין · אוואגין וואש איז גימאכט אומיסנע פאר שקלאוין צוא פירין · דען עש וואר אין אים איין גיבויט אבלאק (קלאץ) אין וועלכעם עם ווערט איין גישרויפט דיא פים · דער טאם האט אויף אים אויש גיזעהען וויא דער גרעסטער זינדער · עם זיינען צוא זאמען גילאפין איינע מיינע שקלאוין עם האט אין זייא אויף גיקאכט דאש בלוט · זייא וואלטין דעם האלי אויף דער שטעלע אויף שטיקער צוא ריסין ווען דער טאם אליין וואלט זייא ניט אפ גיהאלטין מיט איינעם קורצין

אבער

אבער קרעפטיגין גישפרעך אדער פריידיגט (דרשה), זייט רוהיג מיינע ברידער, האט ער צוא זייא גיזאגט · עש פרייט מיך זייער דאש מיין אום גליק גרייפט אייך אן פאר אייער הערצין · דאך גלייבער וועט זיין דאש גאט אליין וועט זיך אפ רעכענען מיט אונזערע ווייסע טיראנען · ער ווארט צוואר לאנג · ער באצאלט אבער גיך אונ מיט פראצענט · ער מאנט איין אלע שולדין · בייא אים איז ניט דא קיין דאוונאסק · ער מאנט איין בייא די קינדער די חובות פון זייערע עלטערין (פוקד עון אבות על בנים) ביז אין דריטין אונ פערטין גליד · נון אבער ווען איר זעלבסט וועט וואש טאן מיט אייערע שוואכע הענט וועט עס אויש זעהען ווייא איינער וואש האט גילאזט איין מאנען דורך זיין אדוואקאט אוועקסיל פון צעהען טויזינד דוקאטין · אונ ער אליין ווערט דער ווייל מיט זיין בעל חוב מושוה פאר אקליינקייט גאר · אייער קליינע אונ שוואכע נקמה וועט נור שטערין דיא גרוישע נקמה וואש גאט וויל זיך נוקם זיין מיט דער צייט אן אלע פפלאנצער (פאמעסציקעם) וואש טיראנעזירין איבער אונז °) דיזע רייד האבין זייער גיווירקט אויף זייערע היציגע גימיטער אונ זיינען גיבליבין רוהיג · האבין זיך מיט אים גיזעגינט אונ האבין דער בייא זייער גיוויינט · דען ער וואר בייא זייא איין היילינער · גיליבט אונ גיאכטעט · אונ דער בייא האט יעדער בייא זיך גידיינקט · ווען אזו קען מען זיך באגיין מיט דעם טאם וואש ער וואר בייא אים איין אויג אין קאפ נוא וואש זיינען מיר שוין זיכער :

אונ

°) דיזע רייד פון דיזעם טאם איז מקוים גיווארין איצונד אין אונזערע צייטין אונ דא גאר ניט לאנג ערסט אייאר · וויא דיא רייד פון איינעם נביא להבדיל · דען עש זיינען אין דעם איצטיגין אמעריקאנעשין שקלאפען קריג · אום גיקומען מעהר אלס צווייא מיליאן פפלאנצער וואש וואהרין זיילין פאר קויפער אונ קויפער · זיינען מיט זייערע פלאנטאזין אויש גיטיליגט גיווארין · אונ דיא נעגער זיינען נון פרייא :

אונ אזו האט אים יעדערער אקום גיטאן אין האנד אונ איז זיך אוועק גינאנגען · אונ דאן האבין זיך גיזעגינט מיט אים וייב אונ קינדער ׃ עס וואר דיזע שצענע הערץ רייסענד דאש הימיל אונ ערד האבין מיט גיוויינט · דיזער האלי אבער האט זייא זיך ניט גילאזט אויש ווייגען׳ אונ האט אשמיץ גיטאן דעם פערד דאש דיא חלאיע האט קוים פאספייעט אריין צוא ווארפין אים דעם פעקיל זאכין · אונ אין פינף מינוט וואר ער שוין ניט צוא זעהען ׃

קוים זייא זיינען איין גילאפין אפאר מייל האט זיך מיט זייא באגעגינט דער יונגער שעלבי דער איזאק · זיין בעסטער פריינד וואש האט מיט איין אווינד פריהער בייא אים אווענד ברויט גיגעסין · אונ וואש האט דאן גיבראכט דיא ביבעלשע בילדער ׃ אונ האט זייא דארט אין טאמס היטע (שטוב) אליין אויש גיהאנגען · דיזער בראווער יונגער מאן האט פון דיזער גישיכטע גאר אונ גאנץ ניט גיוואוסט · דער פאטער זיינער וואש האט גיוואוסט וויא ווייט דיזער יונגער מענטש איז צוא גיבונדין צוא דיזעם טאם׳ האט ער אים אין דער זעלביגער נאכט ארום צעהען דעם זייגער אוועק גישיקט צוא איינעם פפלאנצער (פאמעסציק) וואש האט גיוואונט פאר עטליכע מייל אודות איין ענין · דאמיט ער זאל דער בייא ניט זיין · זאנסט וועט זיין הימיל עפין זיך ׃

אונ וויל ער האט ניט גיוואוסט · דאהער האט ער ניט גיגלויבט זיינע אויגין וואש זייא זעהן דא · דעם טאמען אין דיזין שיינעם וועגעלע גישמידטער הייט דיא הענט · אונ דיא פיס איין גישרויפט אין אבלאק (קלאץ) · אונ האט שוין גיוואלט אזו גאנץ גלייך גילטיג פאר בייא פארין · עס האט אים אן גירופין בייא זיינעם נאמען דיזער ארעסטאנט · אונ דאן האט ער אים אויף דער שטעלע דער קאנט · אונ איז ארויף גיפאלין אויף זיין האלדז מיט אגרויש גיוויין ,וויא קומסט דוא אויף אזו אוואגין, האט ער אים גיפרעגט זייער צוא שראקענער הייט · האשט דוא וועמען גימארדעט · בעשטוילין · אדער עפעס איינע אנדערע שווערע זינדע באנאנגען,

קורץ דער פון ער האט אים אין איינער מינוט טויזינט שאלות אן גיפרעגט וויא איינער וואש זעהעט וואש שרעקליכעם · אונ וויל אויף איין מאל וויסין באשייד דאריבער · דאך אויף אלע זיינע פראגין האט אים דער טאם גיענטפערט זייער קורץ אונ וואהר · איך האב מיך אין מינדעסטין ניט פאר שולדיגט · נור דיין פאטער דעם האלי · דען ער איז אים געלט שולדיג אונ האט מיך אים אן גיגעבין אין זיין-חוב · ביא דיזער אנטוואורט האט דיזער יונגער מענטש שיר דיא שלאק באקומען · ער האט זיך דיא פינגער צוא ביסין פון גרויש צארין „מיין פאטער האט דיך טאמען פאר קויפט, האט ער אויש גישריען הונדערט מאל „נון ליבער האלי„ האט ער זיך דארויף אפ גירופין צוא דעם שקלאווען הענדלער · איך בעט אייך בינדעט אים לויז · איך שווער אייך ביא מיינעם לעבין דאש ער וועט אזו אויך ניט אנטלייפין דען ער איז איין בראווער ערליכער מאן „דאך קען איך עס ניט טאן הער איזאק„ האט אים דער האלי גיענטפערט · מיר פארין דא פאזע גרענעץ נון מיט איינעם שפרונג איז ער שוין אויף יענעם זייט · אונ דאן בלייב איך נאך דער צוא דער נאר אונ דער בעל עולה · ניין איך טרויע דיא פרייהייט קיינעם נעגערין זעלבסט דעם ערליכסטין „א ווייהע מיר„ האט דער איזאק אויש גישריען · דאש איך בין אקינד פון אזעלכע עלטערין · אונ איין בירגער פון אזו אלאנדי וואש האט אין זיך אזעלכע גיזעצע · נון מיין ליבער טאם איך בין צייגע (איין עדות) דאש מיין פאטער האט דיר כמה וכמה מאל פאר שפראכין פרייא צוא לאזין · נון ווען ער האט עש ניט גיטאן וועל איך עס טאן · איך שווער דיר ביא דעם גאט ישראלס דאש איך וועל דיך ניט פאר געסין אונ וועל זעלבסט קומען דיך אויש קויפין · דער ווייכע אבער האב איך ביא מיר פינף טאלער נעם עס ביא מיר צוא · אונ האט זייא אים אריין גישטאפט צוא אים אין האנד מיט גוואלד אונ האט זיך אזו אפ גיזעגינט מיט אים · אונ האט דעם האלי נאך אמאל גיבעטין דאש ער זאל אים מענשליכער באהאנדלען אונ האט

אַזוֹ אַוֶועק גִירִיטִין מִיט אֵיינֶעם פַּאר וואוּנְדֶעטִין הֶערְצִין צוּא רִיק אַהֵיים ׳ אוּנ זַיין עֶרְסְטֶער גַאנְג וָואר דָארְט צוּא דֶעם אָנְקֶעלְטָאמְם הִיטֶע (שְׁטוּב) אוּם צוּא שְׁטִילִין (אַיין הַאלְטִין) דִיא טְרֶערִין פוּן דֶער חֲלָאיֶעי מִיט זַיינֶע פַאר זִיכֶערוּנְגֶען דָאשׁ עֶר וֶועט אִים גִיוִויס אוֹישׁ קוֹיפִין אוּנ וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבִין אוֹיף דִיא קִינְדֶער :

## 11.

אִין אַפָּאר וָואכִין נָאךְ דִיזֶער גִישִׁיכְטֶע ׳ אִיז אַרַיין גִיפָארִין אִין דֶעם זֶעלְבִּיגִין גַאסְט הוֹיז פוּן אָגֶעאָ וָואשׁ פוּן אִים אִיז אִיבֶּער גִילָאפִין דֶעם גְרוֹיסִין שְׁטְרָאם ,טִיךְ, עֶלִיזֶע מִיט אִיר קִינְד ׳ אִיז אַרַיין גִיפָארִין אִין אֵיינֶעם טְרִיבֶּען (כְמוּטְנֶעם) טָאג פַאר נַאכְט אַיין פַּאסַאזִיר (פַאדְרָאזְנִיק) וָואשׁ וַואר פוּן מִיטֶעלִין וואוּקְס אוּנ זַייעֶר שֵׁיין אָן גִיצוֹיגִין (גִיקְלֵיידֶעט) ׳ עֶר הָאט מִיט זִיךְ אַרַיין גִיטְרָאגִין אַקְלֵיין שְׁעפֶּעטִיל אוּנ אַרֶעגֶענְשִׁירְם ׳ דֶען עֶס הָאט אִין דִיזִין טָאג שְׁטַארְק גִירֶעגִינְט ׳ אוּנ הָאט קוֹים גִיפוּנֶען דָארְט אַיין זִיכֶערִין אָרְט וואוּ עֶשׁ אַוֶועק צוּא לֵייגִין ׳ דֶען דִיזֶער גַאסְט הוֹיז וַואר פוּל אוּנ פַּאק מִיט רֵייזֶענְדֶער וָואשׁ דֶער הַיינְטִיגֶער רֶעגִין הָאט זֵייא אַהִין אַרַיין גִינֵייטִיגְט ׳ דָאשׁ רוֹב פוּן זֵייא וואָרִין יֶעגֶער וָואשׁ הָאבִּין זִיךְ פַאר שְׁפֶּעטִיגְט אִין דֶעם דָארְטִיגִין וַואלְד ׳ זֵייא וָוארִין אַלֶע גִיזוּנְטֶע אוּנ שְׁטַארְקֶע לֵייטֶע אִין גְרוֹישֶׁע לַאנְגֶע שְׁטִיוִויל ׳ אוּנ אִין אוֹישׁ גִיקֶערְטֶע פֶעלֶענֶע הִיטְלֶען ׳ מִיט בִּיקְסִין אִין דִיא הֶענְד אוּנ קוּרְצֶע דְרַייא שַׁארְפִיגֶע שְׁפִּיזִין בַּייא דִיא זַייטִין ׳ זַיינֶען זִיךְ גִיזֶעסִין שְׁטִיר אוּנ הָאבִּין גִירֵייכֶערְט פַּייפִין ׳ צִיגַארִין ׳ אוּנ אַנְדֶערֶע הָאבִּין גִיקַייט טַאבַּאק :

נוּן בַּייא דֶעם עֶרְסְטִין אָן בְּלִיק פוּן דִיזֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע גֶעסְטֶע הָאט זִיךְ אוּנְזֶער רַייכֶער פַּאסַאזִיר (פַאדְרָאזְנִיק) אַיין עֶטְוָואס טְרֶעוואָזֶעט (דֶער שְׁרָאקִין) דֶען זֵייא הָאבִּין אוֹישׁ גִיזֶעהֶען אִין גַאנְצִין וִויא אֵיינֶע רוֹיבֶּר בַּאנְדֶע עֶפֶּעס׳ אוּנ עֶר הָאט גִיהַאט מִיט זִיךְ אֵיינֶע מַאסֶע גֶעלְט, אִין נָאלְד אוּנ אִין וֶועקְסְלֶען ׳ אוּנ אִיז אַזוֹ גִיזֶעסִין

בערך

בערך צעהן מינוטין אלץ אזו פאר קימערט אונ באטראכטענדיק יעדען גאסט באזונדער ביז זיינע אויגין האבין ארויש גיפונען פון זייא איינעם רייכין פפלאנצער וואש וואר אים האלב באקאנט אונ איז אזו צוא אים צוא גיגאנגען · אונ האט בייא אים גיבעטין איין שמעק טאבאק אום נור צוא האבין איינע גילעגענהייט אריין צוא לאזין זיך מיט אים אין אגישפרעך · אונ עש האט געלונגען (גיגאלטין) דער אן פאנג גישפרעך וואר וויא גיוואונליך פון וועטער נור · דער נאך האט מען אן גיהייבין צוא ריידין פון דער פאליטיק · אונ וואלטין זיך פאר גיוויס פאר שמועסין ביז איצונד · דען דיא אמעריקאנעשע פובליקאנער קענען זיך פון אזעלכע זאכין גאר ניט אפ ריידין ווען עם וואלט ניט איין אנדער ענין אפ גיווענדעט זייער גישפרעך אויף גיך · דען עש איז אריין גיקומען דער ווירט מיט אגרוישין גידרוקטין אפיסט (אביאוולענע) אונ האט עם אן גיקלעפט אויף דעם מיטעלסטין זייל פון דיזעם גרויסין צימער · נון וואריך דיזע ביידע פאליטיקער · דיא ערשטע וואש האבין אן גיטאן דיא ברילין זייערע · אונ האבין צוא גיטראטין צוא דיזער אביאוולענע · אונ איינער פון זייא ביידין אונ דאש וואר דער רייכער פפלאנצער (פאמעסציק) האט גילייענט זייער הויך אזו וויא אום דאס אלע זאלין הערין דיזע ווערטער · איך נעם מיר דיא פרייהייט באקאנט צוא מאכין אונזערע מענשין פריינדליכין פובליקום (עולם) דאש עם איז אנטלאפין פון מיר וועלכער דא אונטין אונטער גיצייכינט איז · איינער פון מיינע בעסטע שקלאווין · ער הייסט דזארדז הארדי ער איז זעקם פוס (טריט) דיא הייך · דיא פארבע פון זיין גיזיכט איז העל בענאהע (כמעט) וויא איין קרעאלע · דען ער איז איין מולאט פון דריטען גישלעכט (דור) · זיינע האר איז לאנג · שווארץ אונ איין עטוואם גיגרייזילט · ער שפריכט זייער שיין · אונ פאר שטייט אויך זייער גוט צוא שרייבין אונ צוא לעזין · אונ פאר שטייט צו מאכן זיך גאנץ עלעגאנט וויא איין איידיל מאן · צום גליק אבער איז ער גישטעמפילט אויף דער רעכטער האנד מיט דעם

בוכשטאב

בוכשטאב „H„ נון דער וואש וועט אים אן גרייפין אונ וועט אים איבער געבין צוא דער רעגירונג (פראוולעניע) אלעבעדיגין באקומט יענער ביא מיר אנאגראדע פון פיר הונדערט טאלער · אונ ווען ער וועט מיר אים צוא שטעלין אטויטין נור צווייא הונדערט טאלער · אונ דער וואש עש וועט מיר ברייננען איין געוויסע באווייזע (דאקאזאטעלסטווא) דאש ער ערגעץ וואו שוין גישטארבין באקומט הונדערט טאלער„ אונ אונטער צייכינט וואר יאקסאן צינעקער :

אונ אלס דיזער פפלאנצער האט עס גוט דורך גילייענט האט ער עש באשפויגין אונ גיזאגט · אזו איינע אביאוולענע איזט נור איין פאסקעוויל אויף אונזער רעגירונג · העטע איך גיוועזן אצלען פון פארלעמענט וואלט איך אזוינס ניט ערלויבט צוא שרייבן· איך וואלט אזו אהערין פון לאנד ארויש גיאגט · אונ ניט אזו אים אויך יענע אלע וועלבע.עס אנטלייפין דיא שקלאווען וויל זייא ווייסין ניט וויא זייא צוא באהאנדלען · איך בין אויך אפפלאנצער · איך האב דרייא הונדערט שקלאווין · אונ נאך איז ניט איינער פון מיר גילאפין אונ וועט ניט לייפין · דען איך שלאג זייא קיין מאל · מאטער זייא ניט צוא פיל · אונ האבין גינוג צייט צוא טאן וואש פאר זיך · האבין ביא מיר גוטע וואוננגען · גוטעס עסין · אונ ערלויב זייא צוא באפרייען זיך פון מיר ווען זייא ווילין · אונ נאך האט עס קיינער גיוואלט · וויל זייא ווייסין דאש זייא וועלין בעסער ניט האבין אין זייער פרייען שטאנד · איך מיש מיך ניט אין זייערע שידוכים· ניט אין זייערע רעליגיאן זאכין · אונ דאהער בין איך רייכער פאר אנדערע פפלאנצער וואש האבין צוא זעקש הונדערט שקלאווען · דען מיינע שקלאווען זיינען זייער גיזונט · פריידיך · זעלטין דאש איינר ווערט קראנק אדר שטארבט · אונ טוען אפ אין צוועלף שטונדין מעהר אלס אנדערע אין צווייא מאל צוועלף שטונדין :

דיזע היציגע פריידיגט (דרשה) וואש וואלט נאך דויערין דער ווייסט ביז וואנען איז אונטער בראכין גיווארין.(אויף גיהערט דורך דיא אריין קומונג פון איינעם אנדערין גאסט · דיזער נייער

פאסזירער

פַּאסַאזִירֶער וַואר אַיין יוּנְגֶער מַאן מִיט אַנִיבְּרוֹינְטִין גִיזִיכְט דָאשׁ
יֶעדֶערֶר הָאט אִים בַּאלְד אָן גִינוּמֶען פַאר אַיין אַמֶערִיקַאנִישִׁין שְׁפַּאנָאל
אוּנ וַואר זֵייעֶר רֵייךְ גִיקְלֵיידֶעט · אוּנ הָאט אִין אַלֶע זֵיינֶע מַאנִירִין
אוֹישׁ גִיזֶעהֶען וִויא אַיין זוּן פוּן אַגְרוֹישֶׁע רֵייכֶע הוֹיז · צְוֵוייא נֶעגֶער
שְׁקְלַאוֶוען וָואשׁ וַוארִין שַׁארְמַאנְט (שֵׁיין) גִיקְלֵיידֶעט הָאבִּין אִים
נָאךְ גִיטְרָאגִין אַגְרוֹישִׁין בֶּעטְזַאק אוּנ שַׁאקְוַואיַאזֶען · אַפָּאר גוּטֶע
בִּיקְסִין · פִּישְׁטָאלֶעטִין · דִיוַואנֶעם אוּנ דָאשׁ גְלֵייכִין · רִיכְטִיגֶע
בַּאוַוייזֶע פוּן אֵיינֶעם רֵייכִין אוּנ אֵיידֶעלִין הֶערִין · אַרַיין קוּמֶענְדִיק
אִין שְׁטוּבּ הָאט עֶר זִיךְ פַאר נֵייגְט צוּ אַלֶעמֶען · אוּנ אַלֶע צוּא אִים ·
אוּנ אִיז גְלַייךְ צוּא גִינַאנְגֶען צוּא דֶעם זָאנְדַאר וָואשׁ וַואר דָארְט
גִיזֶעצְט אוּם דִיא פֶּעסֶער אִיבֶּער צוּא זֶעהֶען · אוּנ הָאט אִים דֶער
לַאנְגְט זַיין פַּאס אִין וֶועלְכִין עֶר וַואר גִינֶענְט „הֶענְרִי בּוּטְלֶער פוּן
אַקְלַאנְדֶע„ וָואשׁ דָאשׁ אִיז אַזוֹ דִיא פְּרָאזְוִוישְׁקֶע פוּן אַיינֶער גְרוֹישִׁין
שְׁפַּאנְיֶעשִׁין־פַאמִילְיֶע אִין מֶעקְסִיקָא · אוּנ בְּשַׁעַת דֶער זָאנְדַאר הָאט
דוּרְךְ גִיזֶעהֶען (וִויזְטִירְט) דֶעם פַּאס · הָאט עֶר דוּרְךְ גִילֵייעֶנְט דִיא
אַבְּיַאוּוְלֶענֶע גַאנְץ הוֹיךְ אוּנ הָאט דֶער נָאךְ גִיזָאגְט צוּא זֵיינֶע
בֶּעדִינְטֶע · אִיךְ גִיבּ קֵיינֶע צְוֵוייא גְרָאסִין דָאשׁ דָאס אִיז דֶער יוּנְגֶער
מַאן וֶועלְכִין מִיר הָאבִּין בַּאגֶעגִינְט · דֶען עֶר הָאט אַלֶע דִיזֶע
פְרֶעדְמֶעטֶם · אוּנ הָאט זִיךְ עֶפֶּעס אַלֶץ גִיטוּרֶעט · אוּנ עֶס וַואר נָאךְ
דֶעם אַלְם עֶר הָאט זִיךְ רֶעכְט אַרוּם גִיקוּקְט אוּנ הָאט גִיזֶעהֶען דָאשׁ
דִיזֶער זַאל אִיז פוּל אוּנ פַּאק מִיט גֶעסְט הָאט עֶר גִיבֶּעטִין דִיא וִוירְטִין
דָאשׁ מֶען זָאל אִים גֶעבִּין אַיין בַּאזוּנְדֶערִין צִימֶער · דֶער וַויילֶע בִּיז
מֶען הָאט דֶעם בַּאזוּנְדֶערִין צִימֶער צוּא רֶעכְט גִימַאכְט · הָאט אִים
דֶער עֶרְסְטֶער רֵייזֶענְדֶער וָואשׁ אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען מִיט אַקְלֵיין
שֶׁעפֶּעטִיל אוּנ מִיט אַפַּארַאכָאן זֵייעֶר פְרֵיינְדְלִיךְ גֶעגְרִיסְט · דֶען עֶר
הָאט אִים אוֹישׁ גִיוִויזִין פַאר אַיין אַלְטִין בַּאקַאנְטִין · אוּנ הָאט
גִיוָואלְט זִיךְ פוּן אֵיינַאנְדֶער רֵיידִין מִיט אִים · אוּנ הָאט דָאךְ נִיט
גִיוַואנְט וַוייל עֶר הָאט זִיךְ נִיט גִיקֶענְט דֶער מָאנֶען וואו עֶר הָאט
אִים גִיזֶעהֶען · אוּנ פוּן וַואנֶען עֶר אִיז אִים אַזוֹ בַּאקַאנְט · אוּנ הָאט

אים

אים באלד איבער גיבעטין אונ האט זיך פאר ענטפערט וואש ער איז דא אים צוא נאהינט גיקומען מיט איינעם אום גלייכין גערים דען ער האט גימיינט דאש ער איז זיינער אבאקאנטער :

„עש טרעפט אין לעבין אלעש האט אים גיענטפערט דער העגרי בוטלער, מיר מענשין אירען אונז אימער · אונ דאך איז מיר אייער גערום זייער ליב· אונ גלויבע אויך אייך ערגעץ גיזעהען צו האבין· אונ האט אים אזו ארין גיבעטין באלד צו זיך אין צימער וואש מען האט שוין פאר אים פארטיג גימאכט· אונ אלס זיי זייען דארט ביידע ארײין אונ דער העגרי בוטלער האט אויש גיטאן זיינע וועג קליידער · איז ביא דעם אנדערין אראפ גיפאלין וויא צוויא שופין פון דיא אויגין אונ האט דיזין יונגין מאן באלד דער קענט „א וויא איך בין איין יודע ! האט ער אויש גישריען, דאש איר זייט נור דער דזארדז הארי דען וואש האט ביא מיר אין דעם וואלען פאבריק גידינט · וויא ער לעבט אונ לייבט · „אונ וויא איך בין איין יודע האט זיך דער יונגער מאן אפ גירופין, דאש איר זייט העט שנייאור דאווידזאהן מיין געוועזענער פאבריקאנטער וויא ער לעבט אונ לייבט· אונ דער נאך אלש זייא זייען דיא ערשטע מינוטין פון זייער אונגעריכטעם ווידער זעהען זיך איבער געקומען · האט אים דיזער יונגער מאן וואש וועט שוין הייסין פון נון אן מיט זיינעם ריכטיגין נאמען אין אונזער געשיכטע „דזארדז הארי, וואש איז וויא מיר ווייסין פון פריער עליזעס מאן · האט ער אים דער ציילט דיא ווארהייט · דאש ער איז פון זיינעם הערין · יאקסען צינקער אנטלאפין גיווארין דען ער האט אים זייער אונטער דריקט · אונ האט אים אן גיהייבין צו נייטיגין דאש ער זאל נעמען איינע אנדערע פרויא, איך בין אבער זייער מסופק האט זיך דער פאבריקאנט אפ גירופין צו אים, צוא וועט עש אייך גליקין · זייא האבין דאך זעלבסט גילייענט דיא אביזאוולענע וועגין אייך · נון פאר געווים מוזט איר שוין אויף געפאסט ווערין דא פון דיא זאנדארמעם אויף יעדער טריט · „דער מענטש מוז וואגען אונ האפין אויף גאט, האט אים דער דזארז

גיענטפערט

גיענטפערט · „אויף גאט ? האט זיך דער פאבריקאנט אפ גירופין, „גאט וויל דאך דאש קיין שקלאווע זאל פון זיין הערין ניט אנטלויפין „אונ וואו שטייט עש דען, ? האט אים דער דזארדז גיפרעגט „דארט ביא דער געשיכטע פון הגר, האט אים דער פאבריקאנט גיענטפערט אלש זיא איז אנטלאפין פון איר דאמע האט איר גאט גיהייסין זיך צוריק קערין אונ לאזין זיך פייניגין אונטער אירע הענט · נוא ווען איר ברייגנט מיר יוא איין ראיה פון דער ביבעל דאש מען טאר פון איינעם שלעכטין הערין ניט אנטלויפין וועל איך אייך פרעגין ווידער וואש איז דער מיין פון אונזער תורה וואש זיא האט גישריבין „לא תסגיר עבד אל אדוניו, דאש הייסט ווען איין שקלאווע אנטלויפט טאר מען אים ניט צוריק איבער געבין אין זיין הערינס הענט · נון איז דאש בעסטע דאש מיר זאלין דיא ביבער צו רוהע לאזין · דען מיר זייען ביידע קיינע גרויש ביבעלגראפן (לומדים) ניט · נור דאש ווייס איך דאש יעדערר האט פאלין רעכט צו רעטין זיין לעבין אונ זיינע פרייהייט וויא וויט ער נור קען · נור אן צו שאדען דער ביא דעם אנדערין · „נוא עש ליידעט דאך דער ביא אייער הער האט צו אים גיזאגט דער פאבריקאנט, גלייכער דאש ער זאל ליידין דורך מיר עטליכע הונדערט אדער טויזינט טאלער שאדען · אלש איך זאל ליידען דורך אים אין גוף אונ אין נפש · אונ פיליכט אויך נאך מיין לעבין פערליערען ·

„נון מיין ליבער דזארדז הארי, האט זיך אפ גירופין דער פאבריקאנט · פון מיינט וועגין קענט איר אויך ציהען אין פרידען אונ גאט זאל אייך מצליח זיין · דאך וויא איר ווייסט דאש איך בין אייך איין גוטער פריינד שרעקט מיך מיין הערץ זעהענדיק אין וואש פאר אגעפאהר איר שוועבט דא · בעהיטע גאט פיליכט תאפט מען אייך · אונ צווייטענס איז מיר אגרויש וואונדער וויא קומט איר צו אזו אריכקייט איר גייט דאך געקליידעטווירקליך וויא איין גראף · זא דאש איך וואס איר ווארט ביי מיר אזו אצייט אין פאבריקע האב איך אייך בשום אופן ניט דר קאנט · נון בין איך בעזארגט דאש

אִיר הָאט חָלִילָה װעֶמעֶן אַנְדֶערְשׁ גִיטָאן · אוּנ דָאשׁ צְוַואר גְלוֹיבְּט זִיךְ מִיר נִיט · דֶען אִיךְ װַייש דָאשׁ אִיר זַייט אַיין בְּרַאוֶוער עֶרְלִיכֶער מַאן ·

נוּן װֶען אִיר קִימֶערְט אַייךְ אוּם מִיךְ אַזוֹ פִיל װֶעל אִיךְ אַייךְ שׁוֹין אַלֶעשׁ דֶער צַיילִין װִיא אִיךְ קוּם צוּ דִיזֶעם פַּאם אוּנ צוּ דִיזֶע רַייכֶע קְלַיידוּנְג · דִיזֶע צְוַוייא נֶעגֶער װָאשׁ װַייזִין אַייךְ אוֹישׁ פַאר מַיינֶע צְוַוייא בֶּעדִינְטֶע · זַייעֶן פְרַייֶע נֶעגֶער אוֹישׁ קַאנַאדֶע · אוּנ זַיינֶן פוּן יֶענֶער גֶעזֶעלִינְשַׁאפְט װָאשׁ הָאבִּין זִיךְ גִימַאכְט אַנִישֶׁעפְט אַרִיבֶּער צוּ טְרַאנְסְפָּאטִירִין אַנְטְלָאפֶענֶע שְׁקְלַאוֶוען פוּן דִיא פֶערְאַייגִיגֶע אַמֶערִיקַאנֶעשֶׁע שְׁטַאטֶען (לֶענְדֶער) אוֹיף זַייעֶרֶע קָאסְטֶען · זַייא װֶענְדִין דֶער בַּייא אָן דִיא גְרֶעסְטֶע חִיטְרָאסְץ · אוּנ דִיא גְרֶעסְטֶע הוֹצָאָה אִים נוּר עֶשׁ אוֹישׁ צוּ פִירֶען · אוּנ נֶעמֶען עֶשׁ דֶער נָאךְ אַפְּ כִּפְלֵי כִּפְלַיִם בַּייא דִיא אַרוֹישׁ גֶערַאטֶעוֶועטֶע װָאשׁ פֶערְדִינֶען דָארְט אִין קַאנַאדֶע צוּא דְרַייא פִיר הוּנְדֶערְט טָאלֶער אַיָאר · נוּן פֶערְשְׁטֵייט זִיךְ דָאשׁ זִיא װַאגְען זַייעֶר גֶעלְט נוּר אוֹיף אַזֶעלְכֶע שְׁקְלַאוֶוען װָאשׁ הָאבִּין אַטַאלֶענְט אִין הַאנְט · נוּן גָאט זַייא דַאנְק װִיא אִיר װַיישְׁט בִּין אִיךְ אַיינֶער פוּן דִיזֶען · אוּנ הָאבּ מִיךְ אַזוֹ שׁוֹין פוּן לַאנְג אָן צוּא זַאמֶען גִירֶעט מִיט דִיזֶער קַאמְפַּאנְיֶע מִיט בְּרִיף · אוּנ זַייא הָאבִּין מִיר דָאשׁ אַרוֹישׁ גִישִׁיקְט דִיא צְוַוייעֶן מִיט דִיזֶע אַלֶע מַכְשִׁירִים מִיט דֶעם פַּאם · נוּן מַיין לִיבֶּער הֶער שְׁנֵיאוּר דַאוִוידְזָאהן · אִיךְ װֶעל מִיט גָאטֶעשׁ הִילְף אוּם גֶעזַאמְט זַיין אִין קַאנַאדֶע אוּנ שְׁרַייבּ דַאן מַיין עֶרְסְטֶען בְּרִיף אָן אַייךְ ·

קוּרְץ דֶער פוּן זַיי הָאבִּין אַוֶועק גִישְׁמוּעֶסְט דָארְט בִּיז הַאלְבֶּע נַאכְט · מֶען הָאט דֶער בַּייא גֶעטְרוּנְקֶען פָּאנְס אוּנ אַיין עֶטְוָואס גֶעגֶעסִין · אוּנ זִיךְ לוּסְטִיג גֶעמַאכְט · אוּנ בַּייא דֶעם זֶעגֶענֶען הָאט אִים דֶער שְׁנַייאוּר דַאוִוידְזָאהן גֶעשֶׁאנְקֶען אַיין זִילְבֶּער שַׁיין פוּן פוּפְצִיג טָאלֶער · הָאבִּין זִיךְ צוּ קוּסְט · צוּ גִיוואוּנְצִין · אוּנ זַייעֶן זִיךְ פוּן אַיינַאנְדֶער גִיפָארִין זַייעֶר פְרַיילִיךְ · דֶער פַאבְּרִיקַאנְט אַהַיים · אוּנ דֶער דְזָארְדז מִיט דִיא צְוַוייא נֶעגֶער זַייעֶן אַרִיבֶּער דֶעם שְׁטְרָאם

מיך

טיך״ וואש וואר שוין דאן רעכט גיפראהרין · נוא מיר וועלין אונז ווענדין אין איינער זייטע אום אן צו יאגען דעם שקלאווען העננדלער האלי מיט דעם אנקעל טאם ·

## 12

האלי אונ אנקעל טאם האבין זיך גישלעפט אין זייער שקלאווענוואגען אגאנצין טאג אונ זייען געגין אווענד גיקומען קיין וואסינגטאן · אונ דארט האט דער האלי אפ געפירט אויף נאכט לעגער דעם טאם אין דעם דארטיגין אסטראג · אונ ער אליין איז פארפארין אין אהאטעל · אונ מארגין ארום עלף דעם זייגער איז ער אוועק אין דער אקטציאן הויז אום צו זיין דארט ביא איינער ליצעטאציע פון שקלאווען · דען עש האבין גיזאלט דארט פערקויפט ווערין היינט זייער פיל שקלאווין · שקלאוויגען אונ קינדער · עש האט זיי פערנומען איין קרידיטאר פאר זיין חוב ביא זיינעם אלוה · אונ זיי ווערין היינט פובליצנע פערקויפט · לעבין דיזעם הויז וואר אויש געבויט איין פלאטפארעם (בינע) אויף וועלכין עש וואר ארויף גיפירט יעדר שקלאווע אונ שקלאווין בעזונדער מוטער נאקעט · אונ דארט טאפן זייא ארום דיא פאקופאטעלעם וויא אקצב איין אקס אונ קויפן זייא אויש שטייגענדיק איינר דעם אנדערין · אונ דר שקלאווע אדער שקלאווין וואש ווערט פערקויפט שטויסט מען אים ארונטער פון דיזעם פלאטפארעם · אונ מען פירט ארויף איינעם אנדערין ·

נון ווארען ביא דיזער אוקציאן געשיידעט מענער פון פרויען · קינדער פון עלטערין · האלי האט דארט נור דרייען איין געהאנדעלט צוויא דער וואקסענע אונ איינעם אקליינעם · אקינד פון איאר אכט אשיינער יונג · מיט בלוט האט ער אים ארויש געריסען פון דער מוטערס אריעמס · איר וועלכט האט ער ניט גיוואלט קויפן · דען זיא וואר שוין אלטליך בלינדליך · נון האט איר איין אנדערער געקויפט פארשפאט ביליג · דאש הייסט וויא נור אום אויף צו היינגען איר ·

דיזע אלע דרייא האט דיזער האלי אין איינעם צעפ צו זאמען

גֶעקֵייטֶעט · אוּנ הָאט זַיי גִיטְרִיבְּן פָאְרְאוֹיס מִיט אַלַאנְגְן בַּייץ צוּ דֶעם אַסְטְרָאג אוּם אַרוֹיש צוּ נֶעמֶען פוּן דָארְט דֶעם טָאם וֶועלְכֶן עֶר הָאט אוֹיךְ צוּ זַיי צוּ גִיצֶעפֶּעט· אוּנ הָאט זַיי אַזוֹ גִילָאזְט טְרַייבְּן גַאנְצֶע דְרַייא טֶעג בִּיז עֶר אִיז מִיט זַיי גִיקוּמֶן צוּ דֶעם פְלוּס (מַייךְ) (אַגְיָא) אוּנ דָארְט הָאט עֶר זַיי אוֹיף גִיזֶעצְט אוֹיף אַפַארָאחָאד (דַאמְפְּפ שִׁיף) · דִיזֶע פִיר וָוארִין נוּר אַקְלֵיינֶר. טַייל פוּן זַיין פֶּעקְל סְחוֹרָה דֶען וָואשׁ אַמַייל וַויטֶר הָאט זִיךְ דֶער פַארָאחָאד אַלְץ אָפּ גִשְׁטֶעלְט· אוּנ הַאלִים פְרִיקַאסְצִיקֶעם וָואשׁ וַוארְן דָארְט אִין דִי בְּרֶעגָאוֶוע דֶערְפְלֶךְ אוּנ פְלַאנְטַאזְן הָאבְּן צוּ גֶעפִירְט אוֹיף דֶער שִׁיף צוּ פִינְף צוּ זֶעקְס נַייֶע שְׁקְלַאוֶוען · אַלֶע פֶערְטְרוֹיעֶרְטֶע גֶעמִיטֶער · צוּא בְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער · אוּנ מִיט פֶערְוֵויינְטֶע אוֹיגִין · דֶען יֶעדֶערֶר בֶּעזוּנְדֶער פוּן זֵייא הָאט גִיהַאט וֶועמֶען צוּ בֶּעוֵויינֶען · אוּנ צוּ בֶּעדוֹיעֶרִין · דִיזֶע אַלֶע עֶלֶענְדֶע זַייעֶן זִיךְ גִיזֶעסִין אוֹיף דֶעם פַארְדֶעק פוּן שִׁיף אִין אַווינְקִיל · אִין אֵיינֶעם הוֹיפֶען · צוּא וִוישִׁין גְרוֹישֶׁע גֶעפֶעק בַּאוֶועל · אִיבֶּער זֵייעֶרֶע קֶעפּ הָאט גֶעפְלַאטֶערְט דִיא בְּלָאעֶ אַמֶרְיקַאנֶעשֶׁע פָאן אַיין צַייכִין פוּן פְרַייהַייט אוּנ גְלַייכְהַייט · אוּנ נִיט וַוייט פוּן זֵייא זַייעֶן זִיךְ גִיזֶעסִין פָארְנֶעמֶע הֶערִין אוּנ דַאמֶען וָואשׁ הָאבִּין זִיךְ רַאמַאנְשִׁירְט · אָדֶער נֶעשְׁפִּילְט מִיט אִיהְרֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער · אוּנ הָאבִּין דֶער בַּייא בֶּעטְרַאכְטֶעט דִיזֶע עֶלֶענְדֶע וִויא וַואהְרֶע שְׁלַאכְט פִיה ·

דִיזֶע גִיפַאנְגֶענֶע אָבֶּער הָאבִּין זִיךְ נִיט רַאמַאנְשִׁירְט · הָאבִּין זִיךְ נִיט גִישְׁפִּילְט מִיט זֵייעֶרֶע קְלֵיינֶען · דֶען זֵייא הָאבִּין עֶשׁ מִיט זִיךְ נִיט גִיהַאט · מֶען הָאט עֶשׁ בַּייא זֵיי אַוֶועק גִינוּמֶען · אוּנ הָאבִּין גִיהַאט גִינוּג גֶעפִיהָל צוּ בֶּעדוֹיעֶרִין אוּנ צוּ בֶּעטְרוֹיעֶרִין פִיל מֶער אַלְשׁ מַאנְכֶע וַוייסֶע דַאמֶען אִיר פַאר פִּיעֶסְצֶעטִין בֶּן יָחִיד · אַיין טְרוֹיעֶרִיגֶער בַּייא שְׁפִּיל דֶער פוּן אִיז דִיא וַוייטֶערְדִיגֶע עֶרְצֵיילוּנְג · וָואשׁ אִיז אֵיינֶע פוּן יֶענֶע טוֹיזִינְדֶע וָואשׁ גִישֶׁעהֶען דָארְט אַלֶע טָאג ·

אִין דֶעם דְרִיטִין טָאג פוּן זֵייעֶר רַייזִין אוֹיף דֶעם שִׁיף · הָאט מֶען גִיזֶעהֶן אַלְס דִיא הָאט זִיךְ אוֹיף אַקְלֵיינֶע צַייט אָפּ גִישְׁטֶעלְט אוֹיף דֶעם בְּרֶעג אוּם אוֹיף צוּ נֶעמֶען נָאךְ לֶעבֶּעדִיגֶע אוּנ טוֹיטֶע סְחוֹרָה ·

דאש

דָאשׁ הֵייסְט מֶענְטְשִׁין (שְׁקְלַאוָועְן) אוּנ פֶּעק בַּאוָועל · הָאט מֶען גִּיזָעהֶן פוּן שִׁיף אַרוּישׁ אוֹיף דֶעם בְּרֶעג וִויא דֶער שְׁקְלַאוָועְן הֶענְדְלֶער הַאלִי וָואשׁ אִיז אָקֶערְסְט פוּן שִׁיף אַרוּישׁ · אוֹיף דֶער יַבָּשָׁה גֵייט שׁוֹין צוּרִיק אוּנ פִּירְט מִיט זִיךְ אֵיינֶע שֵׁיינֶע יוּנְגֶע נֶעגֶערִין וָואשׁ טְרָאגְט אַשֵׁיין קִינְד אוֹיף אִירֶע הֶענְט · זִיא וַואר זֵייעֶר שֵׁיין גִיקְלֵיידֶעט · אוּנ אִיז זִיךְ גִיגַאנְגֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט אִים · אוּנ אַיוּנְגֶער נֶעגֶערִיל אַהוֹיז קְנֶעכְטִיל הָאט אִיר נָאךְ גִיטְרָאגִין אַצֶעטֶעדַאנְצִיג · אוּנ אִיז זִיךְ אַזוֹא אַרוֹיף אוֹיף דִיא שִׁיף טַאנְצֶענְדִיק · אוּנ דָארְט הָאט זִיא עֶשׁ צוּ גִינוּמֶען פוּן דֶעם נֶעגֶערִיל אוּנ הָאט זִיךְ מִיט אִים זֵייעֶר פְרֵיינְדְלִיךְ גִיזֶעגִינְט · אוּנ דַאן הָאט זִיא אָן גִיהוֹיבִּן אוֹישׁ צוּ זוּכִין פַאר זִיךְ אַיין אָרְט וואוּ צוּ זֶעצִין זִיךְ „וואוּ הִין פָארְסְט דוּא עֶם קֶענֶעדֶע“ ! הָאט אִיר אֵיינֶע פוּן דִיא מִיט רַייזֶענְדֶע פְרוֹיעֶן וָואשׁ וַואר אִירֶע אַבֶּעקַאנְטֶע גִיפְרֶעגְט „צוּ מַיינֶעם מַאן וָואשׁ דִינְט פוּן דַאנֶען אַמַייל צְווַאנְצִיג אִין אַיין גְרוֹישִׁין הָאטֶעל הָאט זִיא גִיעֶנְטְפֶערְט זֵייעֶר פְרִישׁ אוּנ לֶעבֶּעדִיג. מֶען בְּרוֹיכְט דָארְט צוּ הָאבִּין אֵיינֶע צוּקֶער בֶּעקֶערִין ; נוּן הָאט מַיין הֶער מִיךְ אוֹיךְ אַהִין פֶערְדוּנְגֶען · נָאט זַייא דַאנְק דָאשׁ אִיךְ וֶועל שׁוֹין זַיין מִיט אִים אִין אֵיינֶעם · אִיךְ הָאבּ מִיךְ שׁוֹין מֶער אַלֶם צְוֵוייא יָאר נִיט גִיזֶעהֶן · עֶר קֶען נָאךְ גַאנְץ וֵוייניג דָאשׁ קִינְד · דֶער צוּ זָאגְט מֶען נָאךְ דָאשׁ דָארְט זַייעֶן זֵייעֶר גוּטֶע הֶערְשַׁאפְטֶען ; נוּן וָואשׁ דַארְף אִיךְ בֶּעסֶער „עֶם פְרֵייט מִיךְ“ הָאט זִיךְ דִיא פְרוֹיא צוּ אִיר אָפּ גִירוּפִין · אוּנ הָאט אִיךְ גִיבֶּעטִין דָאשׁ זִיא זָאל זִיךְ זֶעצִין לֶעבִּין אִיר דֶען זִיא הָאט דָא אַיין גוּטִין אָרְט פַאר אִיר ·

קוּים הָאט זִיא זִיךְ דָארְט אַיין גִימַאסְצֶעט מִיט אִיר טְלוּמֶעק אוּנ קְלוּמִיק · אִיז צוּ גִיגַאנְגֶען צוּ אִיר דֶער שְׁקְלַאוֶועְן הֶענְדְלֶער הַאלִי אוּנ הָאט צוּ אִיר גִיזָאגְט דָאשׁ עֶר הָאט וָואשׁ צוּ רֵיידִין מִיט אִיר · נוּן אִיז זִיא אוֹיף גִישְׁטַאנֶען אוּנ אִיז אַוֶועק אָן אַזַייט מִיט אִים · אוּנ דָארְט הָאט עֶר אָן גִיהוֹיבִּין צוּ סוֹדֶען זִיךְ מִיט אִיר · מֶען הָאט צְוַואר נִיט גִיקֶענְט הֶערִין וָואשׁ עֶר רַאמְט אִיר אַיין אִין דִיא אוֹיעֶרִין ; דָאךְ הָאט דִיא בַּאקַאנְטֶע פְרוֹיא בַּאלְד פַאר שְׁטַאנֶען · דָאשׁ עֶר רֶעט דָא

מיט

מיט איר ניט פון פריילליכע זאכין · דען זיא האט באמערקט וויא דאש געזיכט פון דיזער שיינע נעגערין · איז געווארין אין דיזער מינוט איינגעשרומפין ; אונ אירע קרעלענרויטע ליפין זייען געווארין בלייך וויא אוויסיל פון איינער איי · וואש דאש זייען ביא דיא נעגער דיא גרעסטע סימנים · דאש זייא זייען צו שראקין אדער צו מישט פון גרויש דאגה ״ דען זאנסט איז פון זייערע פעך שווארצע געזיכטער ניט צו פאר שטיין אזו וויא פון דיא ווייסע געזיכטער פון אונזערע אראפייער · וואש עם איז ארויש צו זעהען אויף זייא דיא מינדעסטע שטימונג (צו שטאנד) פון דער אונגיזעהענע זייל אדער געמיט · למשל וויא דיא גראדען פון בושה פון מיטלייד פון צארין · פון גרוישע פערוואונדערונג · נון ביא דיא נעגער בלייבין זיך זייער שווארצע געזיכטער אימער גלייך · אונ האבין ניט אויף זיך איינען מינענשפיל וויא מיר · דאש איינציגע וואש עש ווערט אויף זייא קענטיג איז נור דער שרעק אונ דיא גרוישע פורכט אדער איינע גרוישע זארג · אונ דאש איז דורך דיא פלעצליכע איין שרומפין פון געזיכט· אונ דאש ליפען בלייך ווערין מיט איין מאל · וויא דער פאל ווער דא איצונד ביא אונזערע שיינע נעגערין ·

נון וואר דיזע פרויא וואש ווער ווירקליך איינע גוטע פריינדין פון איר· זייער בייעגריג צו ווישין איבר וואש עש ווערט דארט גירעט · אונ האט זיך גישטעלט ניט ווייט פון זייא אום איין עטוואס צוא הערין דער פון · זיא האט אבער מער ניט וויא גיהערט דיזע איינציגע ווערטער וואש האבן פון דיזעם שטילען גישפרעך גילאזט ארוים הערין וויא דיא קלעפ פון אקעסיל פויק וואש עש לאזט זיך ארויש הערין פון אווייטע זאלאבנע מוזיקע · זיא האט גיהערט וויא דיא נעגערין שרייט אלץ האלב לויט (הויך) ,ניין, דאש קען ניט זיין · איך גלויב עש ניט , אונ וועל ניט גלויבין ·

קורץ דער פון עש האט ניט לאנג גידויערט · אונ דיזער סוד האט ארויש גיפלאצט · דאש דער האלי האט איר אויש גיזאגט דאס דאש איר הער האט איר פערקויפט צוא אים מיט דעם קינד ·

און

אונ אלם זיא האט עש ניט גיוואלט גלויבין אונ האט געשריען ׳ עש קען ניט זיין ׳ דאש איר גוטר הער וואש וואר פון איר העכסט צו פרידן זאל אזו וייט איר בעטריגן אונ נארין דאש ער שיקט איר צו איר מאן ׳ האט דער האלי ארויש גינומען דעם קויף בריף (שטר מכירה) אונ האט עש אלעמען געוויזין ׳ אונ דאן האט זיא זיך שוין אויף גיהערט צו אמפערין מיט דיזעם האלי ׳ האט פערבראכין דיא הענט אונ האט אויש געבראכין אין וויינען אונ אין קלאגין ׳ דאש אלע מיט רייזענדע וארין העכסט גערירט דער פון ׳ אונ האבין גישאלטין דעם קויפער מיט דעם פערקויפער צו זאמען ׳ דער האלי האט זיך אבער גאנץ ווייניג גימאכט דער פון ׳ ער איז גאר ניט גיווארין רויט דאריבער ׳ אונ האט בעגאנגען באלד נאך דעם איינע גרעסערע טיראנייע מיט דיזע אונגליקליכע נעגערין ׳ דען ער האט אין דער זעלביגע נאכט פערסאהערט אויך איר קינד צו איינעם געוויסין הערן וואש דיזעם קינד איז אים גיווארן גיפעלן ער וואר קאם צוויא יאר אלט ׳ אונ האט אויש גיזעהען וויא פון פיר יאר ׳ איז אומגעלאפין ׳ האט שוין גוט גירעט אונ וואר נאך איין מולאטציק דער צוא דען דאש וואר אויך זיין פאטער ׳ נון האט ער אים אפ גיהאנדילט ביא דעם האלי פאר אגוטין פרייס ׳ אונ ארום איינם דעם זייגער ביא נאכט אלש דיא שיף האט זיך אפ גישטעלט אויף אווילע ביא דעם ברעג ׳ אום ארויש צוא לאזין אויף דער יבשה מאנכע פאסאזירין וואש האבין דארט שוין זייער היים ׳ וואש אונטער זייא וואר אויך דער הער וואש האט אפ גיקויפט דעם קליינעם מולאטציק ׳ האט דאן דער האלי ארויש גיגאנוועט דאן דיזעם קינד פון דער מוטערש ארעמס וואש זיא האט דאן זייער שווער אונ הארט גישלאפין אונ האט אים אוועק גיגעבן צו דיזעם הערין אונ איז אוועק מיט אים צו זיך אהיים ׳ אונ דיא שיף האט זיך וייטר אוועק גיזעגילט ׳

דיזע אונגליקליכע מוטער איז ערשט פאר טאג גיוואר גיווארין פון דיזע גנבה ׳ מעהר אלם איינע פערטיל שטונדע האט זיא דאש קינד גיזוכט ארום זיך מיט גרויש אנגסט ביז דער טאם וואש האט צו

גיזעהן

גִיזָעהָען דִיזָע עֶרְלוֹיבְּטָע גְנֵבָה פוּן וַוייטִין הָאט עֶשׁ אִיר אוֹישׁ גִיזָאגְט · אוּנ דַאן הָאט זִיא אוֹיף גִיהוֹיבִּין אִירָע אוֹיגִין צוּ דָעם שְׁטִילִין הִימְל אוּנ הָאט גִיזָאגְט „גְרוֹיסָער גָאט„ אִיךְ הָאבּ דָעם בִּיטָערִין בֶּעכָער פוּן דַיינֶעם שְׁטְרֵיינְגֶען גֶערִיכְט אוֹישׁ גִיטְרוּנְקֶען בִּיז דָעם דֶעק · אִין אֵיינֶער נַאכְט הָאבּ אִיךְ פֶערְלָארִין מַיינֶע בִּיזְהָערִיגֶע פְרַייהַייט · בִּין גִיוָואַרִין בֶּערוֹיבְּט · פוּן מַיינֶעם גֶעלִיבְּטִין מַאן · פוּן מַיין טַייעֶרֶעם קִינְד · אוּנ וָואשׁ אִיז שׁוֹין אַלֶעבִּין אָן דִיזָע דְרַייא טַייעֶרֶע גִיטֶער ·

דִיזָע זָאגֶענְדִיק הָאט זִיא זִיךְ אַרִיבֶּער גִיבּוֹיגִין אִיבֶּער דָעם פַּארֶענְץ · אוּנ הָאט זִיךְ אַרַיין גִיוָוארְפִין אִין וַואסֶער · אוּנ דָער שְׁטְרָאם הָאט אִיר אוֹיף גִינוּמֶען אִין זַיינֶעם פַייכְטִין אוּנ קַאלְטִין מַאנְטִיל · אוּנ הָאט אִיר אַוֶועק גִיטְרָאגִין אִין אַבֶּעסֶערֶע לַאנְד וָואשׁ דָארְט אִיז מַאנְכֶער קְנֶעכְט פְרַייעֶר אַלְשׁ זַיין הָער · נוּן לָאמִיר דָא אוֹיף אַוַויילֶע אָפּ טְרֶעטִין פוּן דָעם טָאם אוּנ צוּא וָוענְדִין אוּנְז צוּא אוּנְזָער שׁוֹין הַאלְבּ פַארְגֶעסֶענֶע עֶלִיזָע ·

ענדע דער ערסטער טהייל

# דיא שקלאווערייא

## אדער

## דיא לייבאייגענשאפט (פאדאנסטווא)

דאס איזט איינע וואהרע שרעקליכע אונ וואונדערליכע געשיכטע וואס האט פאסירט אין אמעריקא פאר עטליכע אונ צוואנציג יאר צוריק מיט איינעם געוויסען נעגער (מורין) „אנקעלטאם“ וואס וואר אשקלאווע ביא איינעם געוויסען אידישען פפלאנצער גוטס בעזיצער „אברהם שעלבי“ · דיזע געשיכטע איזט פערפאסט אין איינגילס אונ איבער זעצט אין אלע שפראכען · יעצט האבין מיר איר אין אידעס דייטש איבר זעצט ·

### צווי טער טהייל


## ווילנא

בדפוס ר׳ יוסף ראובן בר׳ מנחם מן ראם

שנת תרכ״ח לפ״ק


---

**ДИ СКЛАВЕРЕИ,**

**Или разсказъ изъ быта американскихъ рабовъ.**

**ЧАСТЬ II.**


ВИЛЬНА. Въ типографіи Р. М. Ромма. 1868 г.
На жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ подъ №№ 327 и 328.

Дозволено Ценсурою 20 Iюня 1868. года Вильна.

# צווייטער טהייל

## 1.

דארט אין איינער ריינע קיכע פון איינעם שטילין אונ פרידליכן וואונונג וואש וואר פאר שטעקט זייער טיף אין אנידיכטין דונקעלין וואלד, זיינען זיך גיזעסין אין איינעם פריא מארגין צוויא פרויען אויף צוויי ברייטע שטולין וואש ווארין גימאכט פון הילצערנע קאזלעם מיט רימענע פאסין אויף וועלכע עש ווארין צוא גישפירעט סופיאנענע קיסעלאך · איינע וואר שוין אלט איאר פופציג · אונ דאך נאך גינוג שיין · פריש · גיזונט אונ בליהענד וויא איינע שטארקע בלומע וואש לעבט אפט אריין מיט אלע אירע בלעטר אונ קאלארין אין דעם שפעטין הערבסט · דער צוא וואר זיא גיקליידעט צוואר גאנץ איין פאך דאך אבר זייער נעט · ריין אונ מיט גישמאק · אונ האט זיך באשעפטיגט דאן מיט דער ווירטשאפט · דאש וואר דיא ווירטין פון דיזעם הויז · איינע אידעשע מאכטער אונ האט גיהייסין מאדאמע רחל וואנטראם · דיא אנדערע וואר שוין פיל אינגער אלם דיא ערשטע כמעט אום דיא העלפטע · אונ וואר דאהער נאך גאנץ יונג · אונ האט אויש גיזעהען וויא איינע בלומע אין דעם מיטין מאנאט מאי · אין איר גיזיכט אבער וואר צו זעהען גאנץ טיפע טריט פון איינעם הארטין שיקזאל (מערכה) וואש האט דארט מיט זיינע הארטע קלאען גיטראטין · דיזע פרויא האט זיך דארט באשעפטיגט מיט פלעטין אונ מיט דעם צוא זאמען לייגין וויים גרעט אונ האט אלע ווייל אבליק גיטאן אויף אקינד פון פיר פינף יאר וואש האט זיך גישפילט ניט ווייט פון איר אין צייכין · אונ דיזע וואר אונזער עליזע מיט איר קינד דזים הארדי · אונ בדרך כלל גיזאגט איז עם דאש הויז וואו הין עם האט איר אוועק

גישיקט דער גוטער אברהם בערדי, דאש הייסט דאש הויז פון דעם בן דוד וואנטראם׳ דיזעביידע פרויען וואהרען ביא זייער ארבעט אויך זייער פארטיפט אין אלאנגין אונ ברייטין גישפרעך׳ פון וועלכין עס לוינט אונז איין עטוואס צוא הערין :

„נוא וואש בלייבט ביא דיר מיין ליבעס קינד„ האט דיא רחל גיפרעגט ביא דער עליזע „וואש זאל דא אנדערש ווערין„ האט זיך אפ גירופין דיא עליזע׳ אונ וואש זאל דא בלייבין מיין טייערע מוטעריל׳ איך האב קיין אנדער ברירה׳ איך מוז פון דאנען אפ רייזין נאך קאנאדע׳ „א מיין ליבעס קינד„ האט זיך דיא רחל אפ גירופין׳ עש איז איינע צוא וויטע רייזע פאר דיר׳ צווייטינס וועסט דוא דיך דארט דארפין גינערין נור פון דער נאדיל׳ אונ דאש איז איין גאנץ ארעמע ברויט׳ דאהער מיין קינד פאלג מיך אונ בלייב דא ביא אונז׳ דען דוא וועשט דא אויך זיין זיכער מיט דיינער פרייהייט׳ אונ זיין צוא גלייך אויך מיט דיינעם ברויט פאר זארגט׳ אונזער וואונונג איז פאר געסין פון דער גאנצין וועלט׳ נוא בלייב זיצין ביא מיר אונ לעהרין מיינע קינדער נייען שניידערירין׳ אונ דוא וועסט מיט דער צייט איין קליינעם קאפיטאל צו זאמען שארין׳ „ליבע מוטער„ האט זיא איר ווייטער גיענטפערט ריידין זייא מיך ניט אן דער צוא׳ איך העטע עס פון זעלבסט גערין גיוועזן צוא טאן׳ דען איר זייט מיר ווירקליך ליב וויא איינע מוטער׳ דאך אבער גיט עס אין דער וועלט אזעלכע אינטערעסין איבער וועלכע מען פאר לאזט אויך דיא בעסטע עלטערין „וועז אז מיין ליבעס קינד העטע איך גיוואונצין דיזע אינטערעסין דיינע אויך צוא וויסין׳ ניט אזו אויש נייעגיר נור צו ראטין וועגין דעם׳ דען עס טוט מיך זייער לייד אום דיין אוועק לאזין זיך אין אזו איין אום זיכערע וועג „נוא ליבע מאדאם„ האט זיא איר גיענטפערט׳ ווען זיא עס ווינצן צוא וויסין וועל איך קיין גיהיימנים מאכין דער פון׳ ווייל איך וייס דאש זייא וואלטין באהיטע גאט ווען זייא וואלטין גיוועזן אין מיינער לאגע אויך זיך ניט לאזין באריידין צוא

פאר

פַאר בְּלַייבִּין דָא · דֶען אִיךְ הָאבּ דָאךְ —„ זִיא הָאט נָאךְ נִיט גִיעֶנְדֶעט אִיהְרֶע רֵייד הָאט זִיךְ דֶער וַויילֶע אויף גִימַאכְט דִיא טִיר אוּנ עֶס אִיז אַרַיין אִין שְׁטוּבּ דִיא אִינְגְסְטֶע טָאכְטֶער רוּת מִיט אַיינֶע פִינְסְטֶערֶע מִינֶע אוּנ הָאט גִיזָאגְט צוּא דֶער מוּטֶער „דֶער פָּאטֶער הָאט מִיךְ אַרַיין גִישִׁיקְט פְרֶעגִין בַּייא דִיר צוּא וַוייסְט דוּא נִיט דִיא פְּרָאזְווִיסְקֶע פוּן דֶער עֶלִיזֶע„ וָואצוּ זֶעלְכֶעם צוּא פְרֶעגִין בַּייא דֶער מוּטֶער„ הָאט אִיר דִיא עֶלִיזֶע גִיזָאגְט וֶוען אִיךְ בִּין זֶעלְבְּסְט דָא · נוּן מַיין פְּרָאזְווִיסְקֶע אִיז דָאשׁ זֶעלְבִּיגֶע פוּן מַיינֶעם מַאן מֶען רוּפְט אִים דְזָארְדְז הַארְרִי „נוּן הֵיים אִיךְ אויךְ הַארְרִי ·

„אוּנ דָאךְ פַאר לַאנְגְט דֶער פָּאטֶער„ הָאט דִיא רוּת וַוייטֶער גִיזָאגְט · דָאשׁ דוּא מוּטֶער זָאלְשְׁט אַרַיין גֵיין צוּא אִים אִין שְׁטוּבּ · דֶען עֶר הָאט צוּא רֵיידִין מִיט דִיר וָואשׁ נֵייטִיגֶעם אוּנ וִויכְטִיגֶעם · אוּנ הָאט דֶער בַּייא אַבִּיסְטְרֶען בְּלִיק גִיטָאן אויף דִיא עֶלִיזֶע · דָאשׁ עֶס אִיז אִיר דוּרךְ דֶעם אַיין גִיפַאלִין דִיא דָמִים וַוייל זִיא הָאט גִימֵיינְט דָאשׁ עֶס אִיז גִיווָרִים אַיין פַּאפִּיר אַיין גִיכָאפִּין אַהֶער וֶועגִין אִיר פוּן דֶער רֶעגִירוּנְג אוּנ אִיז גִיבְּלִיבִּין אִין אוּנְמַאכְט · אוּנ אַלֶם מֶען הָאט אִיר אָפּ גִימִינְטֶערְט הָאט זִיא דֶער וִויסְט לֶעבִּין זִיךְ דִיא מַאדַאם רָחֵל מִיט אַפְרֵייְלִיכֶע מִינֶע אוּנ הָאט צוּ אִיר גִיזָאגְט · · נוּן וֶועל אִיךְ שׁוֹין פוּן זֶעלְבְּסְט אוישׁ פִירִין דַיין נִיט גִיקָאנְצֶעטִין וָוארְט וָואשׁ דוּא הָאשְׁט נִיט אוישׁ גִירֶעט · דֶען אִיךְ הָאבּ דָאךְ — · אַמַאן וָואשׁ אִיז אַוֶועק אויךְ קַיין קַאנַאדֶע · דֶען עֶבֶּען (אָקְאָרְט) אִיז גִיקוּמֶען אַהֶער אַיינְגֶער מַאן מִיט אַפָּאר בַּאדִינְטֶע וָואשׁ גִיט זִיךְ אוישׁ פַאר דַיין מַאן · עֶר זָאגְט דָאשׁ עֶר הֵייסְט דְזָארְדְז הַארְרִי · נוּן וִויל אִיךְ אִים פְּרִיהֶער זֶעהֶען„ הָאט זִיא גִיעֶנְטְפֶערְט · דֶען מֶען לוֹיעֶרְט אויף מַיין בְּלוּט · אוּנ מֶען וִויל מִיךְ אוּנ אַייךְ בֶּעטְרִיגֶען · אִיךְ טְרוֹיעֶ נִיט דִי שַׁיין · נוּן הָאט מֶען גִיעֶפִינְט דִי טִיר אוּנ זִיא הָאט אִים בַּאטְרַאכְט פוּן וַוייטִין · אוּנ הָאט אִים דֶער קָאנְץ אוּנ אִיז אִים אַרַיין גִיפַאלִין בַּאלְד אִין זַיינֶע אָרֶעמְס · אוּנ אַזוֹ ווִידֶער עֶר אִין אִיהְרֶע :

„נָאט זַייא דַאנְק„ הָאבִּין זַייא בֵּיידֶע אוישׁ גִישְׁרִיעֶן · דָאשׁ

מִיר

מִיר בֵּיידֶע הָאבִּין זוכה גִיוֶועֶן אוּנְז צוּא זֶעהֶען אִין אֵיינֶעם בֶּעסֶערִין אוֹפֶן אִין אֵיינֶעם זִיכֶערִין אָרְט אוֹיף דֶעם וֶועג וָואשׁ פִירְט צוּ גְלִיק אוּנ צוּא הָאפֶענוּנְג · נוּן וַואר גִינוּג גִיוַויינְט · דֶער נָאךְ גִינוּג זִיךְ גִיפְרֵייט · אוּנ דֶער נָאךְ אַלֶם זַייא בֵּיידֶע וַוארִין שׁוֹין אַלֵיין אִין אַיין בַּאזוּנְדֶערִין צִימֶער הָאבִּין זַייא זִיךְ דֶער צֵיילְט זֵייעֶרֶע בַּאגֶעבֶּענְהַייטֶן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין · אוּנ הָאבִּין אַזוֹ אָפּ גִירֶעט דָאשׁ זַייא זָאלִין אִין דֶער זֶעלְבִּיגֶע וָואכֶע אָפּ רַייזִין פוּן דַאנֶען · עֶרְסְטִינְס וַוייל זַייא בֵּיידֶע וֶועלִין דָא זַיין פַאר גִיוִוים צוּא לַאסְט ·. אוּנ צְוַויְיטִינְט וֶועלִין זַייא דָא בֵּיידֶע שׁוֹין נִיט זִיכֶער זַיין וַוייל דֶער הֶער פוּן דֶעם דְזָארְדְז הַארְרִי וֶועט גִיוִוים גִיוָואר וֶוערִין פוּן אִים דָאשׁ עֶר אִיז דָא · דֶען וִויא מִיר וַוייסִין פוּן זַיינֶע אַבִּיַאוּוְלֶענֶעם וָואשׁ עֶר הָאט גִילָאזְט אָן קְלֶעפִּין וֶועלִין זִיךְ גִיפִינֶען גִינוּגֶע שְׁפְּיָאנֶען וָואשׁ וֶועלִין אוֹיף זוּכִין נוּן וֶועט נָאךְ צוּא לִיב אִים אוֹיךְ דִיא עֶלִיזֶע אַרַיין פַאלִין :

דִיא רָחֵל אָבֶּער מִיט אִיר מַאן בֶּן דָוִד וַואנְטְרָאם הָאבִּין אִים אָן גִינוּמֶען פַאר אַזֵייעֶר גוּטִין גַאסְט · מֶען הָאט גִימַאכְט אַגוּטִין מִיטָאג · אוּנ מֶען וַואר דֶער בַּייא לוּסְטִיג אוּנ פְרֵיילִיךְ · דֶעם עֶרְסְטִין מָאל אִין זַיינֶעם לֶעבִּין הָאט דֶער דְזָארְדְז גִיגֶעסִין צוּא זַאמֶען בַּייא אֵיינֶעם טִישׁ מִיט דִיא וַוייסֶע אַרָאפֵּייעֶשֶׁע מֶענְטְשִׁין · אוּנ הָאט זִיךְ מִיט זַייא אוּנְטֶער הַאלְטִין (צוּ גִיבְּרַאכְט) וִויא אַיין גוּט גֶעבִּילְדֶעטֶער מַאן · אוּנ דֶער וַואנְטְרָאם וַואר שׁוֹין גָאר גֶעוִוינֶען (בְּדֵעָה) דָאשׁ עֶר זָאל אִים אוֹיךְ בַּייא זִיךְ דֶער הַאלְטִין · דֶען עֶר וַואר אִים הֶעכְסְט גִיפֶעלִין · אוּנ וַואר שׁוֹין בְּדֵעָה צוּא רֵיידִין מִיט אִים דַארִיבֶּער בַּייא נַאכְט · אַזוֹ עֶר אוּנ אַזוֹ זִיא דִיא מַאדַאם רָחֵל · וַוייל זִיא הָאט שׁוֹין בַּייא זִיךְ גִיגְלוֹיבְּט דָאשׁ אִיצוּנְד דָאשׁ דִיא עֶלִיזֶע הָאט שׁוֹין בַּייא זִיךְ אִיר מַאן וֶועט זִיא שׁוֹין וֶועלִין דָא פַאר בְּלַייבִּין · נוּן וֶועט שׁוֹין אִיר הוֹיז הָאבִּין אִין זִיךְ מִיט צְוַוייא נוּצִיגֶע מֶענְטְשִׁין מֶעהְר · אוּנ צוּא לִיב דֶעם וַואר גִימַאכְט אַיין גוּטֶער אָבִינְד בְּרוֹיט (וֶועטְשֶׁערֶע) · אוּנ דַאן אַלְס זַייא וַוארִין אַלֶע בַּייא זַאמֶען אַרוּם טִישׁ הָאבִּין זַייא בֵּיידֶע דֶער הֶער וַואנְטְרָאם אוּנ זַיינֶע פְרוֹיא זֵייעֶר פִיל גִישְׁפְּרָאכִין דַארִיבֶּער

מִיט דֶער עֶלְיָזֶע אוּנ מִיט אִיר מַאן · זַייא הָאבִּין זַייא פָאר גִישְׁטֶעלְט
דָאשׂ זַייא קָענֶען דָא פַאר לֶעבִּין בַּייא זַייא פִיל יָארִין זַייעֶר רוּהִיג
אוּנ גְלִיקְלִיךְ · וַוייל דָא אִיז אַיין זִיכֶערֶער אָרְט · אוּנ וֶועלִין דֶער
צוּא זַייעֶר גוּט בַּאלוֹינְט וֶוערִין פוּן זַייא · עֶשׂ וַואר אָבֶער דִיזֶע רֵייד
גָאר אוּם זִיסְט · עֶשׂ וַואר אוּם מֶעגְלִיךְ צוּא בַּארֵיידִין זַייא דֶער צוּ :
„נַיין אוּנְזֶערֶע לִיבֶּע הֶערְשַׁאפְטִין, הָאט זִיךְ דֶער דְזָארְדְז הַארְדִי
אָפּ גִירוּפִין · עֶס אִיז אוּנְז אוּם מֶעגְלִיךְ צוּ פַאר בְּלַייבִּין בַּייא אַייךְ ·
עֶרְסְטִינְס וֶוער אִיךְ זַייעֶר גִיזוּכְט פוּן מַיינֶעם הֶערִין · דָאשׂ עֶר הָאט
גִילָאזְט אַבִּיַאוּוְלֶענֶעם אָן קְלֶעפִּין אוּם אוּנ אוּם דָאשׂ עֶר וֶועט זַייעֶר
רַייךְ בָּעלוֹינֶען דֶעם וָואשׂ וֶועט מִיר בְּרֵיינְגֶען צוּא, אִים אַלֶעבֶּעדִיגִין
אָדֶער אַטוֹיטִין · צְוֵויטִינְס הָאפִּין מִיר וֶוען מִיר וֶועלִין זַיין נוּר אִין
קַאנַאדֶע אַזוֹ פִיל צוּא פַאר דִינֶען דָאשׂ אִיךְ וֶועל מִיט דֶער צַייט
קָענֶען מַיינֶע אַשְׁוֶועסְטֶער אוֹישׂ קוֹיפִין וָואשׂ זִיא אִיז אוֹיךְ וִויא אִיךְ
אַיינֶע מוּלַאטִין · זַייעֶר שֵׁיין אוּנ הֶעכְסְט גִיבִּילְדֶעט · דֶען מִיר זַיינֶען
בֵּיידֶע פוּן אַיינֶע מוּטֶער אַמוּלַאטִין אוּנ פוּן אַיינֶעם פָאטֶער וָואשׂ
וַואר אַיין אַרָאפֵּייעֶר אוּנ אַגְרוֹישֶׂער פְּפְרַאנְצֶער (פָאמֶעסְצִיק) וָואשׂ
אוּנְזֶער מוּטֶער וַואר זַיינֶע אַשְׁקְלַאוִין אוּנ הָאט גִיהַאט דָאשׂ אוּם
גְלִיק אִים צוּא גִיפֶעלִין אוּנ הָאט מִיט אִיר גִיהַאט אוּנְז בֵּיידִין · אוּנ
הָאט אוּנְז גִילִיבְּט וִויא זַיין לֶעבִּין אוּנ אַזוֹ אוֹיךְ אוּנְזֶער מוּטֶער ·
עֶר הָאט אוּנְז גִיגֶעבִּין דִיא בֶּעסְטֶע עֶרְצִיהוּנְג · אוּנ מַיינֶע מוּטֶער
וַואר אַזוֹ וַוייט פַאר בְּלֶענְדֶעט פִין אִיר גְלִיק אוּנ פוּן זַיינֶע לִיבְּשַׁאפְט
צוּא אִיר · דָאשׂ זִיא הָאט גָאר פַאר גֶעסִין אוֹישׂ צוּא וִוירְקִין אַיין
פְרַייא בְּרִיף פוּן אִים פַאר אִיר אוּנ פַאר אוּנְז · מַיין פָאטֶער הָאט
גִיהַייסִין וִויא אִיךְ גִידֵיינְק זִימַאן נְשָׁמַת · עֶר וַואר אַיין יוּדֶע · אוּנ
הָאט מִיךְ אוֹיךְ בַּאשְׁנִיטִין · אוּנ וַואר אַיין בְּרַאוֶוער עֶרְלִיכֶער מַאן ·
אוּנ הָאט גִימֵיינְט אַרוֹישׂ צוּא פָארִין מִיט אוּנְז קַיין פַּארִיז · נוּן דָארְט
וָואלְטִין מִיר שׁוֹין פְרַייא גִיוָוארִין פוּן זֶעלְבְּסְט אָן אַפְרַייא בְּרִיף ·
דֶען דָארְט אִיז דִיא גִיזֶעצֶע דָאשׂ יֶעדֶער שְׁקְלַאוֶוע וָואשׂ בַּאטְרֶעט
דִיא עֶרְד פוּן פְרַאנְקְרַייךְ וֶוערְט שׁוֹין אָן דֶעם וִוילִין פוּן זַיינֶעם הֶערִין
איין

אַיין פְּרַייעֶר מֶענְטְשׁ · לַייְדֶער אָבֶּער (צוּם אוּנְגְלִיק) הָאט אִים דֶער צוּא פְרִיהֶער טוֹיט דֶער הַאלְטִין אִין אָרְלֶעאַנְס דֶען דָארְט הָאבִּין מִיר גִיוואוֹנְט · אוּנ בַּאלְד דַארוֹיף זַיינֶען גִיקוּמֶען זַיינֶע יוֹרְשִׁים וָואשׁ הָאבִּין שׁוֹין פוּן לַאנְג אָן גִיהַאסְט אוּנְזֶער מוּטֶער אוּנ אוּנְז זֶעלְבְּסְט וַוייל זַייא וָוארִין בַּאזָארְגְט דָאשׁ מִיר זָאלִין נִיט וֶוערִין דִיא רֶעכְטֶע יוֹרְשִׁים · אוּנ הָאבִּין אוּנְז בַּאלְד פַּאר קוֹיפְט · אִיךְ וַואר דַאן אַיְאר צֶעהֶען · מַיין שְׁוֶועסְטֶער זְלָפָּה וַואר דַאן צְוֶועלְף יָאר · וָואשׁ פוּן אוּנְזֶער מוּטֶער אִיז גִיוָוארִין ווייס אִיךְ נִיט · נוּר וִויא אִיךְ גְלוֹיבֶּע הָאט זִיא דִיזֶע שֵׁיידוּנְג נִיט גִיקֶענְט אִיבֶּער לֶעבִּין · זִיא מוּז שׁוֹין לַאנְג שְׁלָאפִין דֶעם אֵייבִּיגִין שְׁלָאף · אִיךְ הָאפֶּע נוּן וָוען אִיךְ וֶועל נוּר אִין קַאנַאדֶע זַיין וֶועל אִיךְ שׁוֹין פוּן אַלְץ וִוישִׁין אוּנ פִילַייכְט נָאךְ דָאשׁ גְלִיק הָאבִּין מַיינֶע שְׁוֶועסְטֶער צוּרִיק צוּא בַּאקוּמֶען · דַאהֶער מַיינֶע לִיבֶּע אוּנ טַייעֶרֶע הֶערְשַׁאפְטִין · בַּארַיידֶעט אוּנְז נִיט דָא צוּ בְּלַייבִּין · זַייעֶר וִויכְטִיגֶע זַאכִין צְווִינְגְט אוּנְז דָאשׁ מִיר זָאלִין אוּנְזֶער לֶעבִּין וַוייטֶער וַואגִין · מִיר מוּזִין אַוֶועק פוּן דַאנֶען שׁוֹין אִין דִיזֶער וָואכֶע :

עֶר הָאט נָאךְ גִיהַאלְטִין אִין מִיטִין רֵיידִין · אוּנ אַלֶע אוֹיעֶרִין פוּן דִיא הוֹיז לַייטֶע וָואשׁ וַוארִין אַרוּם טִישׁ הָאבִּין פַאר שְׁלוּנְגֶען מִיט גְרוֹישׁ לוּסְט יֶעדֶען וָוארְט זַיינֶעם · אוּנ וַוארִין גִירִירְט דֶער פוּן בִּיז צוּם ווֵיינֶען · הָאט זִיךְ אוֹיף גִימַאכְט דִיא טִיר אוּנ עֶשׁ אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען אֵיינֶער פוּן וַואנְטְרָאמְס הוֹיז לַייטֶע וָואשׁ אִיז אַקָארְסְט גִיקוּמֶען פוּן וֶועג אוּנ הָאט מִיט גִיבְּרַאכְט אַשְׁרֶעקְלִיכֶע נַייעֶס · אַלְס אִיךְ וַואר דָא אִיצוּנְד צוּרִיק פָארֶענְדִיק אִין דֶעם קְלֵיינֶעם גַאסְט הוֹיז „צוּא פֶּערוּפֶּע“ וָואשׁ אִיז פוּן דַאנֶען קוֹים אַמַייל, הָאט דִיזֶער הוֹיז מֶענְטְשׁ אָן גִיהֵייבִּין צוּא דֶער צֵיילִין · הָאבּ אִיךְ דֶער וִויסְט דָארְט צוּא מַיינֶעם גְרוֹישִׁין שְׁרֶעקִין דֶעם גְרוֹישִׁין פִּיסְקַאר · דֶעם בַּאנְדִיט · דֶעם מֶענְשִׁין יֶענֶער „טָאם לָאקֶער“ אוּנ זַיין גִיפֶערְלִיכִין גִיזֶעלִין „מַארְקֶס“ אוּנ מִיט זַייא וַוארִין נָאךְ אַגַאנְצֶע בַּאנְדֶע חֶבְרָה לַייט · אַמַייל פוּן זַייא זַיינֶען פַאר קְלֵיידֶעט וִויא זָאנְדַארִין · אוּנ אַמַייל

וויא

וויא יענער · אלע זייער גוט באוואפינט מיט אלער האנד געווער · אונ אלע צוא פערד · דען איך האב זייא געזעהען שטייענדיק אין דער שטאדאלע · זייער גוט געזאטילט אונ געצוימט · אלם איך בין אריין אין גאסט הויז וואר שוין רעכט דונקיל · אונ האב מיך וייל איך וואר זייער נאם אנידער געזעצט צו ווישין דעם ברייטין אונטערין אויבן' אונ האב אזו געהאט איינע גוטע געלעגנהייט צו הערן זייער גאנצין געשפרעך אום געזעהענערהייט פון זייא · זייא האבין עש געשפראכין צו וויסין זיך נור אויף דיא אויערין וויא איין גרויש געהיימניס · דאך האב איך עס זייער גוט געהענט הערין · דען זייא האבין עש געשפראכין אזו הויך וויא אלע האלב פאר שיכערטע וואש סודין זיך „יא מיינע ליבע ברידער״ האט זיך דער מארקס אפ גירופין · איך וויים געוויס דאש דער דזארדזי הארי מיט דער עליזע אונ מיט דעם קליינעם דזים איז בייא דעם וואנטראם · דער דזארדזי איז ערסט היינט אהין גיקומען' דיא עליזע אבער איז שוין דארט פון מעהרערע טעג · אונ אזו האט דיזער וואנטראם נאך איינינע אנטלאפענע שקלאווען בייא זיך · נוא ווערין מיר מיט איין אבינד אגוטין פאנג מאכין · עס שמעקט עם מיט צווייא טויזינד טאלער פאר דינסט · דאך איז עס קיינע קליינעקייט אריין צוא לאזין זיך אין אדראקע מיט דיזעם וואנטראם האט זיך דער לאקער אפ גירופין · דוא ווייסט דאש ער אליין איז אין שטאנד אונזערע פופצין צוא שלאגין · אונ היינט זיינע הינט וואש קענען דעם בעסטין פערד אויף שטיקער צוא רייסין · איך האב פון זייא איין אן דיינקונג פון יענער צייט אלם איך בין איבער גיפאלין איבער אים מיט מיין דאמאלדיגע באנדע וואש וארין עפעס גרעשערע העלדין אלם איר אלע · אום אויף צוא זוכין אויך בייא אים מארדענס שקלאווע · דוא מוזט עם דוכט מיר אויך גוט גידיינקען „ניין ברודער״ האט אים מארקס גיענטפערט · היינט ווערט מיט אונז האלטין אויף דער זאקאן · דען גראד איצונד איז ארויש איין אוקאז פון דיא היזיגע רעגירונג דאש מען טאר ניט אויף נעמען קיין שקלאווע וואש איז

זיין נור

נור אַנְטְלָאפִין פוּן זַיינֶעם הָערִין · אוּנ בִּפְרַט דָאשׁ אִיךְ הָאבּ אַפַּאפִּיר דָאשׁ מָען זָאל אוּנְז גֶעבִּין פָּאמָאץ וואוּ מִיר וֶועלִין נוּר קוּמָען · אוּנ צוּ דֶעם וַואנְטְרָאם בַּאזוּנְדֶער אַיין אָקְרִיטֶען לִיסְט · מִיט אַגוּטִין וִויגָאוָואר פַאר וָואשׁ עֶר הַאלְט בַּייא זִיךְ אַנְטְלָאפֶענֶע שְׁקְלַאוֶוען ׃ נִין וֶועט עֶר שׁוֹין נִיט זַיין אַזוֹ דוּם אוּם צוּא שְׁטָעלִין זִיךְ אַנְטְקֶעגִין · אָ מֶעכְטִין מִיר זַייא דָארְט גִיפִינֶען בַּייא אִים וֶועלִין מִיר זַייא שׁוֹין בִּינְדִין וִויא דִיא שֶׁעפְּסִין „אוּנ וואוּ הָאשְׁט דוּא גִינוּמֶען דִיא פַּאפִּירִין„ הָאט אִים דֶער טָאם לָאקֶער גִיפְרֶעגְט · מִיר גְלוֹיבְּט זִיךְ נִיט דָאשׁ אוּנְזֶערֶע רֶעגִירוּנְג זָאל עָרִינְכְּט מַיינֶען מִיט דִיזֶעם אוּקַאז וָואשׁ זִיא הָאט אַרוֹישׁ גִינֶעבִּין נוּר לְפָנִים צוּא לִיבּ דִיא קַאנְטוּקֶער רֶעגִירוּנְג · אוּנ וִוידֶער גְלוֹיבְּט זִיךְ מִיר נִיט דָאשׁ זִיא זָאל דִיר אִין דַיינֶער הַאנְד אָן טְרוֹיעֶן אַיין אָטְקְרִיטֶען לִיסְט גֶעגִין אִיהָר רַייכְסְטִין, בִּירְגֶער דֶעם וַואנְטְרָאם ׃

„אֵיי וִויא דוּם דוּא בִּיזְט„ הָאט זִיךְ דֶער מַארְקְס אָפּ גִירוּפִין · נָאךְ וַוייסְט דוּא נִיט דָאשׁ אִיךְ בִּין אַיין טוֹיזִינְד קִינְסְטְלֶער · אִיךְ קֶען אַלֶעס נָאךְ מַאכִין׳ מִיט דֶער זֶעלְבֶּע פֶּעדֶער וָואשׁ אִיךְ מַאךְ נָאךְ פַאלְשֶׁע הַתִימוֹת · דָאקוּמֶענְטִין · הָאבּ אִיךְ דָאשׁ אוֹיךְ גִימַאכְט · אוּנ דַאהֶער אִיז מַיין קְלוּגֶער כְּלַאן דָאשׁ אֵיינִיגֶע פוּן אוּנְז זָאלִין זַיין אַלֶם זָאנְדַארְמֶען פַאר קְלֵיידֶעט · נוּן קוּמְט עֶס אָן דַארוֹיף נוּר דָאשׁ מִיר זָאלִין זַייא נוּר בַּייא דֶעם וַואנְטְרָאם אָן טְרֶעפִין · דַאן וֶועלִין מִיר קֵיינֶע פַּאטְרָאנֶע פוּלְוֶוער דַארְפִין אוֹישׁ שִׁיסִין · אוּנ וֶוען נִיט · דָאשׁ הֵייסְט וֶוען זֵיי זַיינֶען שׁוֹין פוּן דָארְט פוּרְט גִילָאפִין · דַאן אִיז אוּנְזֶער קָאמְפַּאנְיֶע גִינוּג מֶעכְטִיג זַייא אוֹיף צוּא פַאנְגֶען וִויא דִיא הָאזִין טוֹיט אָדֶער לֶעבֶּעדִיג · וֶוען נוּר זַייא זַיינֶען שׁוֹין נִיט אִין וַואשֶׂער אַרַיין · אָדֶר אִין דִי טִיפֶע וֶועלְדֶער זִיךְ זֶעלְבְּכְט אוֹיף גִיקְנִיפְּט (אוֹיף גִיהַאנְגֶען) ׃

דִיזֶער עֶרְצֵייהְלוּנְג פוּן דִיזֶעם הוֹיז מֶענְטְשִׁין · הָאט זֵייעֶר גִיוִוירְקְט אַזוֹ אוֹיף דֶעם וַואנְטְרָאם אוּנ אוֹיף זַיין פְרוֹיא אוּנ אַזוֹ אוֹיךְ דֶעם דְזָארְדְז מִיט דֶר עֶלִיזֶע׳ דָאשׁ זֵיי הָאבִּן בַּיי זִיךְ בַּאשְׁלָאסִן דָאשׁ מֶען זָאל שׁוֹין פוּן דַאנֶן אַוֶועק · דָאשׁ הֵייסְט דְזָארְדְז מִיט זַיינֶר פְרוֹיא עֶלִיזֶע

מיט

מיט זייער דזים · אונ אזו אויך נאך דרייא אנטלאפענע שקלאווען וואש ווארין ביא אים אין זיינר קאלאניע מעהר אלס צווייא יאר · אונ מען האט זיך אן גיהייבין ארויש צו קלייבין אין וועג · דער דזארדזי האט גיהייסין זיינע צווייא באדינטע איין שפאנען זיין גוטען וואגען מיט דרייא גוטע אונ פייעריגע פערד · אונ פאר די דרייא אנטלאפענע שקלאווען וואש ווארין ביא דעם וואנטראם האט מען גיזאטילט אויף וואנטראמס באפעהל אויך דרייא היציגע פערד · אונ האט זייא גיגעבין גוטע רעוואלווערין (צווייא רוריגע אונ דרייא רוריגע פיסטוילין) אונ האט זייא דער צוא נאך באצאלט זייער לוין געלט אונ גיגעבין פון אלעם גוטין מיט אויף דעם וועג · אונ אזו אין פערלויף פון איינער האלבע שטונדע וואר שוין אלעש פארטיג אונ ריכטיג · דער שיידין זיך וואר זייער שמערצליך · איבער הויפט מיט דער עליזע · עס האט איר יעדערער פון דיא הויז לייטע איין עטוואס גישיינקט · אונ מען האט זיך גיזעגינט מיט איהר וויא מיט איינע אייגענע טאכטער „ווען איר איין מאל ווילט פון מיר אוועק, האט דער וואנטראם גיזאגט · נון לוינט זיך ניט דיא מיהע מיט די באנדיטין זיך צוא שלאגין · ציהעט אין פריידין · גאט זאל זיין מיט אייך · אונ ווען עס וועט אייך גליקין צוא קומען אין פריידין קיין קאנאדע שרייבט אונז · אונ דאש וועט זיין אונזער לוין :

אונ ארום עלף דעם זייגער זיינען זייא ארויש פון דיזער קאלאניע · צווייא פון דיא דרייא אנטלאפענע שקלאווען האבין גירייטין פאר דעם וואגען אונ איינער פון הינטין · אונ זיינען אוועק פון דארט זייער גישווינט אונ האבין זיך באלד אונ גיך פאר לארין אין דעם דארטיגין וואלד דורך וועלכין עס גייט דיא וועג צוא דעם גרענעץ קאנאדע · נון לאמיר זייא לאזין דא אויף דיזע גיפעהרליכע רייזע · אונ מיר וועלין אונז צוא ווענדין ווידער צוא אונזער טאם מיט דעם האלי :

## 2.

### דער פלוס (טייך) „מיסיסיפי, וואש פליסט דורך נארד אמעריקא

אמעריקא · אונ שטראמט דורך דאש גרוישע לאנד „לואיזאנע„ אונ
פאלט דער נאך אריין אין דעם מעקסיקאנישען מערבוזען (בוכטע)
איז דער גרעסטער שטראם אין דער וועלט · ער איז זעקס הונדערט
מייל דיא לייננ · אונ איז ערטער וויים ברייטער אלס אמייל · צווייא
מייל · אונ אויך דריטאלבין מייל · זיינע ברעגין זיינען אין מאנכע
שטעלין · זומפיג · באוואקסין מיט הויכע שילף (אייער שטעקלאך) ·
אונ ערטער וויים זיינען זייא באוואקסין מיט גידיכטע וועלדער וואש
זיינען פול מיט אלער האנד פייגלאך · מיט אפפען אונ מיט נאך
אנדערע ווילדע, חיות · אין דיא זומפין פלאדזען זיך זייער פיל
קאצקעם · שוואנען (לעבעדי) ווילדע געני אונ אויך זייער פיל
קראקאדילין · נאך מעהר פאר אלץ זיינען דארט דא זייער פיל
פליגין · מוקין · זוקעם וואש פאלין איבער דיא רייזענדער איבר ·
וויא גאנצע וואלקינס אונ פאר וואונדין זייא ביז צום בלוט · מען
קען זיך פון זייא ניט אפ ווערין נור מיט אגידיכטין רויך · אין אנדערע
שטעלין זיינען דיא ברעגין הויך · טרוקין באוואקסין מיט אפרישין
גרין · אונ גיבויט מיט טויזינדע פפלאנצונגען (ניטער) · אונ וויא דער
שטראם איז גרויש אזו איז ער באדעקט מיט טויזענדע שיפען קליינע
אונ גרוישע · האנדיל שיפין · קריגס שיפין · עס איז ניט צוא
באשרייבין וואש פאר אגרוישער האנדיל עס ווערט אויף דיזעם פלוס
גיטריבין דאש מיט רעכט קען מען דיזין פלוס רופין מיט דעם נאמען
„גרוישער פולס אדער פון דער האנדיל וועלט„ דען עס איז אויף
אים דער גרעסטער פארקער פון אלע פינף וועלט טייהלען · דער
פעלער איז דארט נור דאש פילע שיפין שטראנדין אויף אים כמעט
אלע טאג · דען זייא צוא שלאגין זיך אן דיא גרוישע בוימער וואש
ווערין מיט דעם גרויסין גיוויסער אויש גיריסין פון דיא ברעגעם: ·
אונ ווערין אריין גידרייעט אין מיטין שטראם · דיזע בוימער זיינען
פיל שטעמיגער (גרעסער) אלס אונזערע מאקסטען · אונ שפארין
זיך אזו איין מיט זייערע גרוישע ווארצלען אונ שרעקליכע צווייגין
אין דעם „גונד דאש דער שטראם קאן זייא פון ארט ניט רירין ·

נוּן װֶערְט אוֹיף זַייא מִיט דֶער צַייט אוֹיף גִיטְרָאגִין זַייעֶר פִּיל זַאמְד • גְרָאז אוּנ שְׁטִיקֶער עֶרְד מִיט הֶעלְצֶער דָאשׁ עֶס װֶערְט פוּן זַייא אֵייבִּיגֶע טַאמֶעס • אוּנ װֶערִין אִיבֶּער לָאפִּין בְּשַׁעַת גֶעװִיסֶער מִיט װַאשֶׂער • דָאשׁ דִיא שִׁיף פְלִיהֶעט דַארוֹיף אַרוֹיף גָאר נִיט גֶערִיכְטֶער הַייט אוּנ נָאר נִיכְטְס מֶערְקֶענְדִיג אוּנ צוּ שְׁלָאגְט זִיךְ אוֹיף שְׁטִיקֶער • דֶען דִיזֶער שְׁטְרָאם אִיז זֵייעֶר בִּיסְטְרֶע • עֶר לֵייפְט אִין אֵיינֶע שְׁטוּנְדֶע אֵיינֶע שְׁטְרֶעקֶע (מַהֲלָךְ) פוּן דְרִיטַאלְבִּין מַיילִין :

דִיא װָאשׁ רַייזִין אוֹיף דִיזִין פְלוּס שְׁטֵייעֶן אִימֶער אוֹיף דִיא פַּאר דֶעקִין פוּן דִיא שִׁיפִין אוּנ בַּאזֶעהֶען בֵּיידֶע בְּרֶעגִין מִיט זֵייעֶרֶע לָארְנֶעטְקֶעס (שְׁפַּאקְטִיװֶעס) װַייל עֶס אִיז דָארְט צוּא זֶעהֶען אַלֶע װַיילֶע אַלֶץ אַנְדֶערֶע חִדוּשִׁים • עֶשׁ אִיז צוּא זֶעהֶען װִיא טוֹיזִינְדֶע נֶעגֶער שְׁקְלַאװֶען שְׁטֵייעֶן אוּנ שְׁנֵיידִין דֶעם צוּקֶער רָאהְר • װִיא זַייא פַאנְגֶען פִּישׁ • װִיא אוֹיף דִיא שֵׁיינֶע װִיזֶען (לָאנְקֶעס) לֵייפִין אוּם טוֹיזִינְדֶע װִילְדֶע פֶערְד • װִיא אַיין טִיגֶער יָאגְט זִיךְ נָאךְ אַיין בּוּפְלַאקְס נָאךְ • װִיא דִיא קְרָאקָאדִילֶען לִיגִין אוּנ װַארֶעמֶען זִיךְ אַנְטְקֶעגִין דֶער זוּן • װִיא טוֹיזִינְדֶע װַאשֶׂער פֵייגְלַאךְ לָאזִין זִיךְ אַרוּנְטֶער אִין װַאשֶׂער אוּנ בַּאקוּמֶען אַרוֹישׁ דִיא בֶּעסְטֶע פָארֶעלִין (אַפְּשְׁטְרָאנְגֶעס) װִיא דִיא קוּפֶּער רוֹיטֶע אִינְדִיַאנֶשֶׁע קִינְדֶער קְלֶעטֶערִין אוֹיף דִיא הֶעכְכְּטֶע שְׁטֵיינֶער װָאשׁ שְׁטֵייגִין אוֹיף פוּן װַאשֶׂער זֵייעֶר הוֹיךְ בִּיז אִין דִיא װָאלְקִין אַרַיין • קְלֶעטֶערִין אוֹיף זַייא װִיא דִיא אַפֶּען אוּנ קֶעץ • אוּם אַרוֹישׁ צוּא נֶעמֶען דָארְט אוֹיבִּין דִיא אֵייעֶר פוּן דִיא פוֹיגִיל נֶעסְטִין • אוּנ דֶער נָאךְ אַרָאפּ צוּא שְׁטִירְצִין זִיךְ אִין װַאסֶער פוּן דָארְט אוּם אַרוֹיף צוּא נֶעמֶען דִיא גְרִינֶע שִׁילְדְקְרֶעטִין פוּן דִיא טִיפְסְטֶע אָפּ גְרוּנְדִין • עֶס אִיז זִיךְ נִיט אָן צוּא קוּקִין זַאט דִיא פַּאר שֵׁיידֶענֶע קְלֵיינֶע שִׁיפֶעלַאךְ װָאשׁ עֶס שְׁפַּאצִירִין אִין זַייא אוּם דִיא רַייכְסְטֶע פְּפְלַאנְצֶער (גוּטְס בַּאזִיצֶער) • זַייא זַיינֶען גִימַאכְט דוּרְךְ אוֹישׁ פוּן מַאהָאן • מִיט פוּרְפּוּר רוֹיטֶע זַאגְלֶען • מִיט בַּאזִילְבֶּערְטֶע • אוּנ פַּאר גוּלְטֶע רוּדֶערְם • דְרֵייעֶן זִיךְ אִימֶער אוּם צוּא װִישִׁין דִיא גְרוֹישֶׁע קוֹיף מַאנֶעשֶׁע שִׁיפִין • װִיא דִיא זוּמֶער פֵייגֶעלַאךְ (שְׁמֶעטֶערְלִינְגֶע)

װאשׁ

וואש פליהען אום צוא ווישין גרוישע פאוועם אונ אינדריקעם בשעת זייא בלאזין זיך זייער שטארק · דען אזו זעהען דאן אנטקעגין זייא אויש דיא גרוישע שיפין מיט זייערע גרוישע אן גיבלאזענע זאגלען · וואש זיינען אין שטאנד צוא שלעפין טויזינדע צעהנטענער לאסטען :

קורץ דער פון אויף דיזען גרויסין האנדעל שיפין וואש זיינען דאן דארט גינאנגען אויף דיזעם וועלט בעריהמטין פלוס· איז גזעסין איצונד אונזער טאם אויף דעם שפיץ טורעם וואש וואר דארט גימאכט פון טויזינדע פעק באוועל · ער איז דארטין גיזעסין שוין פרייא פון קייטין · דען זיין העער האלי האט זיך שוין אין אים איין גיטרויט · אונ דער צוא וואר ער שוין ווייט פון דער היים · נון וועט ער שוין ניט לייפין · ער איז דארט גיזעסין ווייל זיין העער האט אים פאר דונגען איבער דיא רייזע צוא דעם שיפס קאפיטאן דאש ער זאל אימער קוקין אראפ אויף דעם וואשער אונ מערקין צו איז ניט דא אונטין איין ארין גידרייטער בוים וואש עס קען זיך דיא שיף אן אים באשעדעגין · נון לאמיר אונזער טאם דארט אויף איין ווילע לאזין ליגין · אונ מיר וועלין אונז דער ווילע איין עטוואס באקאנט מאכין דא מיט איינינע פאסאזירען פון דיזער שיף וואש זייא זיינען אונז נייטיג צוא קענען צוא אונזער גישיכטע :

אונטער דעם גרוישין צאל רייזענדער וואש וארין דאן דארט אויף דער שיף וואר איין גיוויסער יונגער העער וואש מען האט אים גירופין „אוינוסט סיען קלער„ ער וואר אליין איין גרוישער איידיל מאן אונ דער צוא איין גרוישער מיליאנער · אונ האט מיט זיך גיהאט זיין איינציגע טאכטער אמיידכען פון איאר ניין וואש האט גיהייסין „איינגענע„ אונ נאך איינע געוויסע מאמזעל (בתולה) פון איאר פערציג וואש האט אויף דאש קינד אכטונג גיגעבין אונ אזו אויך גיפירט דיא הוצאה פון דיזער קליינע פאמיליע · דיזע מאמזעל וואת קיינע גוווערנאנטין · נור אגאנץ נאהענטע קרובה פון דיזעם יונגין העערין · אונ וואר אליין אויך פון גאנץ רייכע עלטערין · דער צוא גיבילדעט · איין עדלען האראקטער אונ זייער פרום וויא דער שטייגער

פון

פון דיא נָארְד אַמֶערִיקַאנִישֶׁע אַיינְגְרֶענְדֶער · אונ הָאט גִיהַייסִין ,,מִיסִס׳אַפֶּעלֶע,, אונ דַייטְלִיכֶער גִיזָאגְט זִיא וַואר דֶעם אויגוּסְט׳סֶען׳קְלֶערְס אַפֶּעטֶערְשׁ אַטָאכְטֶער וָואשׁ הָאט גִיוואוּנְט דָארְט אִין קַאנַאדֶע אונ עֶס וַואר אַלְס דִיזֶער אוֹיגוּסְט׳סֶען׳קְלֶער הָאט גִימַאכְט דִיזֶע רַייזֶע פון נַייעֶ אָרְלֶעאַנְס וָואשׁ אִיז אִין דִיא זִידְלִיכֶע (דָרוּמְדִיקֶע) אַמֶערִיקַא נָאךְ ,,וֶוערְמָאנְט,, וָואשׁ עֶס אִיז אִין קַאנַאדֶע הָאט עֶר דָארְט אויש גִיוְוירְקְט בַּייא זַיינֶעם פֶּעטֶער אונ בַּייא דֶער טָאכְטֶער מִיסִס׳אַפֶּעלֶע דָאשׁ זִיא זָאל מִיט אִים צוּ רִיק רַייזִין נָאךְ דֶעם זִידִין (דָרוּם) קַיין נַייעֶ אָרְלֶעאַנְס אוּם צוּא פִירִין בַּייא אִים דִיא ווִירְטְשַׁאפְט · דֶען זַיינֶע פְרוֹיא דִיא מַארִיֶע וָואשׁ זִיא הָאט אִים אַרַיין גִבְּרַאכְט מֶעהְר אַלְס אַהַאלְבִּין מִילְיָאן טָאלֶער נַדְן אִיז צוּא שְׁטָאלְץ דֶער צוּא · אונ אִיז נָאךְ דֶער בַּייא זֵייעֶר פּוֹיל · קַאפְּרִיסְנֶע · אונ לַיידֶעט זֵייעֶר פִּיל פון שְׁפַּאזְמֶען · דִיא מִיסִס׳אַפֶּעלֶע הָאט זִיךְ גִילָאזְט בֶּערֵיידִין דֶער צוּא וַוייל זִיא הָאט גִידֵיינְקְט דָאשׁ אִין נַייעֶ אָרְלֶעאַנְס וֶועט זִיא אויף זִיךְ מִיט אִיהְרֶע הוּנְדֶערְט טוֹיזִינְד טָאלֶער מֶעהְר בַּעלָאנִים הָאבִּין אַלְס דָארְט אִין קַאנַאדֶע · אונ וֶועט אִין׳אָרְלֶעאַנְס אַיין פִּיל גִילְטִיגֶערֶע סְחוֹרָה זַיין אַלְס דָארְט אִין אִיר גִיבּוּרְט שְׁטָאט ,,וֶוערְמָאנְט,, :

דִיזֶע רַייזֶע הָאט דִיזֶער הֶער אויגוּסְט׳סֶען׳קְלֶער גִימַאכְט פִּיל מֶער אוּם דִיא גִיזוּנְדְהַייטְס וֶועגִין אַלְס אוּם גִישֶׁעפְטְס וֶועגִין דֶען עֶר אונ דִיא טָאכְטֶער וַוארִין זֵייעֶר נֶערְוֶועזֶעם (שְׁוֶועכְלִיךְ) אונ דִיזֶע רַייזֶע הָאט זֵייעֶר גִיוְוירְקְט אויף זֵייא אונ הָאט דַאהֶער גִילֶעבְּט אויף דִיזֶער רַייזֶע זֵייעֶר רַייךְ אונ זֵייעֶר פַאר גֶעניגִינְט · דָאשׁ מֶען הָאט גִיקֶענְט זָאגִין דָאשׁ עֶר הָאט מִיט פּוּלִין הֶענְדֶען גִישָׁאטִין אַרוּם זִיךְ גֶעלְט· אונ הָאט זִיךְ גִימַאכְט בֶּעלִיבְּט בַּיי אַלֶע רַייזֶענְדֶרִ׳ אונ נָאךְ מֶער בַּייא דִיא מַאטְרָאזִין · מֶעהְר נָאךְ אָבֶּר אַלְס עֶר · הָאט זִיךְ בַּאלִיבְּט גִימַאכְט זַיינֶע קְלַיינֶע טָאכְטֶער · דִי אַיינְגֶענֶע דֶען זִיא וַואר וְוירְקְלִיךְ שֵׁיין אונ גוּט וְוִיא אַיין פְרֵידֶענְס אַיינְגֶעל · אונ וַואר דִיא גַאנְצֶע צַייט פון דִיזֶער רַייזֶע דִיא פְרֵיידֶע אונ דָאשׁ פַאר גֶענִיגִין פון אַלֶע פַּאסַזִירִין · עֶס הָאט יֶעדֶער בַּאזוּנְדֶער גִיהַאט אַיין לוּסְט מִיט אִיר צוּ שְׁפְּרֶעכִין :

איר

אִיר צוּא בַּארִירְן׳ אִיר עֶטְוַואס צוּא גֶעבִּין׳ אוּנ בִּפְרַט נָאךְ צוּ הֶערִין אִיר זִינְגֶען׳ דֶען זִיא וַואר אִימֶער לוּסְטִיג׳ פְרֵיילִיךְ׳ רִיהְרִיג וְויא אַקְוָועק זִילְבֶּר׳ אִימֶער פְרִישׁ לֶעבֶּדִיג׳ קְלוּג וְויצִיג׳ אוּנ הָאט מִיט אִיהְרֶע זִיסֶע לִידֶער פַאר טוֹיבְּט דִיא גַאנְצֶע שִׁיף׳ קוּרְץ דֶער פוּן דִי אֵייגֶענֶע וַואר אַיין וַואהְרֶער אוּנְרוּא׳ הָאט אִימֶער אוּם גִיפְלַאטֶערְט וְויא אַיין שְׁמֶעטֶערְלִינְג (זוּמֶר פֵייגְל) אוּנ וַואר אִין אֵיין מִינוּט אִין צֶעהֶן שְׁטֶעלִין דָאשׁ מֶען הָאט אִיר נִיט גִיקֶענְט אוֹיף פַּאסִין׳ אוּנ דָאשׁ אִיז דֶעם פָּאטֶער גְרַאדֶע גִיפֶעלִין:

נוּן הָאט זִיךְ גִימַאכְט דָאשׁ גְרַאד אִין׳ יֶענֶער צַייט אַלְס טָאם אִיז גִילֶעגִין דָארְט אוֹיבִּין אוֹיף דֶעם שְׁפִּיץ טוּרֶעם פוּן דִיא בַּאוָועל גִיפֶּעק הָאט דִיזֶע קְלֵיינֶע אֵייגֶענֶע אַרוֹיף גִיקְלֶעטֶערְט אוֹיף דִיא גְרַאטֶקֶע אָדֶער שְׁטַאנְקֶעטֶקֶעם וָואשׁ זַיינֶען אַרוּם דֶעם רַאנְד פוּן שִׁיף׳ אוּנ הָאט זִיךְ אַיין עֶטְוַואס אַרִיבֶּער גִיבּוֹיגִין׳ אוּם צוּא פְלוּסְקֶען מִיט אִיר בַּייצִיל אִין וַואשֶׁער אוּנ דָאשׁ וַואר אִיר גִיוְואוֹנְלִיכֶער שְׁפִּיל׳ עֶם וַואר דֶער בַּייא דֶער פָּאטֶער אוּנ דִיא מִיסִים־אַפֶּעלֶע׳ אוּנ הָאבִּין אִיר אַזוֹ גָאר דִיזֶעם מָאל אַיין עֶטְוַואס גִיוָוערְט אִין דֶעם׳ זִיא הָאט אָבֶּער שׁוֹין נִיט פַּאסְפֵּייעט זִיךְ אַרָאפּ צוּא חַאפִּין בִּיז דִיא שִׁיף הָאט זִיךְ זֵייעֶר הַארְט אָן גִישְׁטוֹיסִין אָן אַיין בּוֹים וָואשׁ וַואר אַיין גִיהַאצֶעט דָארְט אוּנְטֶער דֶעם וַואשֶׁער דָאשׁ דִיא שִׁיף הָאט זִיךְ אַיין שְׁטַארְקִין בַּייג גִיטָאן דוּרְךְ דֶעם אוּנ הָאט אַזוֹ דִיא קְלֵיינֶע אֵייגֶענֶע אַרַיין גִישָׁאקִילְט אִין וַואסֶער׳ אוּנ אִין דֶער זֶעלְבִּיגֶע רֶגַע הָאט זִיךְ גִיהֶערְט אוֹיף דִיזֶער שְׁטֶעלֶע אַיין שְׁרֶעקְלִיכֶער פְלוּסְק וְויא עֶשׁ וָואלְט אַרוּנְטֶער פַאלִין פוּן אוֹיבִּין עֶפֶּעם דֶער הֶעכְסְטֶער בַּאל בַּאוְויל׳ דָאשׁ וַואר אָבֶּר קֵיין בַּאל בַּאוְויל נוּר דֶער טָאם וָואשׁ אִיז דָארְט אוֹיבִּין גִיזֶעסִין׳ נוּן מַיינֶע טַייעֶרֶע לֶעזֶערִין וֶועלְכֶע פֶעדֶער אִיז אִים שְׁטַאנְדֶע צוּא בַּאשְׁרַייבִּין דֶעם שְׁרֶעק פוּן דִיא בֵּיידִין דָאשׁ הֵיישְׁט פוּן דֶעם פָאטֶער׳ אוּנ פוּן דֶער מִיסִים־אַפֶּעלֶע וָואשׁ פַאר זֵייעֶרֶע אוֹיגִין אִיז דִיא קְלֵיינֶע אֵייגֶענֶע אַרַיין גִיפַאלִין׳ צוּם אוּם גְלִיק וַואר לֶעבִּין דִיזֶעם אָרְט וואוּ דָאשׁ קִינְד אִיז אַרוּנְטֶער גִיפַאלִין אַיין שְׁטִיקִיל בְּלָאטִיקֶע וְויסְפֶּע אוֹיף

וועלכע

וָועלְכֶע עס זַיינֶען זִיךְ גִילֶעגִין עֶטְלִיכֶע גְרוֹישֶׂע קְרָאקָאדִילִין אוּנ הָאבִּין זִיךְ גִיוַוארִימְט גֶעגִין דִיא זוּן ׳ נוּן וַואר שׂוֹין דָאשׂ קִינְד אִין אֵיינֶעם טָאפֶּעלִין גִיפַאר ׳ עֶנְטְפֶער דֶער טְרוּנְקֶען צוּא וֶוערִין ׳ אָדֶער צוּ וֶוערִין אוֹיפְגֶעפְרֶעסִין פוּן דִי קְרָאקָאדִילֶען ׳ וָואס הָאבִּין זִיךְ שׂוֹין אָן גִיהוֹיבִּין צוּא צוּ בְּרֵייטִין אוּם צוּא פֶערְשְׂלִינְגֶען אוֹיף אֵיין מָאל דִיזֶע בֵּיידֶע אוּנְגְלִיקְלִיכֶען ׳ דָאשׂ הֵייסְט דִיא אֵייגֶענֶע אוּנ דֶעם טָאם וָואשׂ דֶער הַאלִי זַיין הֶער הָאט אִים שׂוֹין גִיהַאלְטִין פַאר פַאר לָארִין אוּנ הָאט שׂוֹין אִים בַּאוֵויינְט אוּנ דָאשׂ גֶעלְט וָואשׂ עֶר הָאט פַאר אִים גִיגֶעבִּין ׃

נוּן אִין דִיזֶעם נוֹיט הָאט דֶער אוֹיגוּסְט גִיבֶּאטִין גָאר דָאשׂ גֶעלְט ׳ וֶועקְסְלֶען ׳ בּוּרְלַאנְטִין ׳ דֶעם יֶענִיגֶען וָואשׂ וֶועט זִיךְ וַואגִין צוּא רֶעטִירִין זַיין טָאכְטֶער ׳ עֶס הָאט זִיךְ אָבֶּער נִיט אֵיינֶער גִיפוּנֶען אוּנְטֶער אַלֶע פַּאסֶעזִירֶען וָואשׂ זָאל הָאבִּין אֵיין לוּסְט דֶער צוּא ׳ דָאךְ אָבֶּער וִויא דוּרְךְ אֵיינֶעם שְׂוֶוערִין אוּנ פִינְסְטֶערִין וָואלְקִין קוּמְט אַרוֹישׂ פְּלֶעצְלִיךְ דִיא לִיכְטִיגֶע זוּן ׳ אוּנ בַּאשַׂיינְט מִיט אִיהְרֶע שְׂטְרַאלִין דִיא פַאר טוּנְקֶעלְטֶע עֶרְד ׳ אַזוֹ הָאט אַרוֹישׂ גִישַׂיינְט דָא אוֹיךְ אוּם גֶערִיכְטֶער הֵייט פוּן דִיזֶעם שְׂרֶעקְלִיכִין שְׂרֶעקִין אֵיין שְׂטְרַאהְל פוּן הָאפְנוּנְג אוּנ פוּן רֶעטוּנְג ׳ דֶען דִיזֶער טָאם וָואשׂ עֶר אִיז בֶּאֱמֶת נִיט אַרוּנְטֶער גִיפַאלִין פוּן אוֹיבִּין ׳ נוּר אַרוּנְטֶער גִישְׂפְּרוּנְגֶען אוּם צוּא רֶעטִירִין דִיזֶע קְלֵיינֶע אֵייגֶענֶע הָאט בַּאלְד פַאסְפֵּייעֶט אָן צוּא גְרַייפִין אִיר פַאר דִיא הָאר אוּנ הָאט אָן גִיהֵייבִּין צוּא שְׂרַייעֶן פוּן וַואשֶׂער דָאשׂ מֶען זָאל וָואשׂ צוּם גִיכְסְטִין אַרַיין שִׂיסִין מִיט אַקַאנָאן (הַארְמַאט) אִין דִיא קְרָאקָאדִילֶען ׳ אוּנ דָאשׂ וַואר בַּאלְד אַזוֹ גִישֶׂעהֶען אַטֵייל פוּן זֵייא זַיינֶען גִיבְּלִיבִּין לִיגִין טוֹיט ׳ אוּנ אַטֵייל זַיינֶען צוּא לָאפִין גִיוָוארִין ׳ אוּנ דַאן הָאט מֶען אַרוֹישׂ גִיוָוארְפִין אַשְׂטְרִיק צוּא דֶעם טָאם ׳ עֶר הָאט זִיא בַּאלְד עֶרְגְרִיפִין אוּנ אַרוּם גִיבּוּנְדִין אַרוּם זִיךְ ׳ אוּנ מֶען הָאט אִים בַּאלְד אַרוֹיף גִיצוֹיגִין אוֹיף דֶער שִׂיף מִיט דֶער קְלֵיינֶע אֵייגֶענֶע ׳ זִיא וַואר צְוַואר פִיל מֶעהְר טוֹיט אַלְס לֶעבֶּעדִיג ׳ מֶען הָאט אִיר אָבֶּער דָאךְ בַּאלְד אָפּ גִימִינְטֶערְט ׳ אוּנ

איז

אִיז אִין אֵיינֶער הַאלְבֶּע שְׁטוּנְדֶע שׁוֹין גִיקוּמֶען צוּא זִיךְ :

אוּנ דַאן הָאט זִיךְ דֶער פָּאטֶער גִיוָוענְדֶעט צוּא דֶעם טָאם אוּנ הָאט אִים אַרוּם גִינוּמֶען מִיט דֶער גְרֶעסְטִין פְרַיינְדְלִיכְקַייט · ,נוּן שְׁפְּרֶעךְ גוּטֶער מַאן, הָאט עֶר צוּא אִים גִיזָאגְט · שְׁפְּרֶעךְ פַאר לַאנְג פוּן מִיר : בַּאפֶּעלֶע אוֹיף מִיר אִיךְ וֶועל דִיר אַלֶעם טָאן · דֶען אַלְץ וָואשׁ אִיךְ הָאבּ דָא בַּייא זִיךְ אִיז אַלֶעם דַיין ,לִיבֶּער הֶער, הָאט אִים דֶער טָאם גִיזָאגְט · אִיךְ פַאר לַאנְג נָאר נִיסְט דֶער פַאר · דֶען אִיךְ בִּין שׁוֹין גִינוּג גִילוֹינְט דוּרְךְ דִיזֶע וואוֹלְטַאהְט (רֶעכְט) אַלַיין : אוּנ וַוייטֶער קֶען ,אִיךְ מֶעהְר נִיט פַאר לַאנְגֶען · דֶען וָואשׁ אִיר וֶועט נוּר מִיר גֶעבִּין וֶועט עֶס אַלְץ נִיט מִיר גִיהֶערִין · דֶען אִיךְ בִּין דָאךְ נוּר אַיין שְׁקְלַאוֶוע · אִיךְ גִיהֶער צוּא דִיזֶעם הֶערִין הַאלִי : ,נוּא זָאלְשְׁט דוּא דֶער וַויילֶע צוּא אֵיינֶעם בֶּעסֶערִין הֶערִין גִיהֶערִין, הָאט עֶר צוּא אִים גִיזָאגְט אוּנ הָאט זִיךְ אַזוֹ בַּאלְד אוּם גִיוֶוענְדֶעט צוּא דֶעם הַאלִי אוּנ הָאט בַּייא אִים גִיפְרֶעגְט וָואשׁ עֶר פַאר לַאנְגְט פַאר אִים · נוּן וַואר אוּנְטֶער זַייא אֵיינֶע לַאנְגֶע דִינְגֶעַרייא וָואשׁ עֶס לוֹינְט זִיךְ נִיט דִיא מִיהֶע צוּא שְׁרַייבִּין דֶער פוּן · נוּר דָאשׁ עֶנְדֶע וַואר דָאשׁ דֶער אויגוּסְט-סֶען-קְלֶער הָאט דֶעם טָאם אָפּ גִיקוֹיפְט בַּייא דֶעם הַאלִי פַאר גַאנְץ שְׁוֶוערֶעם גֶעלְט · אוּנ הָאט גִידַיינְקְט אוֹיף דֶער שְׁטֶעלֶע צוּא בַּאפְּרַייעֶן אִים אִין אַקוּרְצֶע צַייט · דָאשׁ הַיישְׁט אִין פַאר לוֹיף פוּן אַיינֶעם יָאר וַוייל עֶר הָאט אִים גִיוָואלְט הַאלְטִין בַּייא זִיךְ אִין זַיין הוֹיף דָארְט אִין נַייעֶ אָרְלֶעאַנְס בִּיז וַואנֶען עֶר וֶועט דָארְט אִים גוּט אַיין רִיכְטִין דִיא גְרוֹישֶׁע ווִירְטְשַׁאפְט אִין זַיינֶע קָאלָאנְיֶען · דֶען דֶער הַאלִי הָאט אִים פַאר לוֹיבְּט דָאשׁ עֶר אִיז אַגְרוֹישֶׁער אַקָאנָאם · אוּנ דָאשׁ זִינְד עֶר הָאט פְרַאווֹלַייעֶט אִיבֶּער דֶעם שֶׁעלְבֶּעם זַיינֶעם פָארִיגִין הֶערִינְס גִיטֶער וַואר דָארְט אִימֶער מַזָל אוּנ בְּרָכָה :

אִין אַצַייט פוּן אַפַּאר וָואכִין זַיינֶען זַייא גִיקוּמֶען גִיזוּנְדֶערְהֵייט אוּנ פְרֵייליךְ קַיין נַייעֶ אָרְלֶעאַנְס אוּנ דָארְט הָאט עֶר גִיהַייסִין דֶער הֶער אויגוּסְט זַיינֶעם אויבֶּער שְׁקְלַאוֶוען דָאשׁ עֶר זָאל דֶעם טָאם אָפּ

נעב

געבין אבאזונדער צימער אונ זאל אים געבין עסין דיא זעלבינע שפייזין וואש ווערט דער לאנגט צו זיין איינענעם טיש ביז ער וועט באשטימען וואש עם זאל דא זיין זיין ארבעט · אונ האט אים צוא גלייך פאר זאגט דאש ער זאל אים ניט אן קומען גראב · נון פאר שטייט זיך שוין פון זעלבסט · דאש דעם טאם וואר שוין פיל לייכטער אויף זיינעם הערצין · ערסטינס האט ער ביא זיינעם נייעם הערין גינאסין איינע זייער איידעלע באהאנדלונג · צווייטינס האט ער זייער גיוואוסט דאש ער וועט אים אין קורצין באפרייען · נון וואלט אים שוין דארט זייער גוט גיוועזן · ווען ניט מאריא זיין הערינס פרויא וואש זיא וואר צום אום גליק פון איין פאר קערטין תאראקטער אלס איר מאן · נון וועלין מיר איין עטוואס פון איר ריידין אין דעם דריטין קאפיטעל :

## 3.

דיזע מאריע · דעם הערינס אויגוסט-סען"קלערס פרויא· וואר איינע זייער שיינע דאמע · העכסט גיבילדעט · אונ דער צו אגרוישע אריסטאקראטקע · אונ פון איינער העכסט רייכע פאמיליע · איהרע זיטען אבער (מדות) וארין ניט אם בעסטין · זיא וואר שטארק · אייפער זיכטיג (דאש הייסט עם פלעגט איר צוא קריינקען צו זעהען דאש איר מאן קוקט אויף איינער דאמע) פאר שווענדעריש (פאר בריינגעדע) · דער צו קיינע ווירטין · זייער קאפריסנע · אונ פלעגט צוא לעבין מיט איר מאן וויא צווייא פאר ליבטע וואש זיינען נאך ניט רעכט זיכער אונ גיוויס אין זייערע געגענזייטיגע ליבשאפט · לבד דעם וואר זיא זייער נערוועז (שוואכע נערווען) אונ פלעגט זיך אימער באקלאגין דאש זיא ליידעט פון שפאזמען · דאך וואר עס פיל מעהר אויס אייטעלקייט (נארעשע גאוה) אלס ווירקליכעס · אונ דאהער האט זיא שוין אימער גיהאט דאש רעכט צוא ווערין באלד אין צארין · צוא פיסצען · צו וויינען · צוא זיין אום צוא פרידין · אונ צו פאר מאטערין צוואנציג קאמער מיידכען אין איינער שטונדע

ג.ירע

אִיהְרֶע בַּאפֶּעהְלֶע פְּלֶעגְט זִיא אוֹישׁ צוּא טֵיהְלִין מִיט אַיין הְלִיסְטָאק (אַבֵּייצִיל) וָואשׁ פְּלֶעגְט שְׁטֶעֶנְדִיג צוּא לִיגִין בַּייא אִיר אוֹיף דֶעם פּוּץ טִישׁ וָואשׁ וַואר גִימַאכְט וִויא אַלַאנְגֶע דִינֶע נַאגַייקֶע מִיט אַיינֶער עֶלְפַאנְד בֵּיינֶענֶע הֶענְטִיל ׳ דִיזֶע קְנוּטְקֶע וַואר אַגוּטֶער מְפוֹרָשׁ אוֹיף אִיהְרֶע קוּרְצֶע וֶוערְטֶער ׳ אִינ הָאט מִיט אִיהְרֶע דִינֶערִינֶען גִיטָאן דֶער מִיט אַזוֹ אַוַייטֶע פְּעוּלָה דָאשׁ זַייא פְּלֶעגִין שׁוֹין פַאר שְׁטֵיין נִיט אַזוֹ אִיהְרֶען אַהַאלְבִּין וָוארְט זֶעלְבְּסְט אִיהְרֶע אַהַאלְבֶּע מִינֶע :

אַזוֹ אַפְרוּיא פַאר שְׁטֵייט זִיךְ שׁוֹין פוּן זֶעלְבְּסְט וַואר פַאר אִיר גוּטִין אוּנ קְלוּגִין מַאן נוּר וִויא אַיינֶע אַיידֶעלֶע בֵּייזֶע גֶעשְׁוִויר וָואשׁ זִיצְט אוֹיף דֶעם רֶעכְטִין גֶעלֵיינְק ׳ וָואשׁ מֶען מוּז יֶעדֶער וַויילֶע זַייעֶר גוּט הַאוִוירִין ׳ עֶר פְּלֶעגְט נִיט טָארִין רוּיבֶען אִין אִיר צִימֶר אַצִינַארֶע ׳ נִיט אַרַיין קוּמֶען צוּא אִיר פוּן קֶעלְט ׳ קֵיין בְּלַאט פוּן אַבּוּךְ גִישְׁוִוינְט אוּם קֶערִין ׳ וַוייל עֶס וַואר שׁוֹין פַאר אִיר דָאשׁ אַיין צוּג וִוינְט ׳ אוּנ הָאט גְלַייךְ בַּאקוּמֶען ׳ קָאפּ שְׁמֶערְצִין ׳ קַאטָער ׳ שְׁפַּאזְמֶען ׳ אוּנ פְּשִׁיטָא שׁוֹין דָאשׁ עֶר הָאט זִיךְ נִיט גִיטָארְט אָן נֶעמֶען פַאר אִיהְרֶע אַקַאמֶער מֵיידְכֶען ׳ עֶר הָאט זִיךְ גִיהִיט פַאר אִיר אִין דִיא אוֹיגִין אַקוּם צוּא טָאן זַייעֶר אַיינִינְס קִינְד וַוייל דָאשׁ וַואר אַרוּיבּ גֶעגִין אִיר ׳ אוּנ וָוער רֶעט שׁוֹין וָואשׁ גוּטֶעס פוּן אַיין אַנְדֶערֶע פְרוּיא צוּא רֵיידִין ׳ אוּנ פְלֶעגְט אוֹישׁ צוּא זֶעהֶען אַלֶע מָאל לֶעבִּין אִיר בֶּעט ׳ וִויא אַיינֶער אוֹיף דֶעם טֶעאַטֶער אָן אַבִּילֶעט ׳ נוּן אַלְס דִיזֶער אוּם גְלִיקְלִיכֶער מַאן אִיז גִיקוּמֶען פוּן וֶועג אוּנ הָאט אִיר אָפּ גִיגֶעבִּין אַיין שְׁטְרֵיינְגֶען רֶעכֶענוּנְג פוּן זַיין צֵייט אוּנ פוּן זַיין גֶעלְט ׳ מֶעהְר אוֹישׁ פוּסְטֶער עֶטִיקֶעטֶע (צֶערֶעמָאנִיֶע) אַלְס אוֹישׁ אַקָאנָאמְיֶע וַואר עֶר שׁוֹין אוֹיךְ גִינֵייטִיגְט פָאר צוּא שְׁטֶעלִין אִיר אוֹיךְ דֶעם אָנְקֶעלְטָאם ׳ אוּנ הָאט אִיר דֶער בַּייא דֶער צֵיילְט שׁוֹין דִיא גַאנְצֶע גִישִׁיכְטֶע פוּן אִים מִיט דֶער קְלֵיינֶע אַיינֶענֶע ׳ אוּנ הָאט אִיר צוּא גְלַייךְ דֶער צֵיילְט וָואשׁ עֶר הָאט פַאר אִים בַּאצָאלְט ׳ דִיזֶע קְלֵיינֶע גִישִׁיכְטֶע וָואשׁ אַיינֶע אַנְדֶערֶע מוּטֶער וָואלְט דֶעם טָאם זַייעֶר הֶעכְּסְט גִידַאנְקְט דֶער פַאר ׳ הָאט עֶס אִיר גְרַאדֶע זַייעֶר אָן גִיצוּנְדִין ׳ אוּנ

האט

הָאט בַּאלְד אַרוֹיס גִיפְּלַאצְט מִיט אֵיינֶעם וֵויינֶען :

„יוֹא ! הָאט זִיא צוּ אִים גִיזָאגְט, ווָען אֵיינֶער ווָאלְט דַיין וַוייבּ גֶערֶעטֶעט ווָאלְשְׁט דוּא פַאר גֶעוִוים זִיךְ נִיט אַזוֹ פִּיל עֶנְטְגֶעלְטִין ווִיא דַיין טָאכְטֶערִיל · אִיךְ פְרֶעג דִיר צוּא ווָאשׁ הָאשְׁט דוּא דֶעם טָאם אַהֶער גִיבְּרַאכְט · צוּ ווֵיינִיג הָאבִּין מִיר שׁוֹין לַיידִיג גֵייעֶר אָן אִים דָא בַּייא אוּנְז אִין הוֹיף · דַיין יֶעדֶער שְׁקְלַאוֶוע אִיז מִיר אַדָארִין אִין אוֹיג · דוּ הַאלְשְׁט זַייא טַייעֶרֶר אַלֶם מִיךְ · אוּנ בִּפְרַט דִיזֶער נַייעֶר מִיוּחָם ווָאשׁ הָאט ווִיא דוּא זָאגְסְט דִיא אֵייגֶענֶע גֶערֶעטֶעט · עֶשׁ ווָעט דָאךְ אִים נִיט זַיין דוּרְךְ צוּ בְּלָאזִין · ווָאשׁ אִיז עֶר אַיין שִׁיכּוֹר · אַגַאסִין אוּם לַייפֶער · אַיין עַקְשָׁן · אוֹי ווֵיינִיג הָאבּ אִיךְ פוּן מַיינֶער מְרִימֶע דִיא בֶּעסְטֶע פוּן דִי עֲשָׂרָה מַכּוֹת · ווָאשׁ הָאט שׁוֹין דָאשׁ גְלִיק צוּ שְׁלָאפִין לֶעבִּין מַיינֶעם צִימֶער · אֶי ווָאשׁ פַאר אַפֶּעפֶערְקֶע דָאשׁ אִיז · עֶשׁ אִיז אִיר נִיט צוּ דֶער'רַייסִין · אוּנ אִיז אִימֶער פֶערְבַּיינְקְט אוּנ פֶערְווֵיינְט נָאךְ אִיר מַאן' אוּנ נָאךְ אִיר צְווַייא בֶּענְקַארְטֶעם ווָאשׁ זַייעֶן דָארְט גִיבְּלִיבִּין בַּייא מַיינֶעם פָאטֶער · אוּנ לָאזְט זַייא קַיין מָאל פוּן מוֹיל נִיט אַרוֹישׁ ווִיא עֶפֶּעם רֶעכְטְשׁ · אַזוֹ ווִיא זִיא ווָאלְט דָא גִיוֶועזְן דִיא פְּרִינְצֶעסִין פוּן ווָאלְפֶענְבִּיטֶעל · דוּא ווָאלְשְׁט נוּר זֶעהֶען ווִיא זִיא ווִיל עֶס! אַבִּיסִיל נִיט לַיידִין אַלְשׁ אִיךְ קְלַאפּ אִיר דוּרְךְ מִיט חֲלוּסְצִיק · זִיא ווָערְט גָאר בְּרוֹגֶז אוֹיךְ עֶטְלִיכֶע טָעג אַזוֹ אִיךְ ווָאלְט דָא דֶעם פִּיפֶּעץ פוּן אִיר הָאנֶער גֶערִירְט · נוּן דָאט דָא גִיפֶעלְט נָאךְ אַפָּאר צוּ אִיר צוּ דִיזֶער שְׁאַרֶעסְטֶע נָאךְ אַשְׂרָרָה · אוּנ הָאשְׁט אִים בֶּעקוּמֶען שׁוֹין פַאר גָאר דִיא גָאלְד · אוּנ אַלְץ אוֹיף דַיין ווַייבְּס קָאפּ · אִיךְ מוּז דָא אִימֶער בְּלַייבִּין דִיאי שְׁלֶעכְטֶע אוּנ דוּא דֶער גוּטֶער ·

„אוּנ דָאשׁ אִיז הָאט עֶר זִיךְ אָפּ גִירוּפִין, ווַייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ ווִיל אָרֶענְטְלִיךְ בְּעהַאנְדֶעלְט ווֶערִין · אוּנ אַיין שְׁקְלַאוֶוע אִיז אוֹיךְ אַמֶענְטְשׁ · אוּנ פוּן דַיין מְרִימֶע פַאר לַאנְגְסְט דוּא ווִירְקְלִיךְ צוּ פִּיל · ווִיא אִיךְ ווַיים הָאט זִיא בַּייא דִיר קַיין טָאג אוּנ קַיין נַאכְט · אוּנ ווָעלְכֶער מֶענְטְשׁ דַארְף נִיט שְׁלָאפִין · ווָעלְכֶע מוּטֶער לִיבְּט נִיט

אִיהְרֶע קִינְדֶער · אוּנ וֶועלְכֶע פְּרוֹיא קִימֶערְט זִיךְ נִיט אוּם אִיר גִילִיבְּטִין מַאן · זַאיי דוּא נוּר זִיךְ אַלֵיין אַגוּטֶער פְּרֵיינְד · קְלֶעמֶע דִיךְ נִיט זֶעלְבְּשְׂט אוּנ קְרֵיינְק נִיט דֶעם אַנְדֶערִין · דָא וֶועשְׂטוּ הָאבִּין גוּטֶע דִינֶער · אוּנ זַייא וֶועלִין הָאבִּין אֵיינֶע גוּטֶע ווִירְטִין · נוּן מַאךְ דִיא עֶרְשְׂטֶע פְּרָאבֶּע מִיט דִיזֶעם טָאם · אִיךְ זָאג דִיר דָאשׂ עֶר אִיז אַיין נִיכְטֶערֶער · אַבְּרַאוֶוער קֶערֶעל · אַיין גָאטְשׂ פִירְכְטִיגֶער מַאן · אוּנ זֵייעֶר שְׂפָּאסָאבְּנֶע צוּא דֶער אַקָאנָאמְיֶע · אִיךְ בֶּעט דִיךְ מַיינֶע פְּרוֹיא פַאר דַארְבּ מִיר אִים נִיט מִיט דַיינֶעם צָארִין · מִיט דַיינֶעם חְלִיסְטָאק · לָאז מִיר אִים בְּלַייבִּין אַיין טְרֵייעֶר דִינֶער · אוּנ הֶעטֶעסְט דוּא מִיר גִיפָאלְגְט וָואלְט אִיךְ דִיר הֵייסִין דִיא מְרִימֶע אָפּ שִׁיקִין צוּ אִיר מַאן אוּנ צוּ אִירֶע קִינְדֶער · דֶען דוּא הָאשְׂט דָא צֶעהֶען פַאר אֵיינֶע אָן שְׂטָאט אִיר ·

דִיזֶע זֶעלְטֶענֶעם גִישְׂפְּרֶעךְ הָאט צוּ גִיהֶערְט אוֹיךְ דִיא מִיסְס־אַפֶּעלֶע וָואשׂ וַואר דֶער בַּייא · אוּנ הָאט זִיךְ נִיט גִיקֶענְט גִינוּג אָפּ וואוּנְדֶערִין דַארִיבֶּער · דֶען אִין זֵייעֶר לַאנְד דָארְט אִין קַאנַאדֶע וֶוערְט דֶער נֶעגֶער בֶּעהַאנְדִילְט גְלַייךְ ווִיא אַלֶע אַנְדֶערֶע מֶענְטְשִׂין וַוייל דָארְט וַוייסְׂ מֶען גָאר נִיט פוּן דֶער שְׂקְלַאוֶועדַייא · אוּנ הָאט זִיךְ אַזוֹ אַרַיין גִילָאזִין מִיט דֶער מַארְיֶע וֶועגִין דֶעם אִין אַיין טִיפִין גִישְׂפְּרֶעךְ (שְׂמוּעוֹת) אִין וֶועלְכִין זִיא הָאט דִיא מַארְיֶען גוּט קְלָאר גִימַאכְט דָאשׂ זִיא אִיז מִיט אִיר פִירוּנְג נִיט יוֹצֵא גֶעגִין גָאט · נִיט גֶעגִין זִיךְ · אוּנ נִיט גֶעגִין אִיר מַאן · אוּנ פְּשִׁיטָא שׂוֹין גֶעגִין אִירֶע דִינֶערְשַׁאפְט וָואשׂ אִין זֵייעֶרֶע הֶענְט אִיז אָן גֶעטְרוֹיט אִיר לֶעבִּין אוּנ אִיר אֵייגִינְס · אוּנ דִיזֶער גִישְׂפְּרֶעךְ הָאט אוֹיף אִיר אַזוֹ וַוייט גִיווִירְקְט דָאשׂ זִיא הָאט זִיךְ אָן גֶעהֵייבִּין זִיךְ זֶעלְבְּסְט צוּ צְווִינְגֶען דָאשׂ זִיא זָאל מִיט אִיהְרֶע בֶּעדִינְטֶע אָן הֵייבִּין בֶּעסֶער זִיךְ צוּא בֶּעגֵיין · אוּנ אִיר עֶרְסְטֶע פְּרָאבֶּע וַואר מִיט דֶעם טָאם · דֶען זִיא הָאט זִיךְ אָן גִיהֵייבִּין צוּ בֶּעגֵיין מִיט אִים זֵייעֶר גוּט · אוּנ עֶר ווִידֶר הָאט זִיךְ אוֹיף גִיפִירְט זֵייעֶר בְּרַאוו דָאשׂ זִיא הָאט נִיט גִיהַאט קֵיינֶע אוּרְזַאכֶע אוּם חֲרָטָה צוּ הָאבִּין וֶוען דַארוֹיף · אִין אַקוּרְצֶע צַייט וַואר אוּנְטֶער דֶעם טָאמְס

אויף

אויף זיכט די שטאלען · דיא מאגאזינען · דיא פעלדער · אונ מען איז גיוועזן מיט אים צוא פרידין אזוא אין הויף · אונאזוא אין דיא קאלאניען · אונ עש וואר אים אזו גוט דא וויא ביא זיינעם פאריגין הערין שעלבי · אונ דאך וואר ער אימער פאר ביינגט · נאך ווייב אונ קינדער · אונ פלעגט דיא שטילע נעכט צו ברייננגען איבער זיין ביבעל דארט אין זיין פארטען ציממעריל וואש ער האט גיהאט · אונ פלעגט גאט צו בעטין דאש ער זאל זיינעם הערין אריין געבין אין זינען דאש ער זאל אים אין קורצין בעפרייען וויא ער האט אים פאר שפראכען דאן אין אן פאנג · אונ דיא קליינע איינענע וואש וואר זייער קלוג אונ גוט · גאונ וואש האט דעם טאם ליב גיהאט וויא איר אייגענעם פאטער · דען ערשטינס וואר ער דאך איר רעטירער · אונ צווייטענס איז ער איר גלאט גיפעלין איבער זיינע גרוישע ערליכקייט · פרומקייט אונ פריינדליקייט · פלעגט זיא אלע מאל ווען זיא פלעגט אים נור דער ווישין מיט פייכטע אויגין ביא דער ביבעל (תנ״כ) שטארקין אין זיינע האפענונגען דאש ער וועט פון איר פאטער זיינע בעפרייאונג בעקומען · אונ פלעגט אים אימער צוא שווערין ביא איר לעבין · דאש זיא וועט עש מיט דער צייט זעלבסט ביא איר מוטער אויש ווירקין · נון לאמיר לאזין אונזערין אנקעל טאם דא אין דאש הויז פון דעם הערין אויגוסט=סען=קלער · אונ ווילין אונז ווענדין צו אונזער אנטלאפענע פון דעם וואנטראמס הויז דאש הייסט צו דער עליזע · צו איר מאן דזארדז האררי אונ צוא דיא איבעריגע נעגער וואש ווארען מיט זייא ·

## 4.

ארויש פארענדיג פון דעם וואלד אין וועלכין זייא זיינען אריין ארויש פארינדיג פון וואנטראמס הויז האט זיך דער וועג צו טיילט דארט אין פיר צווייגין אדער אבטיילונגען וואש דורך אלע האט מען גיקענט קומען קיין קאנאדע · נור דורך פערשידענע געגענדען · איין וועג וואר זייער זומפיג · דער אנדערער וואר מיט

גרוישע בערג אונ מיט קארצעם בעוואקסען · דער דריטע וואר זייער גראדע · נור איין עטוואס זאמדיגי אונ דר בעסטע פון אלע וואר דער פערטער: אבער ער וואר זייער שמאל אונ האט זיך געדרייט צווישען זייער הויכע פעלזען (שטיינער) וואס האבען גיגרייכט ביז אין דיא וואלקען · איינער פון דיא צווייא אנטלאפינע שקלאווען וואס וואדין שוין מיט אפאר יאר פריער ביא דעם וואנטראם האט דיזין געגענד זייער גוט גיוואוסט דאש יעדער פעלז האט ביא אים שוין איין אנדער נאמען גיהאט וועגין זיינע באזונדערע מעלות אדער באזונדערע חסרונות · אונ האט אזו גיוואוסט פון וועלכער זייט מען קען אויף יעדען שטיין ארויף קריכין · דען ער פלעגט שטענדיג זיין דארט מיט דעם הערין וואנטראם אויף יאכט · דיזער האט גיהייסען „פינעאש־פלעטשער„ אונ וואר אזו דער קליגסטער אונ דער אטוואזנער אונטער דיזער גאנצער קאמפאניע · אונ האבין זיך אזו אלע גישטעלט אונטער זיין קאמאנדע אויף דיזער גיפערליכע רייזע · דען אזוא האט זייא דער הער וואנטראם אויך גיראטין פאר זייער אפ פארין דאש זייא זאלין נור אים פאלגין · נון האט דיזער „פינעאש־פלעטשער„ אויש גיקליבין גראדע דיזין וועג ווייל ער האט איין גיזעהען דאש ער דר זיכערסטע פר זיי איז · אונ איין פארינדיג אויף אים איין האלבע מייל האט זיך דער פינעאס־פלעטשער אראפ גינומען פון וועג רעכטס אונ האט דארט אין אטיפין שלוכט (ראוו) אונטער איין אויש גיהוילטען גרוישין פעלזין (שטיין) בעהאלטין דעם וואגען מיט אלע זייערע פערד · אונ אזו אויך דיא עליזע אונ מיט דעם קליינעם דזים · אונ האט געהייסען דעם ארין גאנג דער נאך פערלייגין מיט גרוישע שטיינער אונ מיט גרוישע גאלענדזעם · דאמיט דיא פערד זאלין ניט ארויש לייפין · אונ דער נאך האט ער דעם דזארדזי מיט זיינע צווייא בעדינטע · אונ אזו אויך זיין קאלעגיום (חבר) יעדערין ארויף גיפירט אויף איין באזונדערין הויכין שטיין · אונ האט זייא גיהייסין שטיין דארט מיט גילאדענע גיוועער · אונ האט זייא פאר זאגט וויא זייא זאלין זיך דא באגיין · אונ וויא זייא זאלין פאר שטיין

דיא

דיא צייכין פון יעדין פייף וואש ער וועט דא טאן · צו דער שיסין אויף טויט · אדר צוא ראנען נור · צו אפ שיסין איין אויער אדער אפינגער אדר צו אונטער שיסין נור אפערד אדער אהונט · דיזע אלע נעגער וואַרין ווירקליך גרוישע שיסער אונ גרוישע צילער · דען יעדערער פון זייא וואר שוין אויף כמה יאכטען · אונ אין פיל שלאכטען · אונ פלעגין אפטער צום שפאם קענען ארויש שיסין איין קליין פישערע וואש מאנכע וואסער פויגיל טראגט עש אין מויל פליהענדיק אין דער הויך · דיא שטיינער אויף וועלכע ער האט פון איינאנדער גישטעלט וואַרין צו צוואנציג אדער דרייסיג קלאפטער ווייט פון איינאנדער · נון וויא עש וואַרין זייערע פינף האט זייער אויש שטעלונג פערנומען בערך אגוטין האלבין וויארסט · יעדער שטיין אויף וועלכין זייא זייען גישטאנען האט גיהאט אויבין איינע פערטיפונג וויא אלאך · דאש מען האט פון אונטין ארויף ניט גיקענט זעהען דעם שיסער ·

„נון ליבע ברידער„ ! האט צו זייא דאן גיזאגט דער „פינעאם־פלעטשער„ איך זאג אייך דאש עש זאל דער ביא מענשין בלוט גישוינט ווערין · פריהער מוז געצילט ווערין אויף דיא הינט · דער נאך אויף דיא פערד · אונ ווען זייא וועלין זיך פארט ניט וועלין אומקעהרין · זאל זיין דיא ערשטע כפרה דר מארקס · דאך פריער נור גערענט ווערין · דער נאך דער לאקער · אונ וויטער זאלט איר אייך ריכטין נאך מיין פייף · איך האב ביא מיך אפלייטיל אזילבערנעם וואש קען זעלבסט דיא טויטע פון זייער בלייערנעם שלאף אויף וועקין · דער פייף פון איין אייזענבאהן מאשינע איז איין מויזענקוויץ נעגין אים · זייא וועלין עש הערין · אונ וועלין מיינען דאש דער שור הבר פייפט עש דורך מיינע נאזיליכער ·

קוים האט ער גיענדיגט זיינע בעפעהלע צו דיזעם קליינעם קארפוס · אונ האט זיך אליין אויך אוועק גישטעלט אויף איין הויכין פעלזין · האבין זייא אן גיהייבין צוא הערין איין שרעקליכעם הונד בילען · אונ באלד דארויף איינע הירזעריא פון פערד · עש האט

ניט לאנג גידויערט · אונ די נעגער האבין אן גיהייבין שוין דייטליך צו זעהן רייטער · דען עש וואר איינע זייער העלע נאכט · עש האט די לבנה גישיינט זייער לויטער · זייא האבין גיזעהן דאש עש וואַרין זייערע צעהן חוץ דעם טאם לאקקער אונ חוץ דעם מארקס · גוט בעוואפינט אונ גוט בעריטען (דאש הייסט רייטין אויף גוטע פערד) · אונ איינינע גרוישע הינט לייפין פאר אוים · בילענדיק אונ שפירענדיק · אונ עש וואר אלש דיזע באנדע וואַרין שוין אזו נאהינט פון דעם ערשטין פעלזין אויף וועלכין עש איז גישטאנען דער פינעאס=פלעטשער דאש ער האט גיקענט זייא גרייכין מיט דעם ביקס · אונ בפרט נאך די הינט זייערע וואש זייען פאר אוים גילאפין · האט ער גיטאן אשוויסט מיט זיינער זילבערנע פייפעלע דאש עש האט פערהילכט די גאנצע געגענד · אונ, האט דער בייא אויש גישאסין · אויף די הינט · אונ טוז נאך אים האבין עש גיטאן אויך די איבעריגע נעגער · אונ ניט איין קויל האט פאר פעלט איר ציל דען עש זייען גיבליבין ליגין פינף הינט טויט אויף זייערע שטעלין · אונ די איבעריגע זייען צו לאפין ·

נון דיזער ערכטע גערוס · אדער וויא מיר אידין זאגין דער ערשטער שלום עליכם · האט זייער צו טרעזואזעט דיזע באנדע דאש זיי האבין זיך אפ גישטעלט אויף אווילע אום זיך צו בעדיינקען וואש צו טאן „צוריק מיינע העררין ! האט זיך דער טאם לאקקער אפ גירופין„ פון דעם ערשטין פיק ווייש איך שוין וואש פאר איין ענדיק דארט איז · איר זאלט וויסין מיר האבין דא צו טאן מיט אחברה גרוישע שיסער · געשיקטע ציילער · דער צוא נאך גאנץ קלוגע יונגען · דען זייא האבין אויש גיקליבין די בעשטע פאזיציע (לאגע פאר זיך ·) וויא איך לעב · דער בעשטער פעלד מארשאל וואלט שוין בעשער ניט קענען אויש ווייליןדען זייא זיצין אין אזעלכע ערטער פון וואנען זייא זעהען אונז אונ וועלין גוט טרעפין · אונ מיר ווייסין ניט נאך אמאל אין וועלכע שטעליג צו שיסין · צוריק זאגע איך איך · דען מיר וועלין דא גאר ניט אויש פירין „אונ

איך

אִיךְ זָאג נֵיין הָאט זִיךְ אָפּ גִירוּפִין דֶער מַארְקְס, עֶשׂ אִיז דָא נוּר אֵיינֶע קְלֵיינֶע שְׁטְרֶעקֶע (שְׁטִיקִיל וֶועגְס) אַרִיבֶּער צוּ לֵייפִין · דֶען וִויא מִיר וַוייסִין זַייעֶן זֵייעֶרֶע דָא נוּר פִינְף אָדֶער זֶעקְס · מִיר הָאבִּין אוּנְטֶער אוּנְז הִיצִיגֶע פֶערְד · נוּן מִיט אֵיינֶעם שׁוּפּ וֶועלִין מִיר דִיזֶע גִיפֶערְלִיכֶע שְׁטֶעלֶע אַרִיבֶּער לֵייפִין אוּנ דַאן זַייעֶן זַייא שׁוֹין אַזוֹ גוּט וִויא גִיפַאנְגֶען אִין אוּנְזֶערֶע הֶענְד · דִיזֶע רֵייד פוּן דֶעם מַארְקְס הָאט דֶער פִינֶעאַס־פְלֶעטְשֶׁער זֵייעֶר גוּט גִיהֶערְט · דֶען עֶשׂ וַואר דַאן זֵייעֶר שְׁטִיל קַיין הוּנְט הָאט שׁוֹין דַאן מֶער נִיט גִיבּוּלִין · אוּנ בִּפְרַט נָאךְ דָאשׂ עֶר וַואר אִין דֶער הוֹיךְ וָואשׂ דָארְט אִיז צוּ הֶערִין יֶעדֶעס וָוארְט וָואשׂ וֶוערְט אוּנְטִין גִישְׁפְּרָאכִין פִיל דַייטְלִיכֶער אַלֶס שְׁטֵייעֶנְדִיג לֶעבִּין דֶעם רֵיידֶער זֶעלְבְּסְט · אוּנ הָאט אִים דַארוֹיף גִיעֶנְטְפֶערְט מִיט אֵיינֶם צְוֵוייטָן שָׁאס מִיט וָואשׂ עֶר הָאט אִים אֵיין אוֹיעֶר אַרָאפּ גִיהַאפְּט · אַזוֹא וִויא עֶר וָואלְט אִים עֶשׂ מִיט אַגָאל מֶעסֶער אָפּ גִישְׁנִיטִין · דִיזֶע צְוֵוייטֶע הַתְרָאָה הָאט שׁוֹין פִיל מֶעהֶר גֶעווִירְקְט אוֹיף דִיזֶער בַּאנְדֶע · דָאשׂ זַייא הָאבִּין אָן גִיהוֹיבִּין בֶּעדֵיינְקְלִיכֶער צוּא וֶוערִין אַלֶס פְרִיהֶער · אוּנ נָאךְ אֵיינֶעם קוּרְצִין רָאט אָדֶער סֶעסְיָאן · אִיז גִיבְּלִיבִּין דָאשׂ מֶען זָאל דִיזִין וֶועג גָאר אוֹישׂ מַיידִין · דָאשׂ הֵייסְט מֶען זָאל זִיךְ נֶעמֶען אָן אַזַייט, אוּנ דָאשׂ וֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִיט צוּ לָאזִין, הָאט דֶער פִינֶעאַס־פְלֶעטְשֶׁער צוּ זִיךְ זֶעלְבְּסְט גִיזָאגְט · אוּנ הָאט אַזוֹ אַשְׁווִיסְטֶע גִיטָאן מִיט זַיינֶער פַייפֶעלֶע צוּ זַיינֶער חֶבְרָה · אוּנ דִיזֶע הָאבִּין אַלֶע אוֹיף אַיין קְלַאפּ אוֹישׂ גִיזֶעצְט פוּן זֵייעֶרֶע בִּיקְסִין, אוּנ פִינְף פֶערְד זַייעֶן גִיפַאלִין אוּנְטֶער זֵייעֶרֶע רַייטֶער ·

„א עֶשׂ שְׁטְרַייטִין דָא מִיט אוּנְז רוּחוֹת · שֵׁדִים אָבֶער קֵיינֶע מֶענְטְשִׁין, הָאבִּין זִיךְ אָפּ גִירוּפִין דִיא יֶענִיגֶע וָואשׂ זַייעֶן אַרוּנְטֶער גִיפַאלִין פוּן זֵייעֶרֶע גִישָׁאסֶענֶע פֶערְד, אוּנ דָאךְ פַאלְט נִיט אַרוּנְטֶער בַּייא זִיךְ הָאט דֶער מַארְקְס וַוייטֶער גִיזָאגְט, אִיר בְּלַייבְּט נוּר דָא אוֹיף אוֹנַייכֶע אוּנ אִיךְ וֶועל זִיךְ קֶערִין צוּרִיק אִין דֶעם דָארְף וָואשׂ אִיז פוּן דַאנֶען קוֹים אַפָּאר וִוִיארְסְט · אוּנ וֶועל נֶעמֶען דָארְט פַּאמַאץ · דֶען אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַיין אָטְקְרִיטִין לִיסְט צוּ אַלֶע אַסֶעסָארֶען דָאשׂ זַייא

זאלין

זָאלִין מִיר זַיין בַּאהִילְפְלִיךְ אִין דִיזֶער זַאכֶע ׳ אוּנ פוּן דָארְט וֶועל אִיךְ שׁוֹין מַאכִין אַנַייֶע אַטָאקֶע ,אִיךְ לַאךְ פוּן דִיר אוּנ פוּן דַיין קָאפּ הָאט זִיךְ אָפּ גִירוּפִין צוּ אִים דֶער טָאם לָאקְקֶער, צוּ נָאךְ וַוייסְטוּ נִיט דָאשׁ עֶר אִיז פֶערְלָארִינֶע מִיא ׳ דוּא וֶועשְׁט דִיךְ פְרֵייעֶן וֶוען מֶען וֶועט דִיךְ לָאזִין צוּ טָאן אַטְרִיט אוֹיךְ צוּרִיק ׳ אִין דֶעם הָאט דֶער פִּינֶעאַס־פְּלֶעטְשֶׁער וָואשׁ הָאט עֶשׁ אַלְץ זֵייעֶר גוּט גִיהֶערְט ׳ גִיטָאן אַשָׁאס אוּנ הָאט גִיטְרָאפִין דֶעם מַארְקְס פֶערְד ׳ עֶר הָאט אִים אָבֶער נִיט גִיטֵייט נוּר פֶערְוואוּנְדֶעט ׳ דָאשׁ עֶר אִיז גִיוָוארִין זֵייעֶר עֶרְהִיצְט פוּן דִיא שְׁמֶערְצִין ׳ אוּנ הָאט זִיךְ מִיט אִים פַאר אֵיינַאנְדֶער גִיטְרָאגִין ׳ עֶר אִיז מִיט אִים אַרוֹיף אוֹיף דִיא פֶעלְדֶער ׳ אוּנ הָאט זִיךְ מִיט אִים דוּרְךְ גִישְׁלֶעפְּט דוּרְךְ הַמִּיזָנֶעקֶעם ׳ דוּרְךְ קָארְצָעם ׳ עֶר אִיז מִיט אִים גִילָאפִין אִיבֶּר שְׁטֵיינֶער אוּנ בְּלָאטֶעם אוּנ הָאט אִים צוּ וואוּנְדֶעט צוּ קַיילְט אוּנ צוּ בַּיילְט בִּיז עֶר אִיז אַרַיין מִיט אִים אִין אַזוּמְפּ אוּנ אִיז דָארְט גִיבְּלִיבִּין לִיגִין :

דִיא אִיבֶּערִיגֶע פוּן דִיזֶער בַּאנְדֶע זַייעֶן גִיבְּלִיבִּין שְׁטֵיין דָארְט דֶער וַוייל֗ע אִין גְרוֹישֶׁע צָרוֹת ׳ דֶען זֵייא הָאבִּין פַּחַד גִיהַאט צוּא רִירִין זִיךְ פוּן אָרְט ׳ זֵייא הָאבִּין מוֹרָא גִיהַאט צוּ גֵיין וַוייטֶער ׳ אוּנ אַזוֹ אוֹיךְ אוּם צוּ קֶערִין זִיךְ צוּרִיק ׳ פוּן יָאגֶען אוּנ חַאפִּין דִיא נֶעגֶער וַואר שׁוֹין קֵיין רֵייד דָר פוּן. אוֹיךְ קֵיין גִידַאנְקֶען אַזוֹ גָאר ׳ זֵיי וַוארִין נוּר בֶּעקִימֶערְט אוּם זֵייעֶר אֵייגִינֶעם לֶעבִּין וָואשׁ הֵיינְגְט דָא אוֹיף אַיין הָאר ׳ דֶען זֵייא הָאבִּין זֵייעֶר גוּט פַאר שְׁטַאנֶען דָאשׁ דִיזֶע נֶעהַיימֶע (סַאקְרֶעטְנֶע) שִׁיסֶער קֶענֶען פַאר גִיווֹיס פִיל לַייכְטֶער טְרֶעפִין אִין אַיין קָאפּ ׳ אִין אַהַארְצִין אַלְשׁ אִין אֵיינֶעם אוֹיעֶר נוּר ׳ אוּנ הָאבִּין זִיךְ אַזוֹ פֶערְשָׁאלְטִין זֵייעֶר לֶעבִּין וָואשׁ זֵייא הָאבִּין גָאר אָן גִיהֵייבִּין צוּ יָאגִין דִיא שְׁקְלַאוֶוען ׳ אוּנ דָאשׁ הָאט אַזוֹ גִידוֹיעֶרְט בִּיז דֶער פִּינֶעאַס־פְּלֶעטְשֶׁער הָאט אָן גִיהֵייבִּין צוּ רֵיידִין צוּא זֵייא פוּן זַיינֶעם הוֹיכִין פֶעלְזִין אוּנ הָאט צוּ זַייא אַזוֹא גִיזָאגְט ,וֶוען אַנְדֶערְשׁ עֶשׁ אִיז אַייךְ אַייעֶר לֶעבִּין וִוירְקְלִיךְ לִיבּ ׳ דָא זָאלְט אִיר אַייךְ בַּאלְד אוּנְטֶער גֶעבִּין ׳ זָאנְכְט שִׁיסִין מִיר אַייךְ בַּאלְד אַלֶעמֶען טוֹיט ׳ אֵיין קוֹיל

מיינע

מַיינֶע קֶען פַּאטְרִין צְוֵויא אויף אַיין מָאל · אִיר זָאלְט אַוֶועק לֵייגִין אַייעֶרֶע גִיוֶועהְר צוּ בִּינְדִין אַייעֶרֶע פֶּערְד אוּנ יֶעדֶערֶער זָאל צוּ גֵיין צוּ אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶערִין שְׁטֵיין צוּ וֶועלְכִין מֶען וֶועט אַייךְ הֵייסִין · נוּן וַואר טָאם לָאקְקֶער דֶער עֶרְשְׁטֶע וָואשׁ הָאט גִיטָאן · אוּנ נָאךְ אִים הָאבִּין עֶשׁ גִיטָאן דִיא אִיבֶּערִיגֶע · אוּנ אַלֶשׁ זֵייא וָוארִין שׁוֹין אָן פֶּערְד אוּנ אָן גִיוֶוער · הָאט זֵייא דֶער פִּינֶעאַם גִיהֵייסִין צוּ גֵיין אֵיינְצִיג וַויים צוּ יֶענֶע בַּאזוּנְדֶערֶע הוֹיכֶע שְׁטֵיינֶער פוּן וֶועלְכֶע זֵייא וֶועלִין הֶערִין אַפַּייף · אוּנ אַלֶשׁ זֵייא וָוארִין שׁוֹין דָארְט · יֶעדֶערֶער אויף זַיין אָן גִיוִויזִינֶעם אָרְט זַייעֶן אַרוּנְטֶער דִיא נֶעגֶער צוּ זֵייא אוּנ הָאבִּין זֵייא אַרוֹיף גִיפִירְט אויף דִיא שְׁפִּיצִין פֶעלְזִין פוּן וֶועלְכֶע זֵייא וָועלִין שׁוֹין אַלֵיין נִיט אַרָאפּ קְרִיכִין צַייט זֵייא וָועלִין לֶעבִּין · דֶען עֶשׁ וַואר אַיין גְרוֹישֶׁער קוּנְץ דֶער אַרוֹיף קְלֶעטֶערִין אויף זַייא אוּנ נָאךְ מֶעהְר דֶער אַרָאפּ קְלֶעטֶערִין פוּן זֵייא · וָואשׁ דָאשׁ קֶענֶען נוּר דִיא גֶענִיטֶע אוּנ גֶעשִׁיקְטֶע נֶעגֶער ·

אוּנ נָאךְ דֶעם אַלֶשׁ דִיא נֶעגֶער הָאבִּין גִיזֶעהֶן דָאשׁ זֵייא זַייעֶן שׁוֹין גַאנְץ זִיכֶער פוּן דִיזֶער בַּאנְדֶע · אוּנ דָאשׁ קֵיינֶער וֶועט פוּן דִיזֶער גַאנְצֶע גִישִׁיכְטֶע נִיט וִויסִין בִּיז שְׁפֶּעט אויף דֶעם טָאג : נוּן וֶועט זֵייא שׁוֹין קֵיינֶער דֶער וַויילֶע נִיט נָאךְ יָאגִין הָאבִּין זֵייא אַרוֹישׁ גִינוּמֶען דֶעם וָואגֶען אִין וֶועלְכֶע עֶשׁ אִיז גִיוֶועסִין דִיא עֶלִיזֶע מִיט אִיר קִינְד זֵייעֶר צוּ שְׁרָאקִין · אוּנ אַזוֹ אויךְ זֵייעֶרֶע פֶּערְד וָואשׁ וַוארִין דָארְט פַאר שְׁטֶעקְט אוּנְטֶער דִיא פֶעלְזִין (שְׁטֵיינֶער) אִין אֵיינֶעם טִיפִין שְׁלוּכְט (רוּיא) · הָאבִּין צוּ גִינוּמֶען דִיא פִינְף פֶּערְד מִיט דִיא גִיוֶוער פוּן דֶער בַּאנְדֶע · אוּנ זַייעֶן זִיךְ פְרִידְלִיךְ אוּנ גְלִיקְלִיךְ אַיין גִילָאפִין אַמַייל דְרַייא בִּיז עֶשׁ אִיז גִיוָוארִין טָאג · אוּנ דָארְט הָאבִּין זֵייא אַיינְגִיקֶערְט אִין אֵיינֶעם גַאסְט הוֹיז אוּנ הָאבִּין זִיךְ דָארְט גִיפִיטֶערְט אֵיינִיגֶע שְׁטוּנְדִין · דֶען זֵייא וַוארִין אַלֶע הֶעכְסְט פַאר מַאטֶערְט · אוּנ הָאבִּין גִיהַאט דֶער נָאךְ דָאשׁ פֶערְגֶעניגִין צוּא זֶעהֶן וִויא מֶען הָאט אַהִין גִיבְּרַאכְט דֶעם מַארְקְס אַיין גִירַאיינֶעטִין אָן לָשׁוֹן אוּנ אָן הֶענְד אוּנ אָן פִים אוּנ מִיט אִים זַיין גִירַאיינֶעטִין פֶערְד · אוּנ

אום

אוּם זִיךְ אָן אִים רֶעכְט נוֹקֶם צוּ זַיין הָאבִּין זַייא אִים גִּיגֶעבִּין אַגוּטֶע נְדָבָה ׃ אוּנ זַייעֶן פוּן דָארְט וַוייטֶער אַוֶועק ׃ נוּן לָאמִיר זַייא לָאזִין צִיהֶען אִין פְרִידִין בִּיז דֶעם גְרוֹישִׁין גְרֶענֶעץ פְלוּס (טַייךְ) וָואשׁ אִיז צְווִישִׁין דִיא אַמֶערִיקַאנֶעשֶׁע פֶערְאַייניגְטֶע שְׁטַאטֶן אוּנ קַאנַאדֶע ׃ וָואשׁ מֶען רוּפְט אִים „סַאנְקְט לָארֶענְץ„ אוּנ וֶועלִין אוּנְז וֶוענְדִין צוּרִיק צוּ אוּנְזֶערִין אָרִימֶען אָנְקֶעל טָאם ׃

5.

מִיר הָאבִּין אוּנְזֶער אָנְקֶעל טָאם אַוֶועק גִיוָוארְפִין דָארְט אִין נַייֶע אָרְלֶעאַנְס בַּייא הֶערִין אוֹיגִיסְטִיסֶען־קְלֶער אִין זַייעֶר גוּטֶע אוּם שְׁטַאנְד ׃ אוּנ דִיזֶע אוּם שְׁטֶענְדֶע (מַעֲמַד) הָאבִּין זִיךְ גִיבֶּעסֶערְט פוּן טָאג צוּ טָאג דָאשׁ עֶר אִיז גִיוָוארִין מִיט דֶער צַייט בַּייא זַיינֶעם הֶערִין אִין שְׁטוּבּ אַזוֹא בַּאלִיבְּט ווִיא אַמָאל יוֹסֵף הַצַּדִיק בַּייא דֶעם פּוֹטִיפַר אִין שְׁטוּבּ ׃ אוּנ אִיז גִיוָוארִין מִיט דֶער צַייט בַּייא זַיינֶעם הֶערִין מֶער פְרַיינְד אַלְשׁ שְׁקְלַאוֶוע ׃ מֶעהֶר רָאט גֶעבֶּער אַלְשׁ אַיין בֶּעדִינְטֶער ׃ אוּנ לֹא דַי דָאשׁ עֶר הָאט גִיווירְקְט זַייעֶר פִיל אוֹיף דִיא הוֹיז הַאלְטוּנְג (אַקָאנָאמִיֶע) הָאט עֶר נָאךְ זַייעֶר פִיל גִיווירְקְט אוֹיךְ אוֹיף דֶעם גֶעמִיט אוּנ אוֹיף דֶעם חַארַאקְטֶער פוּן זַיינֶעם הֶערִין ׃ דֶען דִיזֶער אוֹיגִיסְטִיסֶען־קְלֶער וַואר פְרִיהֶער גֶענֵייגְט גִיוֶועֶן צוּם טְרוּנְק ׃ צוּ דֶעם קָארְטִין שְׁפִּיל ׃ צוּ לַאכִין פוּן דֶער גֶעטְלִיכְקַייט פוּן הַשְׁגָּחָה ׃ פוּן שָׂכָר אוּנ עוֹנֶשׁ ׃ צַייט אָבֶּער טָאמְס אָן קוּמֶען בַּייא אִים אִין הוֹיז ׃ הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין זַייעֶר פִיל גִיעֶנְדֶערְט צוּם גוּטִין אִין אַלֶע דִיזֶע זַאכִין ׃ דֶען עֶשׁ הָאט אִים זַייעֶר גִיקְרֵיינְקְט צוּ זֶעהֶען דָאשׁ זַיינֶער אַשְׁקְלַאוֶוע זָאל אִין זִיךְ הָאבִּין פִיל שֶׁענֶערֶע מִדּוֹת אַלְשׁ עֶר ׃ אוּנ הָאבִּין פוּן דֶער גֶעטְלִיכְקַייט אַיינֶע בֶּעסֶערֶע הַשָּׂגָה (בֶּעגְרִיף) אַלְשׁ עֶר ׃ דֶען דִיזֶער טָאם וַואר אִימֶער נִיכְטֶער ׃ קַיין קָארְט אִיז נִיט אַרַיין גִיקוּמֶען צוּ אִים אִין הַאנְד ׃ הָאט קַיין מָאל קַיין לִיגִין גִיזָאגְט ׃ אוּנ פְלֶעגְט אִימֶער צוּא לֶעזִין דִיא בִּיבֶּעל ׃ וַואר טְרַייא זַיינֶעם הֶערִין ׃ אוּנ הָאט גִידֵיינְקְט אִיבֶּער יֶעדֶער זַאךְ זַייעֶר הָעל

אות

אונ ריכטיג וויא איין האלבער פילאזאף · דאש זיין הער האט גרויש פארגניגן גיהאט באשפרעכין זיך מיט אים איבער מאנכע וויכטיגע זאכין · למשל וויא איבער השגחה אלוקית (פאר זעהונג) · השארת הנפש (אונ שטערבליכקייט) אונ פלעגט זיך זייער אפט פערוואונדערן איבער זיינע קלוגע תשובות אויף דיא שווערע שאלות וואש ער פלעגט אים צוא פרעגין · אונ וואש האבין גימאכט איין זייער שטארקין איין דרוק אויף זיינע אום גירעכטע שלעכטע מיינונגען (דעות) וואש ער האט גיהאט ביז אהער דער פון · נון איז אונז כדאי איינע פון דיזע תשובות זיינע דא מעתיק צו זיין ·

דער אויגוסט האט אים אמאל גיפרעגט ריידינדיג מיט אים איבער דיא אלטע פראגע, ווארום גייט אמאל דעם רשע גוט אין דיזעם לעבין אונ דעם צדיק אפט שלעכט ? ווען איין מאל איין גירעכטער נאט פירט דיא וועלט דא האט עש גידארפט צו גיין ריכטיגער אונ גירעכטער אלש יעצט, ווייל אזו פירט זיך אפט אויך דיא גירעכטיסטע רעגירונג, האט ער אים גיענטפערט, זיא פערצייהעט אפט · אונ זייער אפט דעם גרעסטין פאר ברעכער זיין פאר ברעכין אונ זארגט נאך דער צו דאש ער זאל האבין פון וואנען צו לעבין אום צו מאכין פון אים איין הייכקער (תליון) אום צו באשטראפין מיט אים אסך קלענערע פאר ברעכער (זינדיגער) אלש ער איז · נון שוינט גאט אבאל אזו אויך דעם רשע אום צוא באשטראפין מיט אים אסך קלענערע זינדער וויא דיא ביבעל זאגט, וגם רשע ליום רעה, דאש הייסט גאט האט בשאפין דעם רשע אום אויש צו פירין דורך אים איין אומגליקס טאג · דאש הייסט איינע בייזע צייט הן פאר איחיד · הן פאר ארבים · פאר אמדינה פאר אמלוכה · אונ דאש גלייכין · דיזע תשובה האט גימאכט גרוישע שנויים אין זיינעם פרייען גידאנקען · צ״נ האט שוין פון יענעם טאג אונ ווייטער אן גיהויבין צו דיינקען פיל פרימער איבער דעם ענין פון השגחה · אונ עש וואר אלש טאם האט איין גיזעהן וואש ער מאכט זיך אלץ מער בעליבטער ביא זיינעם הערין ווענט אים אן קומען אלץ

שְׁוָוערָער צוּא בֶּעפְרַייֶען זִיךְ וְהָאט עֶר אָן גִיהַייבִּין צוּ דַיינְקֶען אוּנ צוּ דֶער מָאנֶען זִיךְ פוּן דֶער מַאדַאם שֶׁעלְבִּים פַאר שְׁפְּרֶעכִין אִים פַאר זַיין אַוֶועק פָארִין פוּן אִיר דָאשׁ זִיא וֶועט אִים אוּם גִיזַאמְט אוּישׁ קוֹיפִין · עֶר הָאט זִיךְ דֶער מָאנְט דָאשׁ זִיא הָאט-עֶשׁ דַאן גִישְׁוָוארִין בַּייא דֶער בִּיבֶּעל · עֶר הָאט זִיךְ דֶער מָאנְט אָן דִיא לֶעצְטֶע רַייד פוּן דֶעם אִיזַאק שֶׁעלְבִּי אוּנ הָאט זַייא גִיוָואלְט אַזוֹא עֶרְאִינֶערִין (דֶער מָאנֶען) וֶועגִין דֶעם מִיט אַבְּרִיף · אוּנ הָאט אַזוֹא גִיבֶּעטִין דֶער מִיסֶס־אַפֶּעלֶע וָואשׁ וַואר אִים זֵייעֶר גוּט אוּנ אַגְרוֹיסֶע שְׁרַייבֶּערִין · דֶער צוּא נָאךְ אַגְרוֹישֶׁע פַיינְדִין פוּן דֶעם שְׁקְלַאוֶוען שְׁטַאנְד · דָאשׁ זִיא זָאל אִים דִיזִין בְּרִיף שְׁרַייבִּין · אוּנ הָאט עֶשׁ אִים וִוירְקְלִיךְ גֶערִין גִיטָאן · אוּנ הָאט עֶשׁ זֶעלְבְּסְט אַוֶועק גִילֵייגְט אוּיף פָּאצְט · דַאמִיט זַיין הֶער זָאל דֶער פוּן נִיט וִויסִין ·

נוּן וַואר אוּנְזֶער טָאם שׁוֹין מִיט אֵיינֶער הָאפֶענוּנְג רַייכֶער גִיוָוארִין דָאשׁ עֶר וֶועט אַמָאל בֶּעפְרַייט וֶוערִין אי״ה אוּנ פְלֶעגְט אִימֶער גָאט בֶּעטִין דָאשׁ זַיין פֶערְלַאנְג זָאל שׁוֹין אַמָאל מְקוּיָים וֶוערִין · דֶען וָואשׁ נָאךְ אִין דֶער וֶועלְט אִיז לִיבֶּער אַלֶשׁ דִיא פְרַייהַייט אוּנ וַוייבּ אוּנ קִינְדֶער צוּ זֶעהֶן · אוּנ דִיזֶע אֵיידֶעלֶע פֶעטֶערְלִיכֶע הֶערְצֶענְס גֶעפִיהֶל וַוארִין צוּם אוּם גְלִיק בַּייא אִים נָאךְ מֶעהְר אוּיף גִיוֶועקְטֶער אוּנ אוּיף גִירַייצְטֶער דוּרְךְ אַיין קְלֵיינֶעם נֶעגֶער קִינְד וָואשׁ זַיין הֶער אוֹיגוּסְט הָאט עֶשׁ אָקָארְסְט גִיקוֹיפְט · דִיזֶעם קִינְד הָאט גִיהַאט אַיינֶע גְרוֹישֶׁע פָּאדְרַאבִּיעֶנְסְטְווָא (עֶהענְלִיכְקַייט) צוּ זַיינֶע אַקְלֵיינֶע טָאכְטֶער וָואשׁ עֶר הָאט אִיר אַוֶועק גִיוָוארְפִין אִין דֶער הַיים אוּנ וָואשׁ עֶר הָאט אִיר זֵייעֶר גִילִיבְּט וִויא זַיין לֶעבִּין · אוּנ דַאהֶער וֶוען עֶר פְלֶעגְט נוּר אַבְּלִיק צוּ טָאן אוֹיךְ אִיר פְלֶעגְט עֶשׁ אַיין רַייסִין אִין זַיינֶעם הֶערְצֶען · דִיזֶעם קִינְד וַואר גִיקוֹיפְט דָא מֶער צוּם פְלַאזִיר אַלְס צוּם נוּטְצִין · אוּנ וַואר בֶּעהַאנְדִילְט פוּן יֶעדֶערִין וִויא אַיין קְלֵיינֶער אַפֶּע · וֶוער עֶשׁ הָאט גִיוָואלְט הָאט אִיר גֶעצוּפְּט גִיקְנִיפִּין אוּם זִיךְ נוּר צוּ רַייצְן מִיט אִיר אוּנ צוּ לַאכִן · אוּנ דָאשׁ פְלֶעגְט דֶעם אָנְקֶעל טָאם זֵייעֶר קְרַיינְקֶען · דָאשׁ עֶר פְלֶעגְט וֵויינֶען דַארִיבֶּער :

נור

נוּר אָבֶּער אוּם רִיכְטִיגֶער צוּא זָאגִין אִיז דִיזֶע קְלֵיינֶע נֶענֶערִין גִיקוֹיפְט גִיוָוארִין אִין שְׁטוּב אַרַיין פַאר אֵיינֶע פִיל וִויכְטִיגֶערֶע זַאכֶע אַלָס צוּא אֵיינֶעם שְׁפַּאס · זִיא אִיז גִיקוֹיפְט גִיוָוארִין אוּם צוּא מַאכִין מִיט אִיר אֵיינֶע פְּרָאבֶּע נוּר אִיבֶּער דִיא אָן גִיבָּארֶענֶע נַאטִירְלִיכְקֵייטִין אוּנ שְׁפַּאסָאבְּנָאסְצֶען (פֵייהִיגְקֵייטֶען) פוּן דִיא נֶעגֶער דֶען אִין אַפָּאר וָואכִין אַרוּם אַלָס דִיא מִיסְסֶע־אָפֶּעלֶע אִיז אָן גִיקוּמֶען קֵיין נַיֶּיע אַרְלֶעאָנְס צוּא דֶעם אוֹיגוּסְט־סֶען־קְלָאר · אוּנ הָאט גִיזֶעהֶען דִיא טִירַאנֶעשֶׁע בַּאהַאנְדְלוּנְג פוּן דִיא נֶעגֶער · הָאט זִיא זִיךְ אַרַיין גִילָאזִין אִין אַיין זַייעֶר טִיפִין דִיסְפּוּט מִיט אֵיינִיגֶע דַאמֶען וָואשׁ וַוארִין דַאן דָארְט גִילַאדִין צוּא אֵיינֶעם אָווֶענְד · אִיבֶּער דִיזִין אוּם רֶעכְט יֶענֶע הָאבִּין גִיזָאגְט דָאשׁ דִיא נֶעגֶער זַיינֶען בֶּעסֶערְס נִיט וֶוערְט · דֶען זַייא זַיינֶען גָאר קֵיין מֶענְשִׁין · הָאבִּין אִין זִיךְ קֵיין אֵיידֶעלֶע גִיפִילֶע · אוּנ פְּשִׁיטָא שׁוֹין קֵיין גִיזוּנְדֶען מֶענְטְשִׁין פַאר שְׁטַאנְדֶען · אוּנ זַיינֶען נוּר אַיין מִיטִיל זַאךְ אָדֶער אַיין מִיטִיל דִינְג צְווִישִׁין אַיין אַפֶּע אוּנ צְווִישִׁין אַיין מֶענְטְשִׁין · אוּנ דַאהֶער זַיינֶען זַייא גְרוֹישֶׁע בַּעֲלֵי תַּאֲוּוֹת שִׁכּוֹרִים · פַאלְשׁ וִויא אֵיינֶע קַאצֶע אוּנ חִיטְרָא וִויא אַטִיגֶער · אוּנ זַיינֶען אַזוֹ גֶעשַׁאפֶען גִיוָוארִין צוּא זַיין נוּר שְׁקְלַאוֶוען · אוּנ דַאהֶער זַיינֶען זַייא גִיבָּארִין שְׁוַוארְץ אוּנ מִיט קוּרְצֶע הָאר דַאמִיט זַייא זָאלִין זִיךְ נִיט דַארְפִין פוּצִין · זַיינֶען שְׁטַארְק אוּנ הוֹיךְ דַאמִיט זַייא זָאלִין קֶענֶען טָאן דִיא שְׁוֶוערְסְטֶע אַרְבֶּעט :

אוּנ זִיא דִיא מִיסְס־אַפֶּעלֶע הָאט בַּאהוֹיפְּטֶעט (הָאט פֶּעסְט אַרוֹישׁ גִיזָאגְט) גַאנְץ פַאר קֶערְט דָאשׁ דִיא נֶעגֶער זַיינֶען דָאשׁ זֶעלְבֶּע וָואשׁ דִיא אַרָאפֵּייעֶר זַיינֶען · זַייא הָאבִּין פַאר שְׁטַאנְד · גֶעפִיהְלֶע · אוּנ שְׁפַּאסָאבְּנָאסְצֶען וִויא דִיא וַוייסֶע · נוּר מֶען דֶער שְׁטִיקְט אִין זַייא דִיזֶע גֶעפִילֶע אוּנ אַלֶע אַנְדֶערֶע מֶענְשְׁלִיכֶע מַעֲלוֹת אִין זַייעֶרֶע קִינְדְהַייט נָאךְ · אוּנ וֶוען מֶען וָואלְט זַייא גֶעבִּין גוּטֶע עֶרְצִיהוּנְג וָואלְט מֶען פוּן זַייא גִיקֶענְט מַאכִין דָאשׁ זֶעלְבִּיגֶע וָואשׁ מֶען מַאכְט פוּן אֵיינֶעם פַארִיזֶער קִינְד · אוּנ הָאט אַזוֹ אָן גִיפִירְט פִילֶע בַּאווייזֶע דֶער צוּא פוּן פִילֶע נֶעגֶער וָואשׁ מֶען הָאט גִימַאכְט

פוּן

פון זייא גרוישע געבילדעטע לייט · אונ אזו ווידער פאר קערט קען גימאכט ווערין פון איין אראפייער אויך איין שקלאווע · אונ איין האלבער ווילדער מענטש וויא איין נעגער · אונ האט זייא גיבראכט פאר איין לעבעדיגין בייא שפיל דיא לייב אייגענע בויערין פון דיא אראפייעשע לענדר · וואש זיינען נאך פיל מעהר פאר גרעבט אלס דיא אפריקאנעשע נעגער · נון איז פון דעם ארוים צו זעהען · דאש אלעס ווענט זיך אן דיא ערציהונג אונ ווייטער ניט · אונ וואש עס איז נוגע צוא דער שווארצע פארבע זייערע · איז זיא ניט ערגער פאר דיא ווייסע פארבע פון דיא אראפייער וואש איז דארט אין אפריקא אויך פאר אכטעט וויא די שווארצע אין אראפא · אונ דאש וואש דיא נעגער זיינען שקלאווין בייא אראפייער · אונ דיא אראפייער זיינען קיינע שקלאווין בייא דיא נעגער· איז עס נור יאוויל די נעגער זיינען מער איזראטנע צו דער ארבעט אלס דיא שוואכע אראפייער.· נון איז עס גראדע מעהר מעלה אלס חסרון · נון וואר דאש ענדע פון דיזעם דיכפוט דאש דער הער אויגוסט-סען-קלער האט פאר שפראכין דער מיסס-אפעלע צוא קויפין איר אקליינע נעגערין אונ ארונטער געבין אונטער איר אפיעקע · דאש הייסט דאש זיא זאל איר ערציהען אונ מדריך זיין וויא זיא ווינצט אליין אונ זאל ווייזין בפועל · דאש הייסט ווירקליך וואש זיא רעט ארויש מיט איהר צונג · דאש הייסט דיא נעגער זיינען אזו איידיל גיבארין וויא דיא אראפייער · אונ אין איינינע טעג ארום נאך דיזעם דיכפוט · איז דער הער אויגוסט אריין אין צימער פון דער מיסס-אפעלע אונ האט צו איר גיזאגט האלב לאכענדיק · קומט אריין צוא מיר אין זאל איר וועט וואש זעהן · איך האב וואש איין גיהאנדילט פאר אייך · דיא מיסס-אפעלע וואש האט זיך אן דיזין דיכפוט שוין האלב פאר געסין · אונ האט גאר ניט גידיינקט דאש דער אויגוסט זאל ווירקליך האלטין ווארט האט אים גיפרעגט מיט דער גרעסטין אונגעדולד וואש ער מיינט דער מיט · „אונ וואש פאר שטייט איר ניט דא„ האט ער איר גיענטפערט · איך האב איינע קליינע נעגערין פון

איאר

אַיאָר אַכְט גִיקוֹיפְט פַאר אַייךְ · אִיר וָועט זָעהֶען אַגוּטֶע שְׁטִיקִיר סְחוֹרָה „אָ וָואשׁ אִיר קֶענְט‚ הָאט זִיא זִיךְ צוּא אִים אָפּ גִירוּפִין · עֶס וַואר דָאךְ נוּר אַיין דִיסְפּוּט אָבֶער דָאךְ קַיין עֶרְנְסְט · אוּנ אִיר לֵייפְט אוּנ קוֹיפְט שׁוֹין אֵיינֶע קְלֵיינֶע נָעגֶערִין · אִיר הָאט עֶס נָאךְ וֵוייניג אִין אַייעֶר הוֹיף פוּן אַייעֶרֶע אֵיינֶענֶע שְׁקְלַאוִוין · דָאשׁ אִיר דַארְפְט נָאךְ קוֹיפְן פוּן מַארְק · עֶס אִיז דָאךְ נִיט אַטְרִיט צוּ טָאן וואז מֶען זָאל נִיט אַרוֹיף טְרֶעטִין אוֹיף אַקְלֵיינֶעם נֶעגֶער אָדֶער קְלֵיינֶע נֶעגֶערִין וִויא אוֹיף קְלֵיינֶע קֶעצְלַאךְ · „אוּנ אִיךְ הָאבּ עֶס גִיטָאן וַוייל אִיךְ וִויל דָאשׁ זִיא זָאל נוּר צוּא אַייךְ אַלֵיין גִיהֶערִין‚ הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט · אוּנ דָאשׁ אִיר זָאגְט פוּן אִיר מַאכְן וָואשׁ אִיר וִוילְט · אוּנ אַזוֹ גָאר מִיט נֶעמֶען אַמָאל צוּא אַייךְ אַהֵיים אוּנ בַּאפְרַייעֶן אִיר · אוּנ זָאל נִיט הָאבִּין קַיין צוּא בּוּנְד צוּא אַפָּאטֶער אוּנ צוּא אַמוּטֶער וָואשׁ קֶענֶען אַייךְ אִין מַאנְכֶע פְּלַאנֶען שְׁטֶערִין · צְוֵוייטִינְס אִיז זִיא מִיר גְלַאט גִיפֶעלִין אוּנ הָאבּ אִיר גִיקוֹיפְט אוֹישׁ רַחֲמָנוּת נוּר · אִיךְ הָאבּ אִיר אָפּ גִיקוֹיפְט בַּייא אֵיינֶעם הָאטֶעלְצִיק וואוּ הִין אִיךְ פְּלֶעג אַרַיין גַיין אָפְט אוּם צוּא שְׁפִּילִין אִין בִּילַארְד · אוּנ הָאבּ אַזוֹ גִיהַאט גִינוּג גִילֶעגֶענְהַייט צוּא זָעהֶען וִויא מֶען פִירְט אִיר דָארְט בָּארְוָועס · נַאקֶעט · הוּנְגֶערִיג אוּנ מֶען שְׁלָאגְט אִיר גָאר אָן רַחֲמָנוּת דָער בַּייא הָאט זִיא מִיר אוֹישׁ גִיוִויזִין עֶפֶּעס פִיל מֶעהְר אַלְס אַנְדֶערֶע קִינְדֶער מִיט אִיהְרֶע לֶעבֶּעדִיגֶע אֵייגְלַאךְ אוּנ קְלוּגִין בַּאנֶעמֶען אוּנ אוֹיךְ מִיט אִיר זִיסֶע שֵׁיינֶע שְׁטִימֶע מִיט וָועלְכֶע זִיא פְּלֶעגְט אַרוֹישׁ צוּא זִינְגֶען אִיהְרֶע קִינְדֶערְשֶׁע לִידֶעלַאךְ · אוּנ הָאבּ אִיר אַזוֹ אָפּ גִיקוֹיפְט בַּייא דֶעם הָאטֶעלְסְצִיק פַאר אַיין שְׁפָּאט גֶעלְד :

אוּנ בֶּאֱמֶת וַואר דִיזֶעם קִינְד אַיין אוֹיסְנַאם עֶפֶּעס · עֶרְשְׁטִינְס וַואר זִיא שְׁוַוארְץ וִויא אַיין שַׁאמֶעט · אִיהְרֶע צְוֵוייא פַייעֶרִיגֶע אֵייגְלַאךְ הָאבִּין גִיבְּלִיצְט וִויא צְוֵוייא פַייעֶרִיגֶע בּוּרְלַאנְטְן · אוּנ הָאבִּין נִיט גִירוּהְט וִויא אַיין אוּמְרוּא אִין אֵיינֶעם זֵייגֶער · אִיר וואוּקְס וַואר גְרַאד אוּנ רוּנְד וִויא פוּן וַואקְס אוֹישׁ גִיגָאסִין · אִיהְר גִיזִיכְט וַואר לַאנְגְלִיךְ אוּנ זֵייעֶר שֵׁיין אוּנ פוּל מִיט מוּטָה אוּנ ווִילְדְהַייט אוּנ

האט

האט ניט געקענט איין שטיין אוויילע אויף איין ארט אונ האט אלץ
באטראכטעט וואש עס איז ארום איר · וויא איינע ווילדע רעבהון
„נוא טאפזי, האט זיך דער אויגוסט אפ גירופין צוא איר · דען
זיא האט אים שוין גיקענט · „טאפזי ווייז מיר אביסיל וואש דוא
קאנסט, זיא האט זיך ניט גילאזט בעטין איין צווייטין מאל אונ
האט אן גיהייבין צוא זינגען מיט איינער טיפין אונ זיסין שטימע
איינע ווילדען נגון (מעראדיע) דאש ער האט איין גידרונגען אין
מארך אונ קנאכין · אונ האט דער בייא אן גיהייבין צוא טאנצין
אונ צוא דרייען זיך · צוא קולין · צוא שפרינגען וויא איינער פון די
קליינע שאטאנען · דאש עס האט אויש גיוויזין דאש איר יעדער
גליד באזונדער האט אין זיך טויזינד גילייניקע · אונ דאש יעדער
גילייניק איז באלעבט מיט טויזינדע גייסטער · דאש דיא מיסס־אפעלע
איז גיבליבין שטיין וויא אהאלץ פון גרויס פאר וואונדערונג. „ווער
זיינען דיינע עלטערין, האט זיא איר גיפרעגט, „איך האב קיינע
עלטערין, האט זיא איר גיענטפערט, „וויא אלט ביזט דוא, האט
זיא איר ווייטער גיפרעגט, „איך וויים ניט, האט זיא איר גענטפערט
נור וויא מען זאגט בין איך אלט אכט יאר · אונ ערסט איין יאר
פיר דאש איך בין אן גיקומען צוא דעם האטעלסציק, „אונ וואו
ווארסט דוא פריהער, האט איר דיא מיסס־אפעלע גיפרעגט, „פריהער
וואר איך בייא איינעם גיוויסין שקלאווען הענדלער וואש האט
גיהאנדילט נור מיט קליינע קינדער, האט זיא איר גיענטפערט ·
ער האט גיהאט אונזערע מעהר אלס צווייא הונדערט אויף איין
מאל · אונ ווען איך בין צוא אים אן גיקומען דאש גידיינק איך
שוין ניט, „אונ וואש וואר דיין טאן בייא דעם האטעלסציק, האט זיא
איר ווייטער גיפרעגט · איך פלעג דארט דער לאנגען דיא געסט
לולקע ציבוק · טייא · קאפע · פלעג מיך ברעכין פאר זייא אונ
טאנצין · דרייען זיך דורך אַרייך · האט זיא איר גיענטפערט · אונ
וויא האט מען דיך דארט גיהאלטין, האט זיא ווייטער גיפרעגט
„זייער שלעכט, האט זיא איר גיענטפערט · מען פלעגט מיך זייער

שטארק

שְׁטַארְק שְׁלָאגִין · אוּנ פִירִין בָּארְוָועס אוּנ נַאקֶעט אוּנ פְרֶעגְ אוֹיךְ הוּנְגֶער לַיידִין ,אוּנ וָוארוּם, הָאט זִיא אִיר גִיפְרֶעגְט ,וַוייל אִיךְ פְלֶעג זֵייעֶר אָפְט נִיט מַאכִין גוּט מַיינֶע קוּנְצִין, הָאט זִיא אִיר גִיעֶנְטְפֶערְט ,נוּא לִיבֶּעס קִינְד, הָאט זִיךְ דִיא מִיסְסְ־אַפֶּעלֶע אָפּ גִירוּפִין צוּ אִיר · אִיךְ גְלוֹיבֶּע דָאשׁ עֶשׁ וֶועט דִיר דָא פִיל בֶּעסֶער זַיין · פְאָרְג נוּר אוּנ גִיהָארְכֶע וֶועט מֶען דִיךְ דָא בַּאהַאנְדְלֶען וִויא אַיין אֵייגֶענֶעס קִינְד : דֶען דָא זַיינֶען נוּר בְּרַאוֶוע לַייט · אוּנ אִיךְ וֶועל דִיר אֵיינֶע גוּטֶע מוּטֶער זַיין · דֶען דוּא בִּיזְט פוּן יֶעצְט אָן נוּר מַיינֶע · נוּן זַייא נוּר בְּרַאוו אוּנ נִיט פַאר שַׁייט :

בַּאלְד נָאךְ דִיזִין קְלֵיינֶעם דַאפְּרָאס · הָאט דִי מִיסְסְ־אַפֶּעלֶע גִיהֵייסִין אִיר אוֹישׁ בַּאדֶען אוּנ אָן טָאן אִיר רֵיינֶע קְלֵיידֶערְלַאךְ · זִיא וַואר אָבֶּער אַזוֹ צוּא קַיילְט אוּנ צוּא בַּיילְט דָאשׁ מֶען הָאט נִיט גִיקֶענְט אַיין הַאנְד צוּא אִיר צוּא לֵייגִין · אוּנ מֶען הָאט אִיר גִימוּזְט נוּר מִיט אֵיינֶער וֵוייכֶע נָאמְקֶע (שְׁוַואם) וַואסִין · אוּנ אַלְשׁ מֶען הָאט אִיר וִויא עֶס אִיז גִירֵיינִיקְט אוּנ אָן גִיצוֹיגִין זוֹיבֶּערֶע קְלֵיידֶער הָאט אִיר דִיא מִיסְסְ־אַפֶּעלֶע אַרַיין גִינוּמֶען צוּא זִיךְ אִין צִימֶער אוּנ הָאט אָן גִיהֵייבִּין צוּא לֶערְנֶען אִיר נֵייעֶן · אַבֶּעט פַאר בֶּעטִין · צוּא וַואשִׁין · צוּא פְלֶעטִין · דֶער נָאךְ אַיין עֶטְוַואס שְׁרַייבִּין רֶעכֶענֶען · דִיא קָאפּ וַואר זֵייעֶר גוּט · זִיא הָאט יֶעדֶע זַאךְ אִיבֶּער גִינוּמֶען זֵייעֶר גִיךְ · זִיא וַואר אָבֶּער זֵייעֶר פוֹיל · צוּא לָאזִין · פַאר דָארְבִּין · אַגְרוֹישֶׁע פֶּעפֶּערְקֶע אוּנ הָאט זִיךְ דֶער צוּא זֵייעֶר אוּם רֵיין גִיהַאלְטִין · נוּן אוּם אִיר פוּן דִיזֶע פֶעלֶערִין אָפּ צוּא הַאלְטִין וַואר שׁוֹין קֵיינֶע וֶוערְטֶער גִינוּג פַאר אִיר · דִיא מִיסְסְ־אַפֶּעלֶע הָאט שׁוֹין גִימוּזְט גִיבְּרוֹיכִין צוּ אִיר פְרִיהֶער רִיטֶער · דֶער נָאךְ אַפַּייצִיל · נָאךְ שְׁפֶּעטֶער · אַפַּאלְקֶע וַוייל עֶס הָאט זִיךְ מִיט דֶער צַייט אוֹישׁ גִיוִויזִין דָאשׁ זִיא הָאט אִין זִיךְ גְרֶעסֶערֶע פֶעלֶערִין · עֶשׁ הָאט זִיךְ אַרוֹישׁ גִיוִויזִין דָאשׁ זִיא אִיז אַגְרוֹישׁ קְלָאטְשֶׁערִין (רְכִילוּת טְרַייבֶּערְקֶע) אֵיינֶע גִישִׁיקְטֶע דִיבִּין (גַאנֶעבְטֶע) · אוּנ דִיא גִינַאנְבֶּעטֶע זַאכִין פְלֶעגְט זִיא אַרַיין וַוארְפִין אִין פַייעֶר אָדֶער אִין וַואסֶער :

אונ

אונ אלם דיא מיסס־אפעלע האט איר גיפרעגט צוא וואש טוט זיא עס · אונ וואש קומט איר ארויש דער פון · האט זיא איר גיענטפערט דאש עש האט איר דאש אויש גלערינט דער האטעלסציק אונ זיינע פרויא · דאש זיא זאל זיך אלץ איין הארכין וואש דיא געסטע ריידין אונ זאל עש זייא אפ דער ציילין · אונ זאל אויך ארויש ציהען פון זייערע קעסינעס זייערע שנופטיכער אונ פארטעמאנעען (בייטעלאך געלט) אונ אלם מען פלעגט איר אן תאפין פלעגין איר דיא הערשאפטין אירע זייער שלאגין דער פאר · ערסטינס דאמיט דיא געסטע זאלין מיינען דאש זיא האט עש גיטאן נור אויש איר איינינעם ווילען · אונ ווידער דאמיט דאש זיא זאל ווייטער מער אסטראזנע זיין · אונ אלם זיא האט איר גיפרעגט „ווארום פאר ברענסטע עש אדער דוא ווארפסט עש אריין אין וואסער„ האט זיא גיענטפערט ווייל איך האב מורא דאש מען וועט עס ביא מיר דער וויסין וועט מען מיך שלאגין · אונ דער נאך ווייטער פאר קויפין וויא עם האט מיך פאר קויפט דער האטעלסציק ווייל עש האבין אויף גיהערט צוא ליב מיר געסטע צוא קומען · נון האט עס גידויערט מעהר אלם איין יאר ביז דיא מיסס־אפעלע האט איר פון דיזע אלע פעלערין אפ גיוואונט · אונ האט אין איר איין גיפלאנצט איין עטוואם נאטעש פורכטי אונ איין עטוואם מוראל (מוסר) · אונ האט מיט דער צייט גימאכט פון איר איינע גישיקטע (פלינקע) קאמער מיידכען · דאך ביז וואנען זיא איז עס גיווארין ווארזיא אין שטוב וויא איין הפקר זאך דאש יעדערער האט מיט איר גימאכט נור שפיטאקער אונ פלעגין איר צו רופין דיא קליינע אפע · די שווארצע קעציל · דיא סעסקע · אונ פלעגין איר צו צופין · צוא רייסין · אונ דאש פלעגט דעם טאמען זייער צוא קריינקען · אינ דיא מיסס־אפעלע פלעגט דער פאר זייער הארט יענע באשטראפין · אונ פלעגט זיך דורך דעם נאך מער שטארקין אום צוא מאכין פון איר אמענטשין נאך איהר גידאנקען · אונ עס האט איר מיט דער צייט דאש זייער געלונגען (געגליקט) דען זיא האט פון איר גימאכט אין

פערלויף

פֶערְלוֹיף פוּן דְרַייא יָאר דִיא בֶּעסְטֶע קַאמֶער סַיידְכֶען פוּן גַאנְץ נַייֶע אָרְלֶעאַנְס׳ דָאשׂ זִיא הָאט גִיקֶענְט דִינֶען בַּייא אַיינֶער קִינִיגִין פַאר אַיינֶע צָאפָּע°) אוּנ וֶוען עֶס וָואלְט זִיךְ דָארְט אִין הויז נִיט גִימַאכְט גְרוֹישֶׂע אוּמֶענְדֶערוּנְגֶען וָואשׂ דוּרְךְ דֶעם הָאט גִיטוּיְט דִיא מִיסְסֶ־ אַפֶּעלֶע אָפּ פֶּארִין פוּן דָארְטִי וָואלְט זִיא פַאר גִיוִויס בַּאוִויזִין דוּרְךְ אִיהְרֶע קְלוּגֶע עֶרְצִיהוּנְג וָואשׂ זִיא וָואלְט עֶרְצִיהֶען דִיא טָאפְּזִי וַייטֶער׳ דָאשׂ זִיא וַואר דִיא גִירֶעכְטֶע אִין יֶענֶעם דִיסְפּוּט׳ דֶען זִיא וָואלְט פוּן אִיר גִימַאכְט פִּיל מֶעהְר אַלְס דֶער רַייכְסְטֶער פְּפְלַאנְצֶער (גוּטְס בַּאזִיצֶער) פוּן זַיינֶע אַייגֶענֶע טֶעכְטֶער׳ נוּן מַיינֶע טַייעֶרֶע לֶעזֶערִין לָאז דִיר דִיזֶע טָאפְּזִי לִיגִין אִין זִינֶען דֶען מִיר וֶועלִין אִיר נָאךְ שְׁפֶּעטֶער גֶעבְּרוֹיכִין צוּא אוּנְזֶער גִישִׁיכְטֶע׳ דֶער וַוייל אָבֶּער וֶועלִין מִיר אוּנְז צוּא וֶוענְדִין אוֹיף אַקְלֵיינֶע צַייט צוּא דֶעם אָרְט וואוּ אוּנְזֶער גִישִׁיכְטֶע הָאט זִיךְ אָן גִיהֵייבִּין אוּנ דָאשׂ אִיז „קֶענְטוּקְקִי„ :

## 6.

דָארְט אִין קֶענְטוּקְקִי אוֹיף דֶעם גַאנֶעק פוּן שֶׁעלְבֶּעס פַּאלַאץ וָואשׂ אִיז גִיוֶוענְדֶעט אִין דֶעם לוּסְט גַארְטִין זַיינֶען זִיךְ גִיזֶעסִין דִיא מַארַאם זַאהְרַא אוּנ אִיר מַאן אַבְּרַאהַאם שֶׁעלְבִּי אִין אֵיינֶעם שֵׁיינֶעם פְּרִיא מָארְגִין בַּייא דֶעם טֵייא טִישׁ׳ עֶר הָאט אִין אֵיינֶער הַאנְט גִיהַאלְטִין אַצִיגַארֶע׳ אוּנ אִין דֶער אַנְדֶערֶע הַאנְט אַבְּרִיף אוּנ הָאט גִילֵייעֶנְט זַייעֶר פַּר טִיפְּטִי אוּנ זִיא הָאט אִים גִיקוּקְט אִינְס גִיזִיכְט אוּנ הָאט גִיוַוארְט מִיט דֶער גְרֶעסְטִין אוּם גִידוּלְד אוּם צוּא הֶערִין וָואשׂ עֶר וֶועט דַארוֹיף זָאגִין׳ אוּנ דַאן אַלְס עֶר וַואר שׁוֹין צוּ עֶנְדֶע מִיט דֶעם לֵייעֶנֶען הָאט עֶר גִיטָאן אַיין טִיפִין זִיפְץ אוּנ הָאט גִיזָאגְט מִיר בְּרוֹיכִין צוּא הָאבִּין פִיל בֶּעסֶערֶע צַייטִין׳ אוּנ זַיין אִין פִיל

גליקליכערע

---

°) דָאשׂ אִיז אַיינֶע גִישִׁיקְטֶע קַאמֶר, יוּנְגְפֶער וָואשׂ פַאר שְׁטֵייט אִיהְרֶע גְרוֹישֶׂע דַאמֶע אָן צוּא טָאן אוּנ צוּא צוּא פּוּצִין נָאךְ דֶער נַייעֶסְטֶע מָאדֶע אוּנ זַייעֶר עֶלֶעגַאנְט וָואשׂ דָאשׂ אִיז אַגְרוֹישֶׂער קוּנְסְט אוּנ גְרוֹישֶׂע גֶעשִׁיקְלִיכְקֵייט׳

גְלִיקְלִיכֶערֶע אוּם שְׁטַאנְדֶע אַלְס אִיצוּנְד אוּם זַיינֶעם וואוּנְץ צוּא עֶרְפִילִין · דֶער וַוייֶלֶע פְרֵייט מִיךְ דָאשׁ עֶס אִיז אִים דָארְט לוֹיבּ גָאט זַייעֶר גוּט · „אוּנ אִיךְ זָאג נַיין, הָאט זִיךְ דִיא פְרוֹיא זַאהְרַא אָפּ גִירוּפִין · אִיךְ וָועל מַיין נֶדֶר מְקַיֵים זַיין · אִיךְ וָוער מַיינֶע צִירוּנְג פַאר קוֹיפִין · אוּנ וֶועל טָאן אַל דָאס מֶעגְלִיכְסְטֶע אוּם נוּר דֶעם טָאם אוֹישׁ צוּא לֵייזִין · אִיךְ הָאבּ אִים גִישְׁוָוארִין בַּייא דֶער בִּיבֶּעל אוּנ וָועל עֶס הַאלְטִין · אִיךְ הָאבּ דֶער צוּא גוּטֶע פְּלֶענֶע אוּנ וֶועל עֶס טָאן · נוּן פַאר שְׁטֵייט זִיךְ פוּן זֶעלְבְּסְט · דָאשׁ דִיזֶער בְּרִיף וַואר עֶס פוּן דֶעם טָאם וָואשׁ עֶס הָאט אִים גִישְׁרִיבִּין דִי מִיכְּס־אַפְּלֶעי אִין וֶועלְכִין עֶשׁ וַואר גִיבֶּעטִין אוּנ דֶער מָאנְט אָן זַיינֶער אוֹישׁ לֵייזוּנְג · נוּן אִיז אִיצוּנְד גִיוָוארִין וֶועגִין דֶעם בַּייא זַייא בֵּיידִין אַשְׁטַארְקֶע אִיבֶּער רֵיידוּנְג · דָאשׁ מֶען הָאט זִיךְ גִיהַאלְטִין שׁוֹין נִיט וַוייט פוּן אַקְרִיג · עֶשׁ אִיז אָבֶּער דֶער צוּא נִיט גִיקוּמֶען וַוייל עֶס אִיז גְרַאד אָן גְגַאנְגֶען דַאן חְלָאיֶע דֶעם טָאמְס פְרוֹיא אוּם צוּא פְרֶעגִין וָואשׁ מֶען זָאל הַיינְט קָאכִין · אוּנ צוּא וֶועלִין זַיין הַיינְט גֶעסְט ·

„גוּט וָואשׁ דוּא בִּיזְט גִיקוּמֶען, הָאט זִיךְ צוּא אִיר דִיא מַאדַאם אָפּ גִירוּפִין · גֶעכְטֶערִין שְׁפֶּעט אִיז מִיר אָן גִיקוּמֶען אַבְּרִיף פוּן דַיין מַאן · אִין וָועלְכִין עֶר גִירִיסְט דִיךְ · דַיינֶע קִינְדֶער · עֶר שְׁרַייבְּט דָאשׁ עֶס אִיז אִים לוֹיבּ גָאט זַייעֶר גוּט · אוּנ בֶּעט דָאךְ אוּם אֵיינֶע עֶרְלֵייזוּנְג · אוּנ הָאט אִיר אַזוֹ פָאר גִילֶעזִין דֶעם בְּרִיף · דֶער אַבְּרַאם וָואשׁ וַואר פוּן דִיזֶער שְׁצֶענֶע זַייעֶר גִירִירְט · דֶען חְלָאיֶע הָאט דֶער בַּייא אַלֶץ דִיא אוֹיגִין גִיוִוישְׁט מִיט אִיר (שִׁירְץ) · הָאט אָפּ גִיטְרָאטִין זַייעֶר פַאר דְרִיכְלִיךְ אוּנ פַאר קִימֶערְט · אוּנ אַלְס עֶר אִיז אַוֶועק הָאט זִיךְ דִי חְלָאיֶע עֶרְכְט רֶעכְט פוּן אֵיינַאנְדֶער גִיוֵויינְט אוּנ הָאט גִיבֶּעטִין דִיא מַאדַאם רַחֲמִים דָאשׁ זִיא זָאל עֶס זֶעהֶען מִיט אַלֶער מֶיגְלִיכְקַייט אִין דֶער וֶועלְט עֶס צוּא טָאן „גוּט, מַיינֶע לִיבֶּע חְלָאיֶע, הָאט אִיר דִיא מַאדַאם גִיעֶנְטְפֶערְט · אִיךְ וִויל עֶס נָאךְ מֶעהְר פַאר דִיר · אוּנ וֶועל עֶשׁ פַאר נִיוּוים טָאן · דֶען אִיךְ וֶועל דֶעם לִיבִּין גָאט נִיט אָן זֶעצִין · אִיךְ הָאבּ עֶשׁ גִישְׁוָוארִין בַּייא דֶער בִּיבֶּעל · אוּנ

ווער

װעל עס הײליג האַלטין · דאָך אָבער װאָס טוט מען, מיט די בײזע צײטין · עס איז זיך פאַר דער האַנט קײן עצה צו געבין אום אַזו פיל געלט · צו באַקומען · איך װיל פאַר קױפין מײנע צירונג · עס װעט אָבער נאָך די העלפטע פון דעם סך זײן װאָס כעו ברױכט צו דעם אױש לײזין · דען װיא ער שרײבט האָט זײן הער באַצאַלט פאַר אים מעהר אַלס דרײטאַלבין טױזינד דאָלער · נוא איך װיל נאָך צו ליב דעם געבין אױך לעקציאָנען אױף מוזיק דאָרט אין דעם מײדכען פענסיאָן · און דאָס װעט אױך נאָך ניט קלעקין · דען מען צאָלט מער ניט װיא דרײסיג טאָלער אַמאָנעט „נוא װען אַזו מאַדאַם, האָט זיך די חלאָיע אָפּ גירופין · װען איר װילין איז אַזו גוט און אַזו אײדיל · נון ערלױבט מיר דאָס איך זאָל אײך נאָך אַפּלאַן דער צו פאָר לײגין · פילײכט װעט עס אײך גיפעלין „מענגסט רײדין, האָט איר די מאַדאַם גיזאָגט · װען נור מעגליך װעל איך אין דעם פאַר גיװיס אײן װילינגין „נון זאָלט איר װיסין„ האָט זיך די חלאָיע אָפּ גירופין · דאָס דער האָטעלסציק קניגא װאָס האַלט דעם האָטעל קאָנטעבּרורע ברױכט צו האָבין אײנע פאַסטעטין בעקערין און װיל צאָלין דער פאַר פינף הונדערט טאָלער יערליך · נון װען זײא װילין קענען זײא מיך אַהין פאַר דינגען · דען װיא איך זעהע אײן ברױכין זײא מיר שון גאַנץ װײניג אין אײער קיך · דען זינד אײערע נאָכבאַרין (שכנים) דאָס הײסט די אַרומיגע פּפלאַנצער זײנען גיװאָר גיװאָרין דאָס איר זײט ניט תקיף אין מעמד האָבין אױף גיהערט שון צו פאָרין צו אײך אין געסט · נון מאַכט מען שון בײא אײך קײנע איבעריגע גיריכטין · דאָס עס איז גאַנץ גינוג פאַר אײך די אונטער קובאַרקע טיזבי נון קענען זײא מיך פאַר דינגען אַהין אױף אַפּאַר יאָר · און די שכירות װעלין זײן צו שטײער אױף דעם פּדיון „דוא האָסט רעכט מײנע ליבע חלאָיע, האָט זיא גיענטפערט · דאָך אָבער האָב איך ניט דעם לב אָפּ צו רײסין דיך פון דײנע קלײנע קינדער װאָס דאַרפין נאָך האָבין דײן השגחה אױף זיך נאָך „מײנע

קינדער„ האט זיא געענטפערט · דארפין שוין מעהר האבין די השגחה פון א פאטער אלם פון איינער מוטער ׃ איך קען אזו מיינע קינדער לאזין אויף אפאר יאר אויף דיא הענט פון דער זעלביגע טיזבי די אונטער קעבין · איך בין דאך איר איינע מומע · זיא וועט עם מיט פריידין איבער נעמען · ווען איר נור הייסין ווערט · דען זיא ליבט מיינע קינדער אזו גלייך וויא זייא וואלטין געוועזן איהרע אייגענע · אונ וועט זייא אויך אזו האלטין אונ ווען זיא קומט אריין צוא מיר אין שטוב פאלט זיא ארויף אויף מיינע דיא קליינע העאצינטע · קוסט איר אונ וויינט אונ זאגט דאש זיא זעהעט אויש ריכטיג וויא איהרע קליינע טאכטעריל וואש זיא האט אמאל גיהאט איידער זיא איז אן גיקומען אהער · וואש מען האט איר גירופין טאפזי אונ וואש מען האט איר פאר קויפט מיט אפאר טעג פריהער צוא איינעם אנדערין אלם מען האט איר זעלבסט צוא אייך פאר קויפט אהער · נון זיא וועט איינע גוטע מוטער צו מיינע קינדער זיין ׃

„פון מיינט וועגין„ האט זיך דיא מאדאם אפ גירופין · איך וועל מיך גיוואונען אויש צוא קומען אן אקעכין וויא דיינע קינדער אן אמוטער · דען מען מוז זיך צוא אלעם גיוואונען ווען מען וויל נור וואש רעכטעם אויש פיהרין · נון גייא אונ באשטעלע דיא טיזבי דאש זיא זאל אריין גיין וואונען אין דיינעם הייזכען · אונ איך וועל דא דער ווייליע פארטיג מאכין אקאנטראקט פאר דיר מיט דעם האטעלמציק · נון איז דיא חלאיע ארויש פון דארט האלב ערפרייט אונ האלב גיקריינקט · דען איר הארץ וואר איין שפיל צוא וויסין מאן אונ קינדער · זיא איז גיגאנגען אונ פון איהרע אויגין האבין גינאסין טייכין וואסער · זיא איז אריין אין איר שטוב אונ האט זיך אן גיהייבין צו צוא קלייבין אין וועג · אונ עם האט זיך בייא איר אין שטוב אפ גיפרישט דיא אלטע שצענע פון איר מאנס שיידין זיך מיט איר אונ מיט דיא קינדער · דען אלע ווייליע איז זיא ארויף גיפאלין אויף איין אנדער קינד · אונ האט אים באנעצט מיט טרערין · אונ באדעקט מיט טויזינדע קוסין · אונ אנטקעגין אזוינד

האט

הָאט זִיא זַייא אִיבֶּער גִיגֶעבִּין צוּא דֶער טִיזְבִּי אִין הַאנְד וִויא אַיין טְרַייעֶר הִירְט גִיט אִיבֶּער זַיינֶע גֶעלִיבְּטֶע הֶערְדֶע (שְׁטַאדֶע) אֵיינֶעם צְוַוייטִין הִירְט · אוּנ אַנְטְקֶעגִין טָאג וַואר זִיא שׁוֹין צוּם רַייזֶע פַארְטִיג אוּנ הָאט זִיךְ אָפּ גִיזֶעגִינְט מִיט אִירֶע קִינְדֶער ,לֶעבְּט וואוֹל מַיינֶע לֶעבֶּעדִיגֶע יְתוֹמִים, הָאט זִיא צוּא זַייא גִיזָאגְט · אִיךְ פַאר קוֹיף מִיךְ צוּא לִיבּ אַייעֶר פָאטֶער · נוּן בֶּעט דֶעם לִיבִּין גָאט דָאשׁ אִיר זָאלְט אוּם גִיזַאמְט אוּנְז בֵּיידִין צוּרִיק הָאבִּין · אוּנ דוּא לִיבֶּע טִיזְבִּי דֶער פַאר וָואשׁ דוּא וֶועסְט מַיינֶע קִינְדֶער הֶערְצִין אוּנ לִיבִּין וֶועסְט דוּא נָאךְ אַמָאל זוֹכֶה זַיין דַיינֶע קְלֵיינֶע טָאפְּזִי צוּא קוּסִין אוּנ צוּא גַאנְצִין אוֹיף דַיינֶע הֶענְד · אוּנ צוּ הַאלְדְזִין · דֶען גָאט בַּאצָאלְט · אוּנ לוֹינְט פַאר יֶעדֶע גוּטֶע פְּעוּלָה · עֶר בְּלַייבְּט קֵיינֶעם נִיט שׁוּלְדִיג :

אוּנ אִיז אַזוֹ אַרוֹישׁ פוּן שְׁטוּבּ מִיט טָאג גְלַייךְ · מִיט אַקְלֵיינֶעם קְלוּמִיק אוֹיף דִיא פְּלֵייצֶעם · אוּנ זַייעֶנְדִיג שׁוֹין בַּייא דֶעם טוֹיעֶר פוּן הוֹיף הָאט זִיא בַּאגֶעגִינְט דֶעם יוּנְגִין שֶׁעלְבִּי דֶעם אִיזַאק · אוּנ הָאט גִיהַאט דָאשׁ גְלִיק צוּא דֶער מָאנֶען אִים אָן זַיין פַאר שְׁפְּרֶעכִין צוּא אִיר מַאן דָאשׁ עֶר זָאל אִים אוֹישׁ לֵייזִין · אוּנ הָאט אִים גִיבֶּעטִין צוּ גְלַייךְ דָאשׁ עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבִּין אוֹיף אִיר עֶלְטֶערִין זוּן · דָאשׁ עֶר זָאל אִים אַיין עֶטְוָואס צוּ וַוייזֶען אִין לֶעזֶען · אִין שְׁרַייבִּין · אוּנ אִין הַדְרָכָה · אוּנ דִיזֶער יוּנְגֶער מַאן הָאט עֶם אִיר זַייעֶר הֶערְצְלִיךְ פַאר שְׁפְּרָאכֶען · אוּנ הָאט אִיר גִיגֶעבִּין אַיין טָאלֶער אוֹיף דֶער רַייזֶע אוּנ הָאט אִיר נָאךְ צוּ גֶעזָאגְט אָפּ צוּ שְׁרַייבִּין בַּאלְד אַבְּרִיף צוּ אִיר מַאן מִיט נַייעֶ פֶערְזִיכֶערוּנְגֶען דָאשׁ עֶר וֶועט בַּאלְד קוּמֶען אוּנ וֶועט אִים אוֹישׁ לֵייזִין · אוּנ דִיא וֶוערְטֶער וַוארִין וִויא אַיין עֶכְטֶער בַּאלְזַאם אִין דִיא וואוּנְדִין פוּן אִיר הַארְצִין :

נוּן מַיינֶע טַייעֶרֶע לֶעזֶערִין קָאמִיר לָאזִין גֵיין דִיא חָוָאיֶע מִיט אַיין צוּא רִישְׁעֶנֶעם גִימִיט אוֹיף אִיהְרֶע נַייעֶ שְׁטֶעלֶע. אוּנ מִיר וֶועלִין אוּנְז צוּא וֶוענְדִין צוּרִיק צוּא אִיר מַאן אוּנ פָאטֶער פוּן אִיהְרֶע קִינְדֶער אָנְקֶעלְטָאם :

אין

7.

אִין וָואשׁ פַאר אַלַאנְגֶע אוֹיךְ דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ גִיפִינְט צוּ אִין פְרֵיידִין צוֹא אִין לֵיידִין · הָאט עֶס אַלְץ נִיט צוֹא דֶער צַייט · דֶען זִיא גֵייט אִימֶער אִיר גִיוואוֹנְלִיכִין גַאנְג · לֵייפְט נִיט צוֹא לִיבּ דֶעם אוּם גְלִיקְלִיכִין אוּנ קְרִיכְט נִיט צוֹא לִיבּ דֶעם גְלִיקְלִיכִין · אוּנ אַזוֹ אוֹיךְ נִיט פַאר קֶערְט וֶוען אוֹיךְ אוּנְז דוּכְט זִיךְ אַזוֹ · אוּנ דֶער זֶעלְבִּיגֶער פַאל וַואר דָא אוֹיךְ מִיט אוּנְזֶערֶ טָאם · עֶס זַיינֶען אִים דָארְט אִיבֶּער גִילָאפִין צְוַוייא יָאר מִיט דֶעם זֶעלְבִּיגִין רֶעכֶענוּנְג פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשִׁין · מַאנְכֶער טָאג פוּן זֵייא וַואר אִים לַאנְג · אוּנ מַאנְכֶער טָאג וַואר אִים קוּרְץ · וִויא עֶשׂ טְרֶעפְט אִימֶער דָא אִין דֶעם מֶענְטְשְׁלִיכִין לֶעבִּינְס רֶעכֶענוּנְג· וָואשׂ וַואר נוֹגֵעַ גִיוֶוען צוֹא זַיין עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען שׁוּכִין אוּנ קְלֵיידִין אוּנ אַזוֹ צוֹא זַיינֶע הֶערְשַׁאפְטְלִיכִין בַּאהַאנְדְלוּנְגֶען קֶען מֶען אֲפִילוּ זָאגִין מִיט רֶעכְט דָאשׂ אֵיין טָאג וַואר גְלַייךְ צוּ דֶעם אַנְדֶערִין · דֶען עֶס אִיז אִים אִין דִיזֶע אַלֶע עִנְיָנִים זֵייעֶר גוּט גִיגַאנְגֶען דָאךְ אִין דִיא עִנְיָנִים וָואשׂ הָאבִּין נוֹגֵעַ גִיוֶוען צוֹא זַיינֶע מְנוּחַת הַנֶפֶשׁ (זֵיילֶען רוּהֶע) וַוארִין דִיא טַאגֶע פוּן דִיזֶע צְוַוייא יָאר זֵייעֶר פֶערְשִׁידִין פַאר אִים · דֶען מַאנְכִין טָאג וַואר עֶר בַּייא זִיךְ גִיוִוים אוּנ פֶעסְט דָאשׂ זַיין הֶער אוֹיגוּסְט וֶועט אִים אַלֵיין אוֹיךְ בַּאפְרַייעֶן · אוּנ וֶוען נִיט וֶועט דִיא מַאדַאם שֶׁעלְבִּי עֶס טָאן דֶען זִיא הָאט דָאךְ גִישְׁוָוארִין אוּנ וַואר דוּרְךְ דֶעם זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דַאן · אוּנ אַמָאל פְלֶעגְט עֶר זִיךְ גַאנְץ מְיָאֵשׁ זַיין דֶער פוּן · וַוייל עֶר פְלֶעגְט זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען וִויא גִישְׁטִיג אוּנ פַאלְשׁ עֶשׂ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אוּנ וִויא אוּם זִיכֶער עֶס אִיז זַיין פַאר שְׁפְּרֶעכִין · אוּנ פְלֶעגְט וֶוערִין דַאן זֵייעֶר בַּאטְרִיבְּט · אוּנ פְלֶעגְט זִיךְ אוֹישׂ צוֹא קוּרִירִין דַאן נוּר דוּרְךְ דֶעם וָואשׂ עֶר פְלֶעגְט צוֹא לֶעזִין דֶעם בִּיבִּיל · אוּנ עֶרְקְוִויקִין זַיין זֵייל דוּרְךְ דֶעם וַוארִין בִּטָחוֹן אָן גָאט :

דֶער גְלִיקְלִיכְשְׁטֶער טָאג פוּן אַלֶע זַיינֶע גְלִיקְלִיכֶע טֶעג אָבֶּער וָואשׂ עֶר הָאט פַאר לֶעבְּט אִין דֶעם הוֹיז פוּן זַיינֶעם נַייעֶם הֶערִין וַואר דֶער טָאג אִין וֶועלְכִין עֶס אִיז אִים אָן גִיקוּמֶען דֶער בְּרִיף

וואש

וָואשׁ דֶער יוּנְגֶער שֶׁעלְבִּי הָאט אִים גִישְׁרִיבִּין · אִין וֶועלְכִין עֶר הָאט מוֹדִיעַ גִיוֶועזֶען פוּן דִיא אַלֶע זַאכִין וָואשׁ מִיר וַויסִין שׁוֹין דֶער פוּן · אוּנ וָואשׁ עֶר הָאט אִין אִים פַאר זִיכֶערְט אִים דָאשׁ עֶר זֶועלְבְּסְט וֶועט קוּמֶען אִין אַפַּאר לוֹיף פוּן אַיין יָאר אָדֶער עֶטְוָואס מֶעהְר אוּנ וֶועט אִים אוֹישׁ לֵייזִין · דִיזִין פְרַיינְדְלִיכִין בְּרִיף פְלֶעגְט דֶער אָנְקֶעלְטָאם אִימֶער צוּא לֶעזִין זֵייעֶר פְלַייסִיג · אוּנ הָאט אִים אַזוֹ גָאר אַיין גִיפַּאסְט אִין אַרַאם אוּנ הָאט אוֹיף גִיהַאנְגֶען אִין זַיין קְלֵיינֶעם צִימֶער אוּנ פְלֶעגְט זִיךְ מִיט אִים צוּא עֶרְקְוִויקִין וִויא נוּר עֶס הָאט אָן גִיהַייבִּין צוּא טְרִיבִּין אִים אִין דֶער זֵייטֶע · אוּנ עֶר וַואר אִים אַזוֹ צוּ פְרֵיידֶע אוּנ צוּא טְרָאסְט בִּיז דִיא צַייט וָואשׁ דִיא קְלֵיינֶע אֵייגֶענֶע וָואשׁ זִיא וַואר דָארְט דִיא גַאנְצֶע שְׁטִיקִיל נֶחָמָה פוּן זַיינֶעם פַאר קִימֶערְטִין לֶעבִּין · דִיא אֵייגֶענֶע וֶועלְכֶע עֶר הָאט גִירַאטִירְט פוּן טוֹיט · אוּנ וָואשׁ הָאט אִים לִיבּ גִיהַאט מֶעהְר אַלְס אִיר אֵייגֶענֶעם פָאטֶער · אוּנ וָואשׁ זִיא פְלֶעגְט אִים אַלֶע טָאג אָפּ פְרִישִׁין דִיא הָאפֶענוּנְג פוּן זַיינֶע בַּאפְרַייאוּנְג · קוּרְץ דֶער פוּן דִיא אֵייגֶענֶע וָואשׁ אִיר הָאט עֶר גִיהַאט צוּא פַאר דַאנְקֶען דֶעם גְרֶעסְטִין טַייל פוּן דִיא גוּטֶע בַּאהַאנְדְלוּנְגֶען פוּן אַלֶעמֶען דָארְט אִין שְׁטוּבּ · הָאט אָן גִיהֵייבִּין צוּא קְרֵיינְקֶען · אוּנ מֶען הָאט גִיזֶעהֶען בְּחוּשׁ וִויא זִיא דַארְט אַיין פוּן טָאג צוּא טָאג · אוּנ הוּסְטֶעט : זִיךְ אוּנְטֶער אִימֶער שְׁטַארְקֶער אוּנ שְׁטַארְקֶער · דִיא מִיסְס־אַפֶּעלֶע וָואשׁ וַואר אַגְרוֹיסֶע קֶענֶערִין אִין דִיזֶע זַאכִין · אוּנ וָואשׁ הָאט פִיל מֶעהְר פַאר שְׁטַאנֶען אַלְס דִיא עֶלְטֶערִין פוּן דִיזֶער מֵיידְכֶען דָאשׁ עֶס הַאלְט מִיט אִיר זֵייעֶר נִיט גוּט · הָאט אִיר אָפּ גִיהַאלְטִין פוּן לֶערְנֶען · אוּנ פְלֶעגְט זֶעהֶען צוּא פַאר שַׁאפִין אִיר אַלֶע פַאר גְענִיגִין אִין דֶער וֶועלְט דָאשׁ זִיא פְלֶעגְט אַרַיין צוּא שִׁיקִין צוּא אִיר זֶעלְבְּסְט אִיר טָאפֶּזֶען דָאשׁ זִיא זָאל פַאר אִיר טַאנְצִין · זִינְגֶען · אוּנ מַאכִין אִיהְרֶע קוּנְצִין · אוּנ אַזוֹ הָאט אִיר פָאטֶער גִיקוֹיפְט פַאר אִיר אַטַייעֶרִין פֶערְדִיל אַקְלֵיינֶעם אוֹיף וֶועלְכִין זִיא פְלֶעגְט אַלֶע טָאג אוֹישׁ רַייטִין אוּנְטֶער דִיא אוֹיף זִיכְט (הַשְׁגָחָה) פוּן דֶעם טָאם וָואשׁ פְלֶעגְט צוּא רַייטִין בַּייא אִיר זַייט ·

אוּנ

אוּנ אַזוֹ הָאט מֶען אִיר פַאר שַׁאפְט נָאךְ אַזֶעלְכֶע אַנְדֶערֶע פַאר גִינִינְגֶענִס וָואשׁ הָאבִּין זֵייעֶר פִּיל גִיוִוירְקְט אוֹיף אִיר אוּנ אִיז גִיוָוארִין דוּרְךְ דֶעם אַסַךְ בֶּעסֶער • אוּנ בָּענַאהֶע גַאנְץ גִיזוּנְד • נוּן הָאט זִיךְ אָבֶּער גִימַאכְט אַסִבָּה • דָען גְרַאד דוּרְךְ דִיזֶע קְלוּגֶע קוּרַאצְיֶע הָאט זִיא זִיךְ צוּא גִיצוֹיגִין נָאךְ אַשְׁוָוערֶערֶע קְרַאנְקַייט אַלְס דִיא עֶרְסְטֶע פוּן וָועלְכֶע זִיא הָאט זִיךְ שׁוֹין בָּענַאהֶע גָאר אוֹישׁ גִיקוּרִירְט • אוּנ אִין דֶעם וַואר שׁוּלְדִיג נוּר אַיין פָארְנֶעהְמֶער גַאסְט :

אִיר פָאטֶערְס אַבְּרוּדֶער וָואשׁ הָאט גִיווֹאוּנְט אַמַייל צְוַואנְצִיג פוּן דָארְט • אִיז גִיקוּמֶען צוּ פָארִין מִיט זַיינֶעם אֵיינְצִיגִין זוּן הֶענְרִיךְ אוּם נוּר צוּ זֶעהֶן וָואשׁ זִיא מַאכְט דָען עֶר הָאט גִיהֶערְט דָאשׁ זִיא אִיז נִיט גִיזוּנְד • אוּנ הָאט זִיךְ זֵייעֶר גִיפְרֵייט דָאשׁ עֶר הָאט זִיא דֶער וִויכְט פִּיל בָּעסֶער • דִיזֶער בֵּן יָחִיד דָאשׁ הֵייסְט דִיזֶער הֵיינְרִיךְ וַואר אַלְט דַאן אַיָאר אַכְטְצֶעהֶן • עֶר וַואר אַיין הִיפְּשֶׁער קֶערִיל שַׁיין פוּן גִישְׁטַאלְט אוּנ שַׁיין גִיוַואקְסִין אוּנ וַואר אַיין נָאגִיל נַייעֶר מָאדֶע מַאן • עֶר אִיז הֶער גִיקוּמֶען נוּר אוֹיף אֵיינִיגֶע טֶעג • אוּנ הָאט מִיט זִיךְ גִיבְּרַאכְט כַּמָה שֶׁעפֶּעטִין זַאכִין • אַטֵייעֶרִין פָאיַאזְד • אוּנ אוֹיךְ אֵיין טֵייעֶרִין אוּנ גִילִיבְּטַ רֵייט פֶערְד מִיט דֶעם גַאנְצִין קָאלִיבֶּער דֶער צוּ • זָאטִיל צוֹים מוּנְד שְׁטִיק אוּנ צַאפְּרָאק אוּנ אַזוֹא אוֹיךְ זַיין גִילַאנְטֶען לַייבּ קְנֶעכְט אַיין יוּנְגֶער מוּלַאט • אַיין שְׁצָאגִיל • עֶר וַואר גִיקְלֵיידֶעט וִויא אַקִינִיגְלִיכֶער בַּאדִינְטֶער • מִיט אַפֶּעדֶער הוּט • מִיט גַאלוֹינֶען • מִיט שְׁפָּארִין אוּנ אַיין שַׁארְף אִיבֶּער דִיא אַקְסְלֶען • דָאשׁ עֶשׁ וַואר אַיין אוֹיגִין לוּסְט צוּ קוּקִין אוֹיף אִים • נוּן פַר שְׁטֵייט זִיךְ דָשׁ דֶער הֵיינְרִיךְ אַלֵיין וָואר אוֹיךְ פַאר פוּצְט אוּנ פֶערְשַׁאמֶערִירְט וִויא אַיין נַייֶע גֶעבַּאקֶענֶער אַרִיכְטַאקְרַאטֶעל (גְרַאפֶעל) וַואר פֶערְלִיבְּט אִין זִיךְ זֶעלְבְּסְט • פְלֶעגְט זִיךְ אַיין קוּקִין זִיבִּין מָאל אוֹיף אַוֵוייֶלֶע אִין שְׁפִּיגִיל • אוּנ פְלֶעגְט צוּ מִישִׁין אִין יֶעדִין גִישְׁפְּרֶעךְ זֶעקְס עֶרְלֵייא שְׁפְּרַאכֶען • דָאשׁ עֶשׁ וַואר אִים נִיט צוּ פַאר שְׁטֵיין בִּפְרַט וֶוען עֶר פְלֶעגְט נָאךְ צוּ רֵיידִין מִיט אַהַאנְד וֶוערְקֶער • אַשְׁנֵיידֶער אַשׁוּסְטֶער :

נוּן דִיזֶער יוּנְגֶער מַאן וָואשׁ הָאט זִיךְ גִיוָואלְט לָאזִין וַוייזִין

מִיט

מיט זיינעם גרוישין פראכט אין דיא גאסין פון נייע ארלעאנס · האט ער איין גילאדין דיא אייגענען אויף אשפאצירין רייטין מיט אים אין דעם פארק (רוכט וואלד) וואש איז אקליינעם האלב מייל אונטערין שטאט · אונ וואש דארט איז צו זעהען דעם גרעסטין אדעל פון נייע ארלעאנס׳ וויל דארט איז דער נייע מאדישע שפאציר וואלד · נון פאר שטייט זיך פון זעלבסט דאש ער אונ זיין פערד וארין צו גיקליבין אונ צו גיפוצט אין העכסטין גראד · אונ אזו אויך זיין רייט קנעכט דער יונגער מולאט פראנציסקע · וויא מיר האבין אים שוין פריער באשריבין · אונ ניט וויניגער פאר זייא ביידן ווארין צוא גיקליבין אויך דיא אייגענע מיט איר פערדעלע אונ מיט איר נאך דייטענדען טאם · עש האט דיא גאס אויף גיקאכט דורך וועלכע זייא האבין דורך גיריטין · דען נאך האט דיא שטאט ארלעאנס אזוא שיינעם נאך ניט גיזעהן׳ העגריכס פערד האט דארט אויש גיוויזין · דעם גאנצין שטאלץ מיט דעם גאנצין פראכט · אונ אלע שטיקליך וואש ער האט גיקאנט · אלע זיינע קונצין · אווייליע האט ער זיך גישטעלט דובאמ׳ אווייליע האט ער גיטאנצט · אונ אווייליע האט ער גישארט מיט דעם פוס דיא ערד וואש ער האט זיא גיוואלט ווירקליך איין שלינגען · עש האבין זיך ארום גישטעלט רעדליך ארום אים׳ אונ האבין בוואונדערט דעם פערד מיט דעם רייטער · דען דער העגריך איז גיזעסין אויף אים וויא איין גרויסער ריצער׳ אונ וואר דאן בייא זיך גיהייבן וויא המן הרשע בשעתו :

אונ עש וואר אלעש ער וואר שוין בייא דער ענדע פון דיזער גלאוונע גאס וואש דארטין ווארין נאך אויך ארום אים גענוג מענטשין וואש האבין אים אלץ בוואונדערט׳ האט זיך צום אום גליק גימאכט דארט איינע אונגעריכטע סבה וואש בייא איינעם אנדערין וואלט עש איבער גיגאנגען זייער שטיל · בייא אים אבער האט זיך גימאכט דער פון אגאנצע צאצקע · עש האט זיך אפ גיריסין אשטרימענע פון זאטיל בשעת ער וואר אין איר זייער שטארק איין גישפארט מיט דער לינקין פוס · אונ איז דורך דעם ארונטער גיפאלין פון פערד

אויף

אויף דעם הוילין זאמד · ער האט זיך צוואר גאר ניט אפ גשלאגין יער
האט זיך אבער זייער פאר שעמט · דען אטייל מענטשין וואש ווארין
דער ביא האבין זיך פון איינאנדער גילאכט · אונ דאש האט אים
זייער פאר דראסין אונ אזו ווייט ערצערינט (אין כעם אריין גיבראכט)
דאש ער איז גיווארין רויט וויא פונק · אונ האט אויש גילאזין כל
חמתו צו זיינעם רייט קנעכט דעם שיינעם מולאטין וואש האט נאך
גיריטין הינטין נאך אים · ער האט אים צו גירופין צו זיך אונ האט
אים אן גיהויבין צו חלאסקין מיט זיינעם רייט בייץ פראמע איבער
זיין גיזיכט אונ אויף ביידע אויערין · גאר אן אויף הערונג ביז
דער רייט קנעכט איז גיווארין שרעקליך פאר בלוטיגט אונ אויך
פאר האלוסעט (פאר טומילט) אונ איז ארונטער גיפאלין פון זיין
פערד אויף דער ערד · אונ ערסט דאן האט זיך אן גיהויבין דיא
רעכטע שלעגעריא · אונ אלש ער האט שוין צו שמיסין אויף אים
דעם רייט בייץ האט ער אים אן גיהויבין צו בריקין מיט דיא פיס ·
אונ צוא שלאגין מיט דיא קולאקעס · אונ דער ארימער טאם וואש
האט נאך גיריטין נאך דער אייגענע האט גימוזט צו האלטין דער
ווילדע זייערע ביידינס פערד · אונ זיינע רויטע, ליפין ווארין גלייך
וויא ביא איינעם טויטין · דען ער האט חעם ערכטין מאל אין זיינעם
לעבין גיזעהען אזו איין שלאגעריא · פיל בלייכער אבער אונ צוא
שראקענער אלש ער וואר דיא קליינע אייגענע · דען זיא האט פון
איר גיבארינע שעה אן ניט גיהערט אונ פשיטא שוין ניט גיזעהן
אזו אמערדעריא וויא איצונד · דער נאך וואר זיא זייער פאר שעמט
אונ זייער גיקריינקט דאש איר קוזין · איר שאפא (דאמענבעגלייטער)
זאל אזעלכע גימיינהייטין ארויש ווייזין פאר אגאנצין פובליקום (עולם)
אונ דיזע קלעמונג ווארין גאנץ גינוג פאר אירע פאפירענע גיזונדהייט
צו מאכין איר צעהען מאל קראנקער אלש זיא וואר פריהער · עש
האט איר באלד פאר קוועטשט אין הערצין; האט באקומען שרעקליכע
שפאזמען · אונ איז גיבליבין באלד אין אונמאכט ·

דא האט איר דער טאם באלד ארויף גיזעצט אויף איין גידונגענע

דדאנסקע אונ האט איר גיבראכט אהיים, קוים אלעבעדיגע · אונ נאך איר האבין זיך נאך גישלעפט דער הענריך · אונ זיין רייט קנעכט ביידע צו פוס האלטענדיג דיא פערד פאר דיא פאוועדין · וויל זייא האבין שוין ביידע גיט גיקענט רייטין · ביי דעם הענריך האט גיפעלט אשטרימענע · אונ ביי דעם רייט קנעכט האט גיפעלט גיזונט · דער צו נאך דיא אויגין · דען זייא ווארין פערלאפין מיט בלוט · אונ האבין אזו ביידע אויש גיזעהן וויא דיא גירייניגטע וואש גייען צוריק פון אשלאכט · דאש עש האט זיך קיינעם ניט גיגלויבט דאס דאש זייען דיא זעלביגע רייטער וואש האבין דא גיריטין מיט עטליכע מינוטין פריער מיט אזו אגלאנץ אונ מיט אזו אפראכט · באלד אבער איז מען פון דער גאנצע גישיכטע גיוואר גיווארין אין דער גאנצע שטאט · אונ מען האט זיך דאריבער זייער זאט אן גילאכט · הוץ ביי אויגוסט אין שטוב וואר וועגין דעם טרויער אויף טרויער · דען ערשטינס איז גיווארין דיא אייגענע דורך דעם גיפערליך קראנק · צווייטענס וואר דיזע געשיכטע זייער שענדליך פאר דעם אויגוסט אונ פאר זיין ברודר · דריטענס האט גיהאלטין דער רייט קנעכט ביי דעם שטארבין · נון הייסט עש איין פובליצנער מארד וואש דער פאר ווערט באשטראפט זעלבשט איין הער פאר זיין קנעכט ·

קורץ דער פון דער יונגער הענריך האט גיהאט דארט גינוג פאר דאש זייניגע אזו פון פאטער · אונ אזו פון דעם פעטער · אונ נאך מער פון דעם שטאט ארצט (דאקטאר) וואש מען האט אים גישיקט פון דער פאליציי באזוכין דעם רייט קנעכט · דיזער ארצט וואר איין בראווער מאן פון דעם פארטייע (צד) וואש האבין זיך בעמיהעט אויש צו קאסירין אין גאנצין דעם שקלאווען שטאנד פון נייע ארלעאנס נאך אין יענער צייט · ער האט אים גיוואלט ארעסטירין · עש האט אבער דער אויגוסט גיגעבן ערבות פאר אים · אונ אויף מארגין איז דער היינריך אפ גיפארין מיט זיינעם פאטער אונ מיט דעם צוא שלאגינעם רייט קנעכט האלב ברונז אונ האלב

סעקרעטנע

סֶעקְרֶעטְנֶע ׳ אוּנ הָאבִּין גִּילָאזִין נָאךְ זִיךְ אַגוּטֶע פַּאמְיָאנְטְקֶע בַּייא דֶעם אוֹיגוּסְט אִין שְׁטוּבּ אוּנ דָאשׁ אִיז אֵיינֶע אוּנ אוֹיסְהֵיילֶענְדֶע קְרַאנְקְהַייט פַאר זַיינֶע אֵיינְצִיגֶע טָאכְטֶער אֵייגֶענֶע׳ אֵיינֶע קְרַאנְקְהַייט וָואשׁ הָאט זִיךְ פֶּערְשְׁלִימֶערְט (פַאר עֶרְגֶערְט) פוּן טָאג צוּ טָאג אַזוֹ וַוייט דָאשׁ דִיא אֵייגֶענֶע הָאט שׁוֹין בַּייא זִיךְ גִּיוואוּסְט אוֹיף קְלָאר דָאשׁ זִיא הָאט נוּר גִּיצֵיילְטֶע טֶעג צוּא זַיין דָא אִין דִיזֶער וֶועלְט ׳ אוּנ הָאט גִּיזֶעהֶען מִיט אַלֶער מִיגְלִיכְקַייט צוּא פַאר בְּרוֹיכִין זַייא נוּר צוּם גוּטִין ׳

זִיא וַואר דַאן צְוֶועלְפְטֶעס יָאר נוּר ׳ אוּנ וַואר אַזוֹ קְלוּג אוּנ פַאר שְׁטַאנְדִיג וִויא בַּייא אוּנְז אַמֵיידְכֶען פוּן צְוַואנְצִיג יָאר ׳ דֶען אִין יֶענֶע לֶענְדֶער וֶוערִין דִיא קִינְדֶער פִיל גִיכֶער צֵייטִיג (רַייף) אַלְס בַּייא אוּנְז אִין אֵירָאפָּא אוּנ בִּפְרַט נָאךְ דִי מֵיידְכֶען ׳ אוּנ הָאבִּין דַאהֶער אוֹיךְ פְרִיעֶר חֲתוּנָה ׳ עֶשׁ אִיז דָארְט זֵייעֶר גִיוואוֹינְלִיךְ צוּא זֶעהֶען גְרוֹישֶׁע וִוירְטִינֶען פוּן דְרַייצֶעהֶן יָאר וָואשׁ רֶעגִירִין מִיט גְרוֹיס חָכְמָה אוּנ גְרוֹישׁ אַקָאנָאמִי זֵייעֶרֶע גְרוֹישֶׁע אוּנ רַייכֶע וִוירְשַׁאפְטִין ׳ דָאשׁ אוּנְזֶערֶע בַּייעֶע אָן גִיקוּמֶענֶע אֵירָאפֵּייעֶשֶׁע דַאמֶען וָואשׁ זַייעֶן שׁוֹין צְוַוייא מָאל אַזוֹ אַלְט וִויא זַייא׳ קֶענֶען זִיךְ נִיט גִינוּג אָפּ וואוּנְדֶערִין דַארִיבֶּער ׳ נוּן אַזוֹ אַמֵיידְכֶען וַואר אוֹיךְ דִיזֶע אֵייגֶענֶע ׳ זִיא וַואר שׁוֹין אַמֶענְטְשׁ מִיט אַפָּאלְנֶעם פַאר שְׁטַאנְד ׳ אוּנ הָאט דִיא וֶועלְט פַאר שְׁטַאנֶען נִיט נָאךְ אִירֶע יָארִין נָאךְ ׳ דֶעד צוּ וַואר זִיא פוּן נַאטוּר זֵייעֶר גוּט ׳ פְרוּם ׳ אוּנ אִיבֶּער הוֹיפְּט זֵייעֶר מֶענְשִׁין פְרַיינְדְלִיךְ ׳ פוּן אַלֶע בֶּעדִינְטִין אוּנ פוּן אַלֶע הוֹיז לַייטִין וָואשׁ וַוארִין בַּייא אִיר פָאטֶער אִין שְׁטוּבּ ׳ הָאט זִיא גִילִיבְּט אוּנ גִישֶׁעצְט נוּר דֶעם טָאם ׳ דֶען זִיא וַואר אוֹיךְ אֵיינֶע גְרוֹישֶׁע מֶענְשִׁין קֶענֶערִין׳ אוּנ הָאט אַזוֹ זֵייעֶר גוּט גִיוואוּסְט וָואשׁ פַאר אַיין בְּרַאוֶוער פְרוּמֶער אוּנ קְלוּגֶער מַאן דֶער טָאם אִיז ׳ אוּנ הָאט אִימֶער גִיזוּכְט גִילֶעגֶענְהַייטִין צוּא טָאן אִים טוֹבוֹת אוּנ גִיפֶעלִיגְקַייטִין ׳ דֶען זִיא הָאט בַּייא זִיךְ גִישְׁפִּירְט דָאשׁ זִיא אִיז נִיט יוֹצֵא גֶעגִין אִים ׳ עֶר וַואר דָאךְ אִיר רֶעטֶער ׳ אוּנ אִיז נָאךְ אַיין שְׁקְלַאוֶוע בַּייא אִיר פָאטֶער ׳ דִיזֶער גִידַאנְקֶען פְלֶעגְט

איר

איר בייגין צוא דער ערד · אונ האט שוין גיוואלט פאר לירין פיל יארין פון איר יוגענד אום נור צו ווערין זייער גיך עלטער דאש זיא זאל האבין שוין דאש רעכט צו בעפרייען אים · אונ דאהער אלם זיא איז גיווארין קראנק וואר דער טאם איר ערינסטערער וועכטער · אונ איר גיזעליגשאפטער מיט וועלכין זיא פלעגט איר אונגישלאפינע נעכט צו ברייגגען׳ ער פלעגט זיצין לעבין איר אונ פאר לעזין איר מאנכע שטערין פון דער ביבעל · אונ אפט אויך מאנכע גיבעטע (תפלות) ווידוים וואש פאסין פאר איינע שטערבענדע ,א ! מיין ליבער טאם פלעגט זיא אים אימער צו זאגין, דוא האשט מיך איין מאל פון טויט ארויש גיפירט · נון פיהרע מיך צוריק צו אים אריין · איך וויל שטארבין אויף דיינע הענט · א עש טוט מיך לייד וואש איך לעב ניט לייגגער אום דיך צו בעפרייען · דאך האפע איך וואש איך האב ניט גיקענט באווייזין מיט מיינעם לעבין וועט איך עש בעווייזין מיט מיינעם שטארבין · צו ליב דיר זאלין אלע שקלאווין בעפרייט ווערין פון מיינעם פאטער נאך מיינעם טויט וויא אמאל דיא ראספיאנטין פון ערי מקלט דורך דעם טויט פון דעם כהן גדול · אזעלכע דבורים פלעגט זיא זייער אפט מיט אים צו ריידין · אונ ער פלעגט איר אלץ מנחם זיין דאש זיא וועט נאך לעבין אום נור גוטעס צו טאן אויף דיזעם עולם ·

אונ עש וואר אין איין גיוויסין טאג · אין איינעם פריא מארגין וואש האט אן גיטראטין נאך איינער זייער שווערע נאכט · האט זיא גילאזט אריין רופין דיא עלטערין צו זיך אין צימער · זיי זייען אריין גיקומען זייער אום רוהיג · דען ערסטינס האבין זייא גוט גיוואוסט וויא ווייט עס האלט מיט זייער טאכטער · אונ צווייטינס האבין זייא פאר שטאנען דאש איר רופין זייא איז גיוויס ניט פון אקליינינקייט וועגין · דען זייא האבין איר גוט גיקענט דאש זיא וועט זייא ניט בעאונרוהיגין צו ליב אירע קראנקהייט אליין ווייל זיא האט זייא גיהאלטין בכבוד גדול · אונ אלש זייא זייען אריין צוא איר האט זיא גיהייסין אפ טרעטין פון איר בעט דעם טאם ·

דיא טאפזי אונ נאך אנדערע קאמער מיידכען וואש ווארין ארום אירי אונ האט זייא גיבעטין זיצין ארום זיך · אונ אלש זייא ווארין נור אליין מיט איר האט זיא צו זייא אזוא גיזאגט „ליבע עלטערין איך ווערדע מיך שוין ניט לאנג בייא אייך אויף האלטין · מיין רעבענס פאס גייט שוין באלד אויש'דיא דאקטורים ווילין עש שוין מער ניט פראלאנגירין (איין שראצקע געבין) · איך האב גיהאט איינע זייער שרעכטע נאכט · איינע צווייטע אזעלכע וועט מיך שוין אויף דער ערד אויש ציהען · נון איז שוין קיין צייט מער פאר מיר אום אפ צו לייגין מיין בקשה אויף איין אנדער טאג וואש וועט שוין דאכט מיר ניט מייער זיין · אונ וויא מיר דוכט זיך וועט איר עש מיר ניט אפ זאגין ·

„מיר וועלין עש דיר גיווים ערפילין האבין זייא זיך ביידע אפ גירופין, דען מיר פאר שטייען דאש דוא וועשט ניט בעטין אזו איין זאך וואש עש איז ניט אין אונזערע כוחות „אונ האבין דער בייא זייער שטארק גיוויינט, „נון מיין טייערע עלטערין האט זיא זיך אפ גירופין, איך פאר לאנג פון אייך דאש איר זאלט נאך מיינעם טויט בעפרייען אלע אייערע שקלאווען · דען עש איז איינע גרויסע זינדע צו ארבייטין מיט דעם אנדערין אומזיסט · אונ צו בארויבין אים זיינע פרייהייט · זיינע פרויא אונ קינד · אונ צוא שפילין מיט זיינע הערצענס געפילע פיל שלימער אלש מיט דיא געפילע פון איינעם הונט · אונ ווען עש איז אייך שווער עש צו טאן מיט אמאל זאל עש גישעהען ביסליך וויים · פאנגט אן מיט דעם טאם · אונ ענדיגט מיט דער טאפזי · איך האב עש שוין גידארפט פון לאנג אן בעטין · דער שכל אבער קומט אימער צו שפעט · אונ צווייטינס ווארום זאלט איר אייך פאר זינדיגין געגין גאט אונ געגין דיזע ארימע מענטשין צו ליב דעם זינדהאפטען הענריך · דען פאר גיווים וועט ער דאך זיין אייער יורש · איר וועט דאך שוין קיין קינדער האבין מער · אונ דיזעם מערדער קען מען קיינע מענשליכע זיילע אן טרויען · דוא האשט אונזער קינד וואש רעכטעם · אבער צוא גלייך אויך

וואש

וָואשׁ גְרוֹיסֶעס גֶעבֶּעטִין, הָאבִּין זַייא אִיר גִיעֶנְטְפֶערְט · אוּנ דָאךְ וָועלִין מִיר עֶס גֶערְין טָאן · אוּנ וָוען דֶער לִיבֶּער גָאט וָועט דִיךְ דֶער הַאלְטִין בַּייא דֶעם לֶעבִּין וָועשְׂט דוּא עֶס נָאךְ מִיט דַיינֶע אֵייגֶענֶע אוֹיגִין זֶעהֶען · מִיר וָועלִין אָן פַאנְגֶען מִיט דֶעם טָאם אוּנ עֶנְדִין מִיט דֶעם אַדָאקְף וָואשׁ עֶר אִיז אוּנְזֶער קַאמֶער דִינֶער דֶען דִיא טָאפְזִי גִיהֶערְט שׁוֹין נִיט מֶער צוּא אוּנְז · מִיר הָאבִּין אִיר אָפּ גִיגֶעבִּין דֶער מִיסְס־אַפֶּערֶע :

„נוּא גוּט אִיךְ דַאנְקֶע אַייךְ מַיינֶע לִיבֶּע עֶלְטֶערִין · הָאט זִיא זַייא גִיעֶנְטְפֶערְט · נוּן וֶועל אִיךְ פוּן אַייךְ פַאר לַאנְגֶען נָאךְ אַזַאךְ הָאט זִיא וַויטֶער גִיזָאגְט · צְוַואר פִיל קְלֶענֶער אַלֶם דִיא עֶרְשְׁטֶע · דָאךְ אָבֶּער פִיל שְׁמֶערְצְלִיכֶער · אִיךְ פַאר לַאנְג דָאשׁ מֶען זָאל אַרַיין רוּפִין אַלֶע שְׁקְלַאוָוען אוּנ שְׁקְלַאוִוינֶען מִיט זַייעֶרֶע קִינְדֶער · זֶעלְבְּסְט דִיא טָאפְזִי · אִיךְ וִויל מִיךְ מִיט זַייא זֶעגְנֶען · אוּנ לָאזִין זַייא אֵיינֶע אָן דֵיינְקֶען פוּן מִיר דָאשׁ אִיךְ הָאבּ פַאר זַייא דִי פְרַייהַייט אוֹישׁ גִיבֶּעטִין · דֶען אִיךְ בִּין זַייא אַלֶעמֶען גוּט אוּנ אַזוֹ זַייא מִיר אוֹיךְ · וָוען מִיר פָארִין אַרוֹישׁ פוּן אֵיינֶער אַכְסַנְיָא וואוּ מִיר קְוַואטִירִין נוּר אֵיינִיגֶע טֶעג לָאזִין מִיר אַטְיֶעזְנֶע · פְּשִׁיטָא שׁוֹין דַארְפִין מִיר עֶס טָאן בְּשַׁעַת מִיר פָארִין אוֹיף אִימֶער פוּן דִיזֶער וָועלְט וָואשׁ מִיר פַאר בְּרֵיינְגֶען אוֹיף אִיר אוּנְזֶער גַאנְצִין לֶעבִּין · אוּנ זַייעֶר פִיל בַּאמִיהֶעט אוּנְזֶערֶע בַּאדִינְטֶע :

„צְוַואר וָועט אוּנְז דִיזֶע שְׁצֶענֶע זַייעֶר שְׁמֶערְצִין, הָאבִּין אִיר דִיא עֶלְטֶערִין גִיעֶנְטְפֶערְט דָאךְ זָאל עֶס אוֹיךְ גִישֶׁעהֶען · אוּנ זַיינֶען אוֹיף דֶער שְׁטֶעלֶע אַרַיין גִירוּפִין גִיוָוארִין אַלֶע שְׁקְלַאוִוין בִּיז דָאשׁ לֶעצְטֶע קִינְד · אוּנ דִיזֶע אַלֶע הָאבִּין זִיךְ אַרוּם גִישְׁטֶעלְט אִין אַגְרוֹיסִין קְרַייז אַרוּם אִיר בֶּעט · וָועלְכֶעס מֶען הָאט אִין דִיזֶער מִינוּט אַנִידֶער גִישְׁטֶעלְט אִין מִיטִין זַאל · אוּנ דַאן הָאט זִיא צוּא גִירוּפִין דִיא טָאפְזֶען אוּנ הָאט אִיר גִיהַייסִין זִיא זָאל אִיר אָפּ שֶׁערִין אַלֶע אִיהְרֶע גָאלְדֶענֶע לָאקִין (גְרַייזְלַאךְ הָאר) אוּנ הָאט צוּא זַייא דַאן אַזוֹ גִיזָאגְט הֶערְט לִיבֶּע בְּרִידֶער אוּנ שְׁוֶועסְטֶער אִיךְ רוּף אַייךְ מִיט דִיזֶעם לִיבְּלִיכִין

ליבליכין נאמען וייל מיר זיינען אין דער ווירקליכקייט אזו · איין נאט האט אונז אלעמען גליך גישאפען אונ גיבילדעט אין איינער מוטער לייב · אונ האב דאהער גילעבט מיט אייך ברידערליך איך האב אייך מאנכען ליידין פאר שפארטמאנכע שווערע נאקאזענס איך פלעג אייך אין שטילין באדויערין ; איך פלעג מיר ווינצין צוא זעהען אייך אמאל אלם פרייא לייטע · נון איז עם מיר ניט באסערט צוא זעהען אין מיינעם לעבין · דען דער גרוישער גאט רופט מיך אפ צוא זיך · פילייכט איז עם אביסיל צוא פריא · דאך אבער האט מיר דער ליבער גאט פאר גונען אזו פיל צייט · דאש איך זאל פאר מיינעם שיידין זיך פון אייך אויש ווירקין בייא מיינע עלטערין איינע אלגעמיינע (דורכאויסיקע) פרייהייט פאר אייך · זייא ביידע האבין מיר עם פאר שפראכין · נון איז דאש איר זאלט אייערע בעפרייערין קיין מאל ניט פאר געסין · זאלט איר נעמען פון מיר יעדער פון אייך איינע פון מיינע לאקקען · אונ איר קליינע קינדער נעמט יעדערער פון אייך איין שפיל צאצקע פון מיינע טייערע קינדער שפילערייא · אונ גידיינקט פון וועמען איר האט עם באקומען ; אונ ווען איר האט עם באקומען :

קיין אויג איז טרוקין גיבליבין בייא דיזע רייד פון גרויש רירונג אונ פון גרויש דאנק בארקייט · יעדער שקלאווע · שקלאווין אונ יעדער קינדע האט צוא גיטראטין צוא איר בעט · האט זיך גיקניט אונ האט עמפפאנגען (אן גינומען) פון איר די האר לאקע · דיא שפיל צאצקע · מיט איינעם היילינגין שוועער (ציטערין) · יעדער האט איר אקוס גיטאן אין האנד · אונ האט איר צו גיוואונצין אגרינגין טויט · דען אזו איז דארט דיא זיטע · אונ זיינען זיך דער נאך ארויש פון שטוב · אונ דאן האט זיא גיהייסין דעם טאם וואש האט זיך אפ גישטעלט בייא אירדאש ער זאל עפענען אלע שטייגלאך וואש הייננען אין איהר צימער · אונ זאל ארויש לאזין אלע זינג פייגלאך וואש ווארין איין גישפארט אין זייא · לאזן דיזע עלינדען באשעפענעסין פליהען צו איהרע פאמיליען האט זיא גיזאגט · איך

וועל זעהען איין קליינעם בייא שפיל פון באפרייאונג בעפאר איך
וועל שטארבין · אונ וועל האבין דער פון שוין איין פאר געשמאק
פון דיינע אונ פון אייערע אלעמענם באפרייאונג :

טאם האט עס באלד גיטאן · אונ זיא וואר פולער פריידין
דאריבער · דיזע אלע שצענען האבין אבער זייער שטארק גיווירקט
אויף איר גייסט · דען זייא האבין איר שרעקליך אן גיגריפין · אונ
האבין איר גימיט אזו וויט באוואוגין דאש זיא האט דיזין טאג שוין
ניט איבער גילעבט זיא איז געגין אבינד גישטארבין זייער רואיג
אונ פרידליך וויא איינע היילגע · אונ איז גיווארין באוויינט פון
איהרע עלטערין אונ פון אלע הויז לייטע · אונ נאך מעהר פון
דיזעם טאם אונ מיסס־אפעלע זייער פילע טעג · דיא עלטערין
האבין איר באדויערט אלם איינע איינציגע טאכטער · די שקלאווין
אלם איינע באשיצערין · טאם אונ אפעלע אלם איינען גוטין איינגעל ·

8.

אין גאנצין מאנאט וואר גיהאלטין איין פעסטער טרויער
דארט אין הויף · אלע ווארין גיקליידעט שווארץ · עס וואר קיינע
ארבעט גיטאן · נור גיוויינט אונ גיבעטין פאר איר נשמה · אונ
גיטיילט זייער פיל אלמאזען (צדקה) · אונ נאך דעם האט דער הער
סען־קלער זיך גינומען צוא אלע פאר מיילנאכצען וואש גיהערין
צוא דער שקלאוען באפרייאונג · נון פאר שטייט זיך דאש טאם
וואר דער ערשטער אין דעם רייסטער פון יענע שקלאווין וועלכע
ער האט שוין גיוואלט באפרייען · אונ האט שוין אזו גיהייסין
דעם: טאם דאש ער זאל זיך מאכין פארטיג צוא זיינער רייזע אהיים ·
דיזער זיסע באפעהל האט דעם טאם גאר מחיה גיוועזן · עס איז
אים גיווארין טאג אין זיינעם פינסטערין הערצין · אונ האט אזו
גידיינקט אונ גיטרייסט נור דער פון · אונ האט אזו אן גיהייבין שוין
צוא צו קלייבין זיך אין וועג אריין · האט זיך צוא רעכט גימאכט
איין ראיינציל · איין רייזע מאנטיל · גוטע וועג שטיוויל · האט פיל

זאבין

זאבין זיינע פאר קויפט אום צוא האבין אנראסין אויף דער הוצאה · ער וואר שוין פרייא פון אלע ארבעטין · אונ האט זיך שוין צייט גיהאט צוא זארגין נור פאר זיך אליין אונ אזו אויך צוא באזוכין אלע טאג דעם קבר פון דער אייגענע · ער האט פאר פלאנצט אויף אים אבוימעלע צום אייביגין אן דיינקען · אונ האט אזו מיט איינינע טעג פריהער פאר דעם טאג פאר וועלכין ער האט גיזאלט אפ רייזין גינומען שוין אפ שייד פון איר גאר מיט גייע גיוויינן · נוא איז גיקומען אהיים גאר אצובראכענער · עס וואר אים ליב זיינע פרויא אונ קינדער · עס וואר אים אבער אויך זייער שווער זיין שיידין זיך פון איר גרוב · פון זיינעם גוטין הערין · פון דער גוטין מיסס־אפעלע · אונ אזו זעלבסט פון דער מאריע וואש ער האט שוין פאר שטאנען צוא האווירין איהרע לוינען (שגעונות) · קורץ דער פון עס וואר אים שווער זיך צוא שיידין מיט דיא טויטע אונ מיט דיא לעבעדיגע דאש וואר גענין אווינד · אונ האט אזו זייער שווער איין גישלאפין דיזע נאכט וויא איין האלב רייזענדער שוין דעם ראנצעלע צוא קאפין · דעם מאנטעל אונטערין זייט אונ דעם פלאסק פון אויבין :

אין דער זעלבינער נאכט וואר איין קליינער אווינד אדער אקליינער מאל צייט ביוא דעם הערין אויגוסט פאר גוטע פריינד זיינען גיקומען צוא קאנדאלירין (מנחם זיין) אים · נון פאר שטייט זיך דאש די עלטערין האבין זייער פיל גישפראכין פון דער אייגענע · פון איהרע מעלות · פון איהרע מדות · אונ פון איהרע בקשות פאר דעם טויט · דאש מען זאל באפרייען דיא שקלאווען · אונ ווידער האבין זייא דער ציילט פון זיך וויא זייא זיינען עס מקיים :

„נוט„ האט זיך אפ גירופין איינער פון דיא געסטע וואש וואר אגרויסער פיינד פון דיא שקלאווערייא אונ איין גרוישער חכם דער צוא · ווען איר מיינט אין ערינכט אייערע שקלאווען צוא באפרייען וואש דאש קען ניט גישעהען אויף איין מאל ווייל עס מוזין פריהער מאנכע ארבעט גיענדעט ווערין · איז מיין ראט דאש איר

זאלט

לאזט מאכין פריהער פאר אלץ איין צוואה אדער איין טעסטאמענט אין וועלכין איר זאלט שרייבין דאש אין פאל ווען איר וועט שטארבין בעפאר דיא שקלאווען וועלין באקומען זייערע באפרייאונגם דאקומענטין ווערין זייא פרייא דורך אייער טויט אליין :

„אזו אונזיכער זייט איר עם מיט מיינעם לעבין„ האט אים דער הער אויגוסט גיפרעגט · לויב גאט איך בין העכסט גיזונד אונ יונג וואלט איך נור גיהאט אזו פיל שקלאווין וויא פיל איך וואלט קענען באפרייען ביז מיין טויט · אונ האט זיך דער בייא איין גיקוקט אין שפיגיל צוא זעהען צו האט ער ניט באקומען דעם געלין פיבער דאש זיין גאסט רעט מיט אים פון זיין טויט „ניין„ האט זיך דער נאכט צוא אים אפ גירופין · איר זייט גיזונט וויא איך · אבער אויך ניט זיכער פאר דעם טויט וויא איך · ווייל קיין מענטש איז ניט געזיכערט פאר אים · דער טויט וויים ניט פון קיין טערמין · ער האט דאש רעכט איין צוא מאנען זיין שולד פריא אדער שפעט · אונ עם ווערט קיין ווארט דער ביי מיט אים איבר גירעט · „א ליבער פריינד„ האט זיך דער-אויגוסט אפ גירופין ·׳׳ אשיינעם פנים וואלט דיא וועלט גיהאט ווען אלע וואלטין אזו דיינקען פון לעבין אונ שטארבן׳ וויא איר · נון וואר דארט אטיפער שמועות (גישפרעך) וועגין דעם · עש וואר דער ציילט דער בייא דיא גישיכטע פון דעם צעזארם טויט °) · אונ מען איז אוים איין אנדער גיגאנגען ערסט ארום איינס׳ דעם זייגער בייא נאכט :

דיזער

---

°) צעזאר וואש וואר דער קייזער פון רוים האט מיט אנאכט פאר זיינער ערמארדונג זיך אונטר גיהאלטין מיט איינער גיזעלינשאפט בייא זיינעם טיש-איבער דעם ענין פון שטארבין · דאש הייסט וועלכער טויט איז דער בעסטער פאר דעם מענטשין · יעדערער האט גזאגט זיינע מיינונגען דאריבער · אונ ער האט גיזאגט דער בעסטער טויט איז דער אום גיריכטער · אונ אויף מארגין האט מען אים אין דער פריסוטסטווא פלעצליך ערמארדעט :

יוד

דיזער געשפרעך האט געמאכט אשרעקליכן איין דרוק אויף דעם געמיט פון דעם אויגוסט דאש ער האט צוא געבראכט דורך דעם זייער שלעכט דיא אנדערע האלבע נאכט · ער האט נור געשלומערט אונ ניט געשלאפין אונ וואר דער ביא זייער בעאונרוהיגט פון שרעקליכע טרייםע · אונ האט קוים דער לעבט דאש עס זאל ווערין טאג · אונ דאן האט ער אויף געמאכט דיא פענסטער האט אריין געלאזין פרישעם לופט · אונ האט אן געקלונגען מיט דעם גלעקיל אונ עש איז אריין צוא אים זיין קאמער דינער אדאלף איין יונגער מולאט · איין לעבעדיגער יונג „הער אדאלף“ האט ער צוא אים געזאגט · איך ווייס ניט וואש מיט מיר וואר דיזע נאכט · עס וואר מיר וויא איך וואלט געוועזן אין איינער פרעסע געפרעסט · איך וויל מיך אביסיל דורך רייטין.· דיא לופט איז איצונד זייער קיל אונ געזונד · נוא מאך קיין שהיות · זאטיל פאר מיך דעם פוקס (ליסען) · אונ פאר דיך דעם שטריקאטין · איך וויל אביסיל לופט שעפין · אונ דוא וועסט מיך באגלייטין (נאך רייטין) · עס האט ניט געדויערט קיינע האלבע שטונדע אונ דיא ביידע פערד ווארין שוין געזאטילט אונ געצוימט וויא צוא איינער האכצייט „דאך דאש איז צוא פיין פאר איינם טרויעריגען פאטער“ האט זיך אפ גערופין דיא מיסס-אפעלע „וואש האט עש צו געזעהן דורך איר פענסטער“ דיא וועלט וועט אייך בריידן' אונ צו גלייך איז עס אויך איינע זינדע פאר גאט „אונ מיט וואש איז עס איינע זינדע“ האט ער געפרעגט · ווייל דאש זעהעט אוים וויא איין קנעכט וואש לאכט זיך אויש פון דיא פעץ וואש זיין הער האט אים אקארסט געגעבין · אונ פאר דינט דורך דעם נאך איינע גרעסערע שטראפע „אט דאש איז מיט אייך דאש אום גליק“ האט ער זיך צוא איר אפ גערופין · דאש איר מיינט אלץ דאש דער ליבער גאט האט אין זיך אלע מענשליכע קאפריסין · אונ מיינט אים צוא באפרידיגן מיט אייערע אייטעלע צערעמאניען וויא איין שקלאווע זיינעם טיראנעשין באדריקער :

אונ דאש זאנענדיג האט ער זיך ארויף געהאפט אויף זיין

פערד האלב לאבענדיק · אונ האט זיך אוועק נגילאזין איבער דיא ווייטע וויזען וויא איין פייל פון בויגין אונ זיין רייט קנעכט אדאלף נאך אים · אונ דער טאם וואש האט עש צו גיזעהען פון ווייטין אונ גיהערט דיזען גאטלאזען (ניט פרומען) גישפרעך האט אים שרעקליך באדויערט אונ האט אויף אים באלד גילייענט דעם פסוק פון דער ביבעל (תנ״ב) (לשוא הכיתי את בניכם מוסר לא לקחו) דאש הייסט גאט זאגט איך האב מיט דעם גאר ניט פאריכט וואש איך טייטע אייערע קינדער · דען איר בעסערט אייך ניכט · דען דיזער טאם וואר קלאר אין דער איינגעלשע ביביל כמעט ווערטער צוא צייליין · אונ האט גיוואוכט צוא צו פאסין אפסוק צוא יעדער גילעגענהייט · דיזער אויגוסט אונ זיין רייט קנעכט האבין ארויש גירייטין נור אויף אפאר שטונדין · אונ האבין זיך ניט אום גיקערט אויך אין פיר שטונדין · נון איז מען גיווארין אין שטוב איין עטוואש אום רוהיג וועגין דעם · אונ אזו זיינען זיך אוועק נאך אפאר שטונדין אונ זיינען נאך אלץ ניט גיקומען · עס איז שוין גיווארין זייגער איינס צווייא מען ווארט אויף אים מיט מיטאג אונ אויגוסט איז ניט דא · נון וואר מען וועגין זייא העכסט באזארגט · דאך וואר נאך אלץ צוא דיינקען דאש ער איז בייא איינעם נאכבאר (שכן) צוא מיטאג גיבליבין · אונ אלם עס וואר שוין אבער ארום פינפין אונ עס וואר פון אים אלץ נאך ניט צו הערין · איז מען גיווארין העכסט אום רוהיג אונ מען האט שוין ניט גיוואוסט וואש איבער צו טראכטין אונ איבער צוא דיינקען · אונ דיזע זארגע איז גיווארין נאך צעהן מאל גרעסער אלם איין פאליציייסקער האט אריין גיטראגין איינע גידרוקטע אביאוולענע פון דער פאליצייא צוא אלע אביוואטעלעם פון שטאט דאש קיין הער זאל זיינע שקלאווען ניט ארויש לאזין אטריט פון שטוב · דען אין דיזער נאכט זיינען אנטלאפין גיווארין פופציג שקלאוין פון דעם הערין „בוטוועל אראק„ מיט פערד אונ מיט גיוועהר · אונ טוען גרוישע שאדינם אונ גרוישע רציחות ארום שטאט · אונ וויא עס ווייזט אויש האבין זייא זיך שוין צוא זאמען

גילאנצעט

גילאנצעט (מתחבר גיוועהן) מיט דיא בושמענער°) נון זאל שוין יעדערער היטין זיין שקלאווע דאש ער זאל צוא זייא ניט איבער לייפין · אונ אנב ווערט גילאדין (גירופין) יעדער בירגער (אביוואטעל) דאש ער זאל זיך מארגין זייגער פינף שטעלין אויף דעם מילטאנם פלאץ אן גיטאן גאנץ פאסאלדאטצקע מיט שווערד אונ ביקס · דען מען דארף ציהען געגין דיזע באנדע · נון אזו אביאוולענע וואר גיבראכט אויך צוא דעם אויגוסט אין הויזע וואש עס האט זייא אלעמען אין דעם גרעסטין שרעקין פאר זעצט · דען דורך דיזע נייעקייט וואר: מען באזארגט אזו וועגין דעם אויגוסט · אונ אזו

וועגין

°) בושמענער ווערין אן גירופין דיא אנטלאפענע שקלאווען וואש לעבין אין דיא וועלדער גאנצע באנדין (שייקעם) · אין זיד אמעריקא פלעגין צוא זיין באנדין פון זעקס זיבין טויזינט מאן אלע גוט גיוואפינט · זייא פלעגין זיך באזעצין אין דיא טיפסטע ווייטעסטע וועלדער צווישין דיא העכסטע בערג · צווישין זומפין וואו עס וואר גאר אום מעגליך גיוועהן צוא קומען צוא זייא · זייא וואָרין דארט מיט ווייב אונ קינדער · אונ האבין דארט גילעבט אטייל פון עבודת אדמה· אונ אטייל פון יאכט· אונ אטייל פון פיש פאנגען · אונ פלעגין זייער אפט איבער צוא פאלין איבער דיא פלאנטאזין · איבער דערפער · איבער שטעט · דאש מען פלעגט מוזין ציהען אנטקעגין זייא מיט גאנצע ארמייען · דיזע לייטע פלעגין צו האבין אימער געהיימע (סאקרעטנע) קאמוניקאציאנען מיט דיא שטאטיקע שקלאווין · דאש דורך זייא פלעגין זייא שוין צוא וויסין ווען איז אם בעסטין איבער צוא פאלין איבר איין דארף · איבר אפלאנטאזע · אדער איבער אשטאט · אויך וואָרין דיזע מאראנעס דיא גרעסטע גיפט מישער · דען זייא האבין פאר שטאנען צוא זאמלען דעם גיפט פון טויזינדע שלאנגען אונ צוא פאר גיפטין דער מיט דיא קוואלין · דיא ברונימער · אונ דיא אזערעס · עס איז דער פון גאנצע ביכער גישריבין מיט שרעקליכע געשיכטען :

וָוענִין זִיךְ אַלֵיין · דֶען קֵיין אוּם גְלִיק אִיז נִיט גִיוָועֶן דָארְט צוּא פַאר גְלַייכִין צוּא דֶעם אוּם גְלִיק וִויא דֶעם אִיבֶּער פַאלִין פוּן דִיא בּוּשְׁמֶענֶער וָואשׁ פְלֶעגִין דַאן נִיט פַאר שׁוינֶען וָואשׁ נוּר לֶעבְּטִי אוּנ וָואשׁ פְלֶעגִין אַלְם צוּ שְׁטֶערִין דָאשׁ עֶם פְלֶעגְט נוּר בְּלַייבִּין הוילֶע עֶרְד :

דָאךְ דִיזֶער שְׁרֶעקִין פוּן אֵיינֶעם אִיבֶּער פַאלִין פוּן דִי בּוּשְׁמֶענֶר אִיז פַאר שְׁווּאוּנְדִין (אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען) מִיט דִיא נַאכְט צוּא גְלַייךְ · דֶען דִיא בַּאנְדִין (שַׁייקֶעם) הָאבִּין אָפּ גִיצוֹיגִין פוּן שְׁטָאט אוּנ זַייֶנען אַוֶועק מִיט וִוינְט אוּנ מִיט רויךְ אִין זַייעֶרֶע וַוייטֶע וֶועלְדֶער לָאזֶענְדִיק הִינְטֶער זִיךְ אֵיינֶעם בְּלוּטִיגִין אוּנ גְלִיהֶענְדִין שְׁלַאר פוּן מֶענְטְשִׁין מָארְךְ אוּנ פוּן הַייזֶער בְּרַאנְד · אוּנ אַרוּם צְעהֶען דֶעם זֵייגֶער אויף מָארְגִין · הָאט מֶען גִיבְּרַאכְט אויף נַאסִילְקֶעם דֶעם הֶערִין אויגוּסְט אַטוּיטִין · אוּישׁ גִיצוֹיגִין מוּטֶער נַאקֶעט אוּנ דָאשׁ גְלַייכִין זַייֶנעם רַייט קְנֶעכְט אויךְ אַנַאקֶעטִין אוּנ זֵייעֶר שְׁוֶוער גִירַיינֶעט · נוּן מַיינֶע טַייעֶרֶע לֶעזֶערִין קֶענְסְט דוּא שׁוין פוּן זֶעלְבְּסְט פַאר שְׁטֵיין וִויא עֶם וַואר דִיא מַארִיֶע אויגוּסְטֶעם פְרוֹיא צוּם הֶערְצִין · וָואשׁ זִיא הָאט פַאר לָארִין אִין אַזוֹ אַקוּרְצֶע צַייט אִיר טָאכְטֶער אוּנ אִיר מַאן · אוּנ ווִידֶער וִויא עֶם וַואר עֶם צוּא מוּטְה נֶעבֶּעךְ אַלֶע שְׁקְלַאוֶוען וָואשׁ הָאבִּין זִיךְ גִירִיכְט בַּאלְד בַּאפְּרַייעֶט צוּא וֶוערִן · אוּנ יֶעצְט אִיז זֵייעֶר בַּאפְרַייעֶר שׁוין טוּיט · קֵיינֶעם אָבֶער אִיז דִיא זַאךְ אַזוֹ טְרוֹיעֶרִיג גִיוֶועֶן וִויא אוּנזֶער טָאם וָואשׁ וַואר שׁוין אַיין גִיפַּאקְט אוּם אָפּ צוּ רַייזִין · עֶשׁ גֵואר אִים דִיזֶער טָאג פִיל פִינְסְטֶערֶער אַלְם דֶער טָאג פוּן זַיינֶעם שֵׁיידִין זִיךְ מִיט דֶער פַאמִילְיֶע זַיינֶע · אוּנ דַאהֶער וַואר דִיזֶער אויגוּסְט בַּאוויינְט פוּן זַיינֶע אַלֶע הוֹיף לַייטֶע וִויא אַיין הֵייסֶער פָאטֶער · דֶען חוּץ אַלֶע זַאכִין וַואר עֶר זֵייא זֵייעֶר גוּט אוּנ זֵייעֶר פְרַיינְדְלִיךְ · נוּן אִיצוּנְד וֶועלִין זֵייא מוּזִין אַרוּנְטֶער פַאלִין עֶנְטְוֶועדֶער אוּנְטֶער דִיא הֶענְט פוּן דֶער פְרוֹיא וָואשׁ זִיא אִיז אַנְרוּיסֶע שְׁלֶעכְטְץ · אָדֶער אוּנְטֶער דִיא הֶענְט פוּן דֶעם הַיינְרִיךְ וָואשׁ הָאט שׁוין גִיוֵויזִין אֵיינֶע גוּטֶע פְּרָאבֶּע פוּן זַיינֶע טִירַאנְסְטְוֶועֶ אִין דִיא קוּרְצֶע צַייט וָואשׁ עֶר וַואר דָא צוּ גֶעסְט · גִינוּג עֶם וַואר דָא טְרוֹיעֶר אִיבֶּער

טרויער · גיוויין איבר גיוויין · עס וואר נאך ביז אהער דער טויט פון קיינעם הערין אזו אויף ריכטיג בעדויערט אונ בעטרויערט · וויא דער טויט פון דיזעם אויגוסט · דער צוא נאך וואר גימאכט גרוישע שלעדצטוועס איבער זיין טויט · ערשטינס האט מען זייער שטארק דאפראסעוועט זיין רייט קנעכט אדאלף צוא האט ער ניט גיהאט אשטיקיל קאמנעקאציע מיט יענע באנדע · אונ מען האט אים דער ביא ארויש גינומען זיין לעצטע ביכיל גיזונט · צווייטינס האט מען עקזאמענירט זייער שטריינג יענעם גוטין פריינד אדער גאסט וואש האט אים אין דער נאכט פאר זיין טויט גיהייסין מאכין אצוואה · צו האט ער שוין פריהער ניט גיוואוסט פון דיזער גאנצע גישיכטע · עס האט זיך אבער פון דיזע אלע שלעצטוועס גאר ניט אויש גיקאזן · מער ניט דאש דער אויגוסט איז גיבליבין טויט · אונ דאש דיא מיסס־אפעלע אונ טאם האבין עס גיהאלטין פאר איינע גטליכע שטראפע וואש ער האט זיך אונש גיפוצט אין רעכטין טרויער · אונ האבין ווידער גיגלויבט דאש יעדער מענטש האט דייטליכע ווינקע פון גאט איינע שטונדין פאר זיין טויט דאש ער וועט שטארבין וויא דא וואר דער פאל מיט דעם גוטין פריינד וואש ער האט גישפראכין מיט אים מיט אנאכט פארהער דער פון :

## 9.

דער הער אויגוסט איז מקובר גיווארין לעבין זיינע טאכטער · אונ איין שטיין באדעקט זייערע ביידינס קברים · נון לאמיר לאזין זייערע אש אין פרידין רוהען אונ זעהען וואש איז דא גיווארין אין זיין הויז נאך זיין טויט :

דיא ערשטע פיר וואכין נאך זיינער טויט וואר דארט קיינע פאר ענדערונג צוא מערקין · דען עס וואר דארט גיהאלטין זייער שטריינגער טרויער · פיל מעהר אלס נאך דער טאכטער · עס וואר אויך ניט גיארבעט אונ ניט גיהאנדילט · דער נאך האט דיא מאריע ארונטער גינומען דיא גאנצעווירטשאפט אונטער איר

האנט

האַנד · און מען האָט אָן גיהייבן ביסלאַך ווייס-צו שפּירן איהר האַרטן דרוק · און ערסט דאַן האָט מען אָן גיהייבן צוא פֿאַר שטיין וואָס פֿאַר אַבורלאַנט עס וואַר דער מאַן · פֿאַר אַיין קליינעם ביֵיא שפּיל דער פֿון קען דיר מײַנע טייערע לעזערין דינען איר באַגיין זיך אין דעם ערשטין טאָג פֿון איהר העררשאַפֿט מיט איר גיליבטע קאַמער מיידכען „ראָזע„ איינע יונגע שיינע מולאַטקע · זיא האָט איר גידאַרפֿט דאַן דער ווייסין דאָס זיא האָט אָן גימאָסטין איהרע אַזיידענע קלייד און קוקט. אויף זיך אין שפּיגיל · נון האָט זיא איר דער פֿאַר זייער גוט אָן גיפּאַצט · און האָט איר נאָך דער צוא גיגעבין אַצעטיל אין פּאַליציע אַריין. דאָס מען זאָל איר דאָרט געבין פֿינף און צוואַנציג פֿאַר ריטער · דאַ האָט דיזעס מיידכען גיוועגדעט צוא דער מיסס־אַפּעלע און האָט איר גיבעטין דאָס זיא זאָל איר דיזעס מאָל אָפּ בעטין ביֵיא דער דאַמע · דש הייסט ניט שיינקן · דען דאָס וואָלט גיוועזן שוין צוא פֿיל פֿאַר לאַנגט · נור דאָס זיא זאָל ביֵיא איר אויש ווירקן דאָס מען זאָל איר שמייסין בעסער אין דער היים · דען זיא וועט דיזע שאַנדע ניט איבער לעבין · דיא מיסס־אַפּעלע וואָס האָט גיפֿונען איר פֿאַר לאַנגען זייער רעכט און ביליג (מיט אַיושר) איז אַריין צוא דער מאַריע · און האָט עס פֿאַר גישטעלט „אָ צוא פֿיל פֿאַר לאַנגט איר פֿון מיר„ האָט זיא איר גיענטפֿערט · ווען אַזו אַבעסטיע · אַזו אַנידעריגע באַשעפֿענעס קען זאָגין דאָס זיא האָט בושה · נון וואָס וועט שוין פֿאַר אונזער גלייכין בלייבין · אָ ניין · איך האָב שוין גינוג וואונדין אין מיינעם האַרצין פֿון איר · זיא מוז נור אין דער פּאַליצייא גישמיסין ווערין · און בעט אייך אַזו דאָס איר זאָלט מיר פֿון היינט אָן ניט וואַרעם מאַכין דעם קאָפּ מיט אַזעלכע פֿראַזבעס · דען איר קענט זייא ניט · איך האָב חרטה וואָס איך האָב אייך ביז אַהער גיפֿאָלגט אין דיזע ענינים · און דיזעס זאַנענדיק האָט זיא אום גיקערט איר רוקן צוא דער מיסס־אַפּעלע · האָט אַוואונק גיטאָן צוא צווייא שקלאַווין · וואָס זיינען גישטאַנען לעבין פֿענסטער · און האָט גיזאָגט צוא דער

ראזע

ראזין · פילייכט ווייסט דוא ניט דעם וועג אין דיא פאליצייא וועלין זייא דיר עס ווייזין · אונ האבין איר אזו אהין אפ גיפירט · אונ דאש מיידכען האט נאך דעם גיניכוועט צייט זיא האט גילעבט :

„נון דש איז איר ערסטער שלום עליכם„ האט זיך אפ גירופין דער טאם צוא דעם אדאלפען וואש איז קוים צו זיך גיקומען · „דאך אבר צו גלייך אויך דער לעצטער„ האט אים דער אדאלף גיענטפערט דען איך ווייס אויף קלאר דאש עס וועט ווערין אום גיזאמט פאר קויפט דער הויף מיט אלע שקלאווין · זיא וועט נור לאזין פאר זיך איהר קאמער מיידכען אונ איהרע קאמער פרויען · אונ וועט ציהען צוא ריק צוא איהרע עלטערין · דען אזו וויל האבין דעם אויגוסט ברודער וואש ער איז איין האלבער יורש · נון ווייס דער ליבער גאט צוא וועמען מיר וועלין דא אן קומען · צוא אזו אהערין וויא דעם אויגוסט פאר גיווים ניט · דען ער האט ניט אצווייטין :

דיזע קורצע נאכריכט האט דעם אימער רוהיגין אונ גאטש פארכטיגין טאם איין גיבויגין צוא דער ערד · אונ האט ביא זיך גיטראכט „דער ווייסט וואש פאר שרעקליכע פראבען איך וועל נאך דארפין ווייטער אויש שטיין„ א איך וואר שוין אזו נאהענט פון זיכערין האפען נון טרייבט מיך איין נייער שטורעם צוריק אין דעם ווייטין רוישענדין מער · איך האב שוין פאר מיינע אויגין גיזעהען מיין היים · איך האב שוין מיינע ארימס אויש גיצויגין · אום ארום צוא נעמען מיינע ארעמע קינדער · נון מוז איך צוא ריק טרעטין אין דער ווייטע פרעמדע וועלט · דאך מוז מען זיך פריהער פראבירין צוא קען מען זיך ניט ראטירין פון אום גליק בעפאר מען האלט זיך שוין פאר גאנץ גיווים אום גליקליך · איך מוז נאך פריער דיא דאמע אונזערע דער מאנען אן איהר פאר שפרעכין וואש זיא אונ דער הער האבין פאר שפראכין לעבין דעם טויטין בעט פון זייער טאכטער · דאש זייא וועלין אונז באפרייען „אונ דיזעס מוז גישעהען„ האט זיך דער אדאלף אפ גירופין נור דורך די מיסס־אפעלע דען זיא האט זייער פיל צוא זאגין ביא איר :

נון

נון איז אריין מיט איינעם שווער בלארעגנעם הארצין דער טאם צוא דער מיסס-אפעלע אין צימער · ער האט איר דער וויסט פאקענדיק זיך אונ זייער צוא מישט · דען עס וואר גאר ניט לאנג פון דיא פאריגע געשיכטע„ וואש גוטעם ועסטו זאגין טאם„ האט זיא אים גיפרעגט ״קיינע גוטעס מיין טייערע מיסס-אפעלע„ האט ער איר גיענטפערט · איך בין גיקומען נור פרעגין בייא אייך צוא זאל עס ואר זיין וואש איך האב גיהערט · דאש דיזער הויף · דיא פלאנטאזע · אונ דיא שקלאווען ווערין אלע פאר קויפט ״גאנץ גיוויס„ האט זיא אים גיענטפערט · עס איז ערסט היינט דאש גיווארין · אונ איך פאק מיך שוין · דאך ניט צו ליב דעם · נור וייל איך האסע דיא מאריען · אונ וויל שוין דא מעהר קיין טאג פאר זאמען · דען זיא איז גאר איין אום מענש · קיין לייט „נון מיסס-אפעלע„ האט זיך דער טאם צוא איר וייטער אפ גירופין ״וואש דיינקט איר וואש וועט זיין מיט מיר״ „וואש מיט אלעמען„ האט זיא אים גיענטפערט · „ער האט דאך אבער שוין וואש גיטאן פאר זיין טויט וועגין מיינע באפרייאונג„ האט איר דער טאם וייטער גיפרעגט · דאש ער האט מיר שוין גיהייסין צוא קלייבין זיך אין וועג אריין ״אבער נאך ניט גיענדעט„ האט זיא אים גיענטפערט · אונ זעלבסט מיט דער טאפזי בין איך אויך נאך ניט אין ריינעם · דען איך האב נאך קיין פרייע בריף פון אים באקומען פאר איר · עס ואר נור גיזאגט דער ויילע „אונ דאך קען מען אבר מיט איר ריידין דאריבער„ האט טאם צו איר וייטר גיזאגט · דש זיא האט אויך איר טאכטער פאר שפראכין פאר איר טויט דאש זיא זאל אונז באפרייען · זאלין דיא אדער לייטע אזעלכע היילינע פאר שפרעכונגען אויך ניט האלטין ״דאש איז וואש אנדערס„ האט זיא זיך אפ גירופין · נור ניט היינט · דען אקארסט וואש איך ואר בייא איר וועגין דיא ראזין אונ האב ניט אויש גיפירט · נון וועל איך מיט איר ריידין אין אפאר טעג ארום פאר מיין אוועק פארין · דאש הייסט בייא מיינעם זעגנען זיך · פיללייכט וועט עס ווירקין ·

דען

דען על פי רעכט דארף מען אלעמען באפרייען · דען אזו האט דער אויגוסט אויך אלעמען פאר שפראכין · נון איז דער טאם ארויש פון איר האלב צוא פרידין אונ האט עם דער ציילט באלד דעם אראלף וואש האט דער פון פיל וויינינער גיהאלטין אלם דער טאם דען ער האט דיא מאריען צוא גוט גיקענט :

אונ עש וואר אין צווייא דרייא טעג ארום אלש דיא מיסס־אפעלע וואר שוין רייזע פארטיג·איז זיא אריין גיגאנגען צו דער מאדאם מאריע אום צו זעגענן זיך שוין מיט איר·אונ אגב צו ריידין מיט איר וועגין דיא שקלאווען בדרך כלל אונ פון דעם טאם באזונדער · אונ האט אזו גיהאט דאש גליק צו דער ווישין איר אין אגוטין הומאר (ראזפאלאזענע) · זיא האט איר אן גיטראפין ליגענדיג אויף אזאפע · אונ איינע פון אירע קאמער מיידכען וואש מען האט איר גירופין אנא וואש וואר אירע צאפע אדער פוצמאכערין האט אויש גילייגט פאר איר פארשיידענע שטיקער טריקא שווארצע מיט ווייסע ראנדין „גוט וואש איר זייט אריין גיקומען האט זיך דיא מאריע אפ גירופין צו איר, פונקט וויא גירופין · נון וויל איך הערין פון אייך וועלכער דעסין פאסט בעסער פאר מיך אויף אזאלאבנע קלייד „מיר דוכט זיך האט דיא מיסס־אפעלע אפ גירופין, וואש עש איז אלץ טינקעלער פאסט אלץ מער פאר איינע טרויערינדע „דאם איז גירעט פאר איינע אלטע האט זיך אפ גירופין דיא אנא, אבר ניט פאר איוגענד וואש מיינט נאך אין צווייטין מאל צוא לעבין · דאהער מאדאם זאל עש בלייבין אויף מיינע מבינות נעמט נור מיט ווייסע קראפעלקעס · עש טראגין עש אלע גאלאנטע וויטווען (אלמנות) · דיא יענעראלשע סאמרענע טראגט שוין עש צום דריטין מאל · „מיר דוכט דאך אבער דאש איר קענט זייער יוצא זיין מיט דער שווארצע קלייד וואש איר טראגט איצטער האט זיך אפ גירופין דיא מיסס־אפעלע, דען זיא איז אויך ניט שפעטנע אונ קליידעט אייך זייער שיין · „פערשטייט איר מיך האט זיך דיא מאריע־אפ גירופין, איך בין לבד דעם אויך ניט זייער שטארק בעקריד · אונ

איצונד וועל איך נאר אפ פארין פון דאנען אין אפאר חדשים צוא מיינע עלטערן · אונ ביא אונז דארט איז כמעט וויא איין דארף וואש מען קריגט קיין ברעקל גוטע סחורה׳ וויל איך מיר שוין דא צוא רעכט מאכין שיינע עטליכע כלבושים · נוא הלואי זאל מען שוין מער ניט דארפן ווילט זיך מיר מאכן איינע אזאלכנע אויך ארעכץ עפעס ·

די מיסם-אפעלע האט זיך קוים גיקענט אפ ווערין פון לאכין · אונ האט זיך גימאכט נאר ניט וויסענדיג פון דיזע נייעקייט אונ האט איר גיפרעגט „ווען איז עש ביא אייך דיזע נייעם גיבארין גיווארין, · ערסט געסטערין פון אוועגד האט זיא איר גיענטפערט, אונ וואש וועט איר טאן מיט אייערע גיטער · מיט דעם הויף ? דאש מוז איך אלץ פאר קויפין אונ טיילין זיך דאש געלט מיט דעם שוואגער מיינעם „אונ וואש וועט זיין מיט דיא שקלאווען, האט איר דיא מיסם-אפעלע גיפרעגט א דיא שקלאווין וועלין מיר דא באלד פאר קויפין „צו אלע האט זיא איר גיפרעגט, מיינע קאמער מיידכען אונ קאמער פרויען וועל איך מיט זיך נעמען · אונ דיא איבעריגע וועלין גיין אויף דער אוקציאן (ליצעטאציע)„אום גאטעס ווילין האט זיא די מיסם-אפעלע אפ גירופין, פאר געסט אן אייער לייד אבער ניט אן אייער אייד (נדר) איר אונ אייער מאן האט דאך פאר שפראכין אייער טאכטער ביא איר טויטע בעט דאש איר זאלט זייא אלעמען בעפרייען · „הערין זייא מיינע טייערע מיסם-אפעלע האט זיך דיא מאריע אפ גירופין „איר דער מאנט מיך אן אזעלכע זאכין וואש איך וויל עם גערין פאר געסין · רייסט מיר ניט אויף מיינע וואונדין וואש האבין אן גיהייבין שוין איין עטוואס צוא פערנארבען (פערשטרופין) · זאל שוין מיין מאן אונ מיינע טאכטער רוהען אין פרידין איך האב זייא שוין מיינע לעצטע טרערן אויש גיוויינט · לאזט זיך מיך אווייליע פאר געסין אן מיין גזרה איך בין אויך אמענש איך קען נאך איין עטוואס לעבין · נון בלייב איך איינע ביטערע אלמנה · נון איז עש איין אומרעכט צו פאר לאנגען פון איינער אלמנה אזו אגרוישע זאך דאש זיא זאל בעפרייען אלע

אירע

אירע שקלאוועןָ · דיא רייכשטע אלמנה דארף גישווינט ווערין פשיטא
שוין איך וואש איך האב שוין פון מיין נדן שוין זייער פיל פאר
לארין · „נוא ווען אזו מאדאם האט זיך די מיסם־אפעלע אפ גירופין
צו איר„ וויל איך שוין מיט אייך מער ניט ריידין וויא וועגין דעם
טאם אליין · דיזער מאן האט זיך גיוויס פאר דינט געמאכט דאש
איר זאלט אים בעפרייען · ערסטינס האט ער דאך אמאל אייער
קינד גיראטירט · צווייטינס ווייסט איר דאך אונ איך אונ אזו איז
ער באוואוסט אין דיא פריסוטצווע״ם דאש אייער מאן האט שוין
גימאכט אלע פארמיילנאסטען וועגין זיינער בעפרייאונג · עש האט
נור גיפעלט זיין אונטער שריפט · נון האט מיט ליידין מיט דיזעם
בראווען מאן · ער איז אפאטער פון עטליכע קינדער · אמאן פון
אבראווע פרויא · ער איז פון אווייטע לאנד ער ביינקט נאך זייא ·
טוט עש צו ליב אייערע זעליגע טאכטער · ער פרייעט דער מיט
איר יונגע נשמה אין יענעם עולם · דען דאש וואר אימער איר
וואונץ צו מאכין פרייא דיזין ארימען מענטשין :

„וויא איך לעבע האט זיך דיא מאריע אוים גירופין„ איר האט
אייך אן גיזעצט היינט אויף מיך מקצר צו זיין מיין לעבין · ווידער
דיא טאכטער אבער דיא טאכטער„ אונ ביי דיזע ווערטר האט זיא
פאר מאכט דאש גיזיכט מיט איר שנופ טוך אונ האט זיך אזו וויא
פון איינאנדער גיוויינט „ניין איר זאלט פון אזעלכעס ניט פערלאנגן
האט זיא איר גיענטפערט הליפענדיק„ דער טאם קאסט אונז איין
איינגינם אונ בין פון אים אויך אויש גישטאנען גרויסע צרות · איך
האב כמה מאל גיהאט איבער אים שפרעצקעס פון מיינעם מאן ·
פאר וואש איך פלעג אים אמאל דעם פיפעץ אריר טאן · וואש ווילט
איר האבין פון מיר וואש פאר אטובה וועט איר אים טאן · איך
זאג דאש ער איז פיל גליקליכער זייענדיג אשקלאווע אלס איין פרייער
מענטש · איצונד איז ער איין ערליכער מאן · וועט ער ווערין פרייא
וועט ער ווערין איין שכור · איין פוילער · איין ליידיג גייער · איין
בעטלר · ניין מיינע ליבע מיסס־אפעלע עס איז אייך ניט באסערט

וואש

וָואשׁ גְלַייכָעם אוּנ רֶעכְטֶעם אוֹישׁ צוּ בֶּעטִין בַּייא מִיר · אִיר הָאט דֶער צוּא קַיין גְלִיק · אוּנ מִיר טוּט עֶשׁ לַייד דָשׁ אִיךְ דַארְף אַייךְ אָפְּ זָאגִין שׁוֹין דֶעם צְוַוייטִין מָאל · נוּן בֶּעט בַּייא מִיר אַיינֶע דְרִיטֶעם פִּילַייכְט וֶועט מִיט דֶעם דְרִיטִין וָואשׁ בֶּעסֶער גַיין „נוּא וֶוען אַזוֹא בֶּעט אִיךְ אַייךְ וָואשׁ לוֹיט רֶעכְט דַארְף אִיךְ נִיט בֶּעטִין׳ דֶען זִיא אִין שׁוֹין כִּמְעַט וִויא מַיינֶע · אִיךְ בֶּעט דָאשׁ אִיר זָאלְט מִיר מִיט גֶעבִּין דִיא טָאפְּזֶען · דֶען אִיר וַוייסְט דָאךְ דָאשׁ דֶער הֶער הָאט זִיא גִיקוֹיפְט נוּר פַאר מִיר · נוּר צוּם אוּם גְלִיק הָאבּ אִיךְ נִיט בַּייא מִיר אִירֶע פַּאפִּירִין „אוּנ דִיזֶעשׁ קֶען אוֹיךְ נִיט גִישֶׁעהֶען הָאט זִיא אִיר גִיעֶנְטְפֶערְט, וַוייל אִיךְ וֶועל דֶער מִיט אוּפְרַייצֶען דִיא אִיבֶּערִיגֶע שְׁקְלַאוֶוען · זַייא וֶועלִין אָן הֵייבִּין צוּ פְּרָאצֶעזִירִין זִיךְ מִיט מִיר אוּנ זָאגִין דָאשׁ דֶער הֶער הָאט זַייא אוֹיךְ בֶּעפְרַייט · נוּן וֶועט מוּזִין וֶוערִין גִיבְּלֶעטֶערְט אִין דִיא אַקְטִין · אוּנ דָאשׁ לוֹינְט מִיר גָאר נִיט אוּנ בַּייא דִיזֶע וֶוערְטֶער הָאט זִיא אָן גִיהֵייבִּין צוּא שְׁרַייעֶן עֶשׁ אִיז אִיר נִיט גוּט · אוּנ הָאט בַּאקוּמֶען שְׁפַּאזְמֶען דֶער בַּייא · אַזֶעלְכֶע שְׁפַּאזְמֶען וָואשׁ זִיא פְּלֶעגְט זַייא בֶּענוּצִין אַלֶע מָאל וֶוען עֶשׁ פְּרֶעגְט אִיר צוּ קוּמֶען קוּרְץ אִין וֶוערְטֶער בַּייא אַיינֶער אוּנגֶערֶעכְטֶע זַאכֶע · אוּנ דִיא מִיסִם־אַפֶּעלֶע הָאט זִיךְ דֶער ווייַלֶע אַרוֹישׁ גִיחַאפְּט פוּן שְׁטוּבּ אַצוּקָאכְטֶע אַצוּבְּרָאטִינֶע · אוּנ הָאט עֶשׁ דֶעם טָאם דֶער צֵיילְט וָואשׁ עֶר הָאט נֶעבָּאךְ גִיוַואֶרְט לֶעבִּין אִיר טִיר אוּנ הָאט קוֹים אִיבֶּער גִלֶעבְּט דִיזֶע נַאכְרִיכְט :

## 10.

דִיא גִיבִּילְדֶעטֶע נַייֶע מָאדֶעשֶׁע רֶעפּוּבְּלִיקַאנֶעשֶׁע רֶעגִירוּנְג (פְּרַאוּוֶלֶענְיֶע) פוּן נַייֶע אָרְלֶעאַנְס הָאט אוֹיף אִיר שֶׁענְסְטִין פְּלַאץ הַאמִילְטָאן אוֹישׁ גִיבּוֹיט אַיין אוּקְצִיָאן הוֹיז (אַלִיצֶעמַאצְיֶע שְׁטוּבּ) פַאר דִיזֶעם שֶׁענְדְלִיכִין מֶענְטְשִׁין הַאנְדִיל וָואשׁ אִיזְט פִיל שֶׁענֶער אוּנ גְרֶעסֶער אַלֶשׁ דִיא שֶׁענְסְטֶע פַּאלַאצִין פוּן פַּארִיז וָואשׁ אוֹיף זַיין פַּאסַאדֶע (פָאדֶער זַייטֶע) אִיז אוֹישׁ גִילַייגְט מִיט בְּרָאנְזֶענֶע פַּאר

גילדעטע

גיגידעטע בוכשטאבען : דער בלוטיגער טיטול פון אים „שקלאווען האנדיל מאנאזין„ אונ צו גלייך אויש גישטעלט פובליצינע אויף דיא פערגילדעטע גאלעריעס וואש זייען צווישין דיא מארמארנע זיילין פון ביידע זייטן טירי לעבעדינגע פראבקעס פון אלער האנד קאלארין · דאש הייסט רויטע · ברוינע · שווארצע · בראנזאווע מענטשין פון שענסטין קאליבער · מענער · פרויען · קינדער אויש גיפוצט זייער שיין וויא פערד וואש מען פירט ארויש צום מארק צום פערקויף ·

אין דיזעם גמאך אדער שרעקליכין פאלאץ זייען דא זייער פיל גרוישע זאלין וואש דארט ווערט אפ גילייגט דיזע לעבעדיגע סחורה מיט עטליכע וואכין פריער דריא נאפראווקע · דאש הייסט אום צו פאר בעסערין זייא איין עטוואס · דאש זייא זאלין גוט אויש זעהן . דען וויא מיר ווייסין ווערין דיא שקלאווען זייער שלעכט גיהאלטין אויף דיא טראנספארט שיפין אויף וועלכע זייא ווערין גיפירט פון אפריקא נאך אמעריקא · אונ קומען ארויש פון דארט נור הויט אונ ביינער · דא אבער אין דיזעם פאלאץ ווערין זיי דיא עטליכע וואכין זייער גוט גיפיטערט · האבין שוין אנוטין גירעגר · אגיזונטע לופט דער צו ווערט דארט אימער גישפילט אויף דודעס אויף באלעלייקעס אונ פאיאצין מאכין דארט קונצין אונ מאכין לוסטיג דארט דעם נארד · דאמיט זייא זאלין פריילך זיין אונ פאר געסין זיך אן זייער פאטער לאנד · אן זייער היים · אונ אן זייערע פאמיליעס · עש גיפינען זיך דארט על פי רוב מער אלש עטליכע הונדערט מענשין · אונ יעדער טראגט אין הערצין איין אנדערע דאגה · איין אנדער קלאג · דען עש גיפינען זיך אונטער זייא זייער פיל גיבילדעטע יונגע לייט · אונ גיבילדעטע פרויען אונ מיידכן וואש זייערע הערין האבין זייא גילאזט לערנען שרייבין · זינגען · טאנצין · רעכינען · אונ אויך שפראכין · אונ האבן זייא גימאכט פאר קאמער דינער אונ פאר קאמער מיידכען ביי זיך · אונ דער נאך אלש זייער הערשאפטען זייגען גישטארבין אדער גיווארין פאר ארעמט אדער גיווארין אונ צוא פרידין מיט זייא · ווערין זייא אויך אפ גישיקט אין דיזעם אוקציאן

הויז צום פאר קויפין · נון דיזין סארט מענשין איז פיל שלימער אלש דיא פראכטע שקלאווען · דען דיזע זייען דאך שוין גיוואוינט גיווארין צו איידעלע ארבייט אונ צו איין גוטעם עסין · נון מוזין זייא דאך איינינע וואכין פאר לעבין מיט דיא ווילדעסטע נעגער פון אפריקא וואש עש איז זייא קוים אונטער צוא שיידין פון דיא אפען · מענטשין אזעלכע וואש זייער גאנצע שפראכע באשטייט נור אין הונדערט ווערטער ווייל זייא האבין קיין השגה פון קיין אנדער זאך וויא נור פון עסין אונ טרינקען אונ דער נאך ווערין זיי (דיא גיבילדיטע) גאר פאר קויפט פאר פראסטע שקלאווין וואש מוזין ארבייטען אין דיא צוקער פאבריקין · עש איז איין עלינד צו זעהען וויא דיזע גיוועזענע קאכער דינער · בוכהאלטער · גוטע הירורגען (צירולניקעס) גייען זיך נאך דארט אום זייער רייך גיקליידעט · מיט אטייערין ציגארין שפיץ אין מויל · אונ אין דיא טאשין טייערע שנופטיכער · נאך מער פאר אלץ שמערצט צו זעהן וויא מאנכע פון דיזע וואש ווארין גרוישע מעכאניקער ווערן גישטערט אין זייער גישפרעך מיט איין אנדער וועגין אקינצליכע מאשינע וואס זייא האבין ערפונדין מיט זייער שכל · דורך דיא פייטשע (בייטש) פון דעם אויף זעהער · דאש זייא זאלין זיך שוין לייגין שלאפין צו זאמען מיט דיא שמוציגסטע קערלען פון דער וועלט · נון פערשטייט זיך שוין פון זעלבסט וואש פאר אטומיל אונ וואש פאר אגעמיש (צו מישעראייא) דארט איז · אונ בפרט נאך אין דיא זאלין וואו דיא פרויען זייען · עש איז דארט געיאמער איבער געיאמער · דען יעדע בעזונדער קלאגט אונ וויינט דאש מען זאל איר ניט אפ רייסין פון דיא איהריגין · אקינד פון אמוטער · אמוטער פון אקינד ·

נון מיין טייערע לעזערין לוינט זיך דיא מיהע אונז אריין צו טרעטין אויף אווילע אין איינעם פון דיזע ווייבערשע זאלין אונ זעהען איין עטוואס וואש דארט וואר אין דיזעם טאג וואש עם זייען אהין אפ גיפירט גיווארין דיא שקלאווען פון דעם הערין אויגוסט · עש וואר דארטין צו זעהן וויא איינע שיינע יונגעם מיידכען זיצט

אין

אין איינעם ווינקיל צוא גאסין אין וויינען · דען זיא בעקלאגט איר מוטער וואש מען האט איר נעכטין פאר קויפט · ניט ווייט פון איר ליגט איינע אלטע פרויא וואש איז שוין האלב בלינד אונ ברעכט דיא הענט דען זיא איז אין פול שרעק דאש איינער זאל איר ניט קויפין אום נור צו היינגען איר · אונ דארט אין דעם אנדערין ווינקיל איז דאן גילעגין איינע מולאטקע פון איאר עטליכע אונ פערציג גיקליידעט זייער ריין אונ ציכטיג אונ האט זייער שיין אונ איידיל אויש גיזעהן אונ האט צוא גידריקט אירע אטאכטעריל מיט אידע הענט צוא איר ברוסט · דאש מיידכען וואר אלט איאר צוועלף דרייצעהן · דיזעס זיסעם קינד וואר פיל ווייסער אלש דיא מוטער ווייל זיא האט גיהאט אווייסין פאטער · אונ האט אויש גיזעהן וויא דיא מוטער · פון זייערע ביידינס הענט וואר זייער לייכט צוא פאר שטיין דאש זייא האבין קיין שווערע ארבייט גיטאן · דען זייא ווארין ביי איינע גרוישע דאמע איבער דיא גארדעראבע · נון איז זיא גישטארבין האט זייא דער יורש אפ גישיקט אין דער אוקציאן הויז · ביידע ווארין נאך גיקליידעט אין זיידינס · אונ וויינען איינע דיא אנדערע הייסע טרערין אין דיא אויגין ווייל זייא פירכטין זיך דש מען זאל זיי ניט שיידין · אזעלכע שרעקליכע שצענען איז דארט צו זעהן אויף יעדער טריט · קורץ דער פון מען שווימט דארט אין טרערין · אונ יעדער גיסט אויש זיין הארץ אין שטילין פאר דעם פאטער פון אלע מענטשין · וואש קוקט אריין אין דיא טיפסטע פאלבין פון יעדער פאר קלעמטע ברוסט · נוא לאמיר אונז אום קערין צו אונזער גישיכטע ·

אין אוואך אכט ארום נאך דעם טויט פון דעם אויגוסט ווארין אלע שקלאווין זיינע אפ גיפירט גיווארין אין דיזעס הויז אונטער וועלכע עש וואר אויך אונזער טאם · אדאלף אונ דיא קליינע טאפזי דיא מיסס=אפעליע איז שוין לאנג אפ גיפארין · אונ דיא גאנצע גיפעליגקייט וואש זיא האט גיקענט צייגין דעם טאם וואר נור דאס זיא האט נאך אמאל גישריבין אבריף צוא דער מאדאם שעלבי אונ

הָאט אִיר בֶּעקַאנְט גִימַאכְט דִיא שְׁלֶעכְטֶע לַאנְגֶע פוּן דֶעם טָאם · אוּנ וַוייל דִיא שְׁקְלַאוֶוען פוּן דֶעם אויגוּסְט וָוארִין אַלֶע פוּן גוּטִין אוּישׁ זֶעהֶען · דַאהֶער הָאט מֶען זַייא דָארְט נִיט לַאנְג גִיהַאלְטִין · אוּיף דֶעם דְרִיטִין טָאג פוּן זַייעֶר אָן קוּמֶען אַהִין · הָאט מֶען זַייא אַלֶעמֶען אוּנ נָאךְ פִיל אַנְדֶערֶע אוּישׁ גִישְׁטֶעלְט דָארְט אִין זַאל אוּיף אַפְּלַאט פָאר עֶם (גַאלֶערְיֶע) צוּם פַאר קוּיף · דִיא פַאקוּפַאטֶעלֶעם (סוֹחֲרִים) וַוארִין דַאן זַייעֶר פִיל ; זַייעֶן אַלֶע גִיזֶעסִין אוּיף טַייעֶרֶע שְׁטוּלִין · דֶער בַּייא זַייעֶן גִיזֶעסִין דִיא צִינָאוְונִיקֶעם אוּיף אַשַׁייעֶנֶע בִּינֶע וָואשׁ וַואר זַייעֶר שַׁיין גֶעשְׁנִיצְט אוּנ גֶעפָּאלִירְט · נוּן אַזוֹ וַוייט קֶען וֶוערִין דֶער מֶענְשׁ פַאר פִירְט אוּנ פַאר אִירְט דָאשׁ עֶר פּוּצְט אוּישׁ זַיינֶע גְרֶעסְטֶע זִינְדֶע מִיט וֶועלְכֶער עֶר גִיהֶערְט זִיךְ צוּא שֶׁעמֶען אוּנ צוּא בֶּעהַאלְטִין · קוּרְץ דֶער פוּן עֶשׁ הָאט זִיךְ אָן גִיהֵייבִּין דֶער טָארְג אָדֶער דִיא לִיצֶעטַאצְיֶע · יֶעדֶער שְׁקְלַאוֶוע אָדֶער־שְׁקְלַאוִין ׃ וָואשׁ וַואר לִיצֶעטִירְט וואוּרְדֶע אוּישׁ גִיטָאן מוּטֶער נַאקֶעט אוּנ גִירֶעוִוידִירְט פוּן דֶעם קוּיפֶער וִויא אַפֶערְד · דֶער בַּייא וַואר אוּישׁ גִירוּפִין דִיא מַעֲלוֹת פוּן יֶעדֶער שְׁקְלַאוֶוע אוּנ שְׁקְלַאוִין °) יֶעדֶערֶער פוּן זַייא וָואס אִיז גִיוָוארִין פַאר קוּיפְט הָאט מֶען אִים אַרוּנְטֶער גִישְׁטוּיסִין פוּן דֶעם פלאט

°) אוּנ דָאשׁ אִיז דֶער מַיין פוּן דֶעם פָּסוּק אִין תְּהִלִּים ,כִּי שָׁם שְׁאֵלוּנוּ שׁוֹבֵינוּ דִבְרֵי שִׁיר וְתוֹלָלֵינוּ שִׂמְחָה, דָאשׁ הֵייסְט דִיא וָואשׁ הָאבִּין אוּנְז גִיפַאנְגֶען הָאבִּין אוּנְז אוּישׁ גִיפְרֶעגְט צוּא זַייעֶן מִיר נִיט מוּזֶעקַאלֶעם (צוּ פַאר שְׁטַייעֶן מִיר נִיט מוּזִיקֶע) · אוּנ אוּנְזֶערֶע אוּישׁ רוּפֶער · דֶען אִין אַרַאבִּישׁ וֶוערְט אָן גִירוּפִין דֶער וָואזֶגֶע אָדֶער דֶער וָואשׁ לִיצֶעטִירְט דִיא שְׁקְלַאוֶוען ,טֶעלַאל אָדֶער תּוֹלֵל, הָאבִּין זַייא אוּנְז גִיפְרֶעגְט צוּא זַייעֶן מִיר נִיט אַזֶעלְכֶע וָואשׁ קֶענֶען לוּסְטִיג מַאכִין · דַאמִיט זַייא זָאלִין קֶענֶען נֶעמֶען מֶער גֶעלְט פַאר אוּנְז · דֶען דִיזֶע צְוַויא זַאכִין לֶערִינְט מֶען אוּישׁ דָארְט דִיא שְׁקְלַאוֶוען · כמאמרם ,משל לעבד ארבי לסטים · פי׳ עבד המשמח בשיריו

פלאט פארם ארונטער וויא איין זינדענבאק (שעיר עזאזל) · אונטער דעם גילעכטער פון דעם גאנצין פובליקום (עולם) · דער אדאלף וואש וואר נאך אויש גיפוצט אין זיינע טייערע לובעריע (בעדינונגם קליידער) האט גיהאט דאש גליק פאר קויפט צו ווערין צו איינעם יונגין רייכין פפלאנצער פאר איין קאמער דינער · דער טאם אבער איז פערקויפט גיווארין צו איינעם קליינעם דיקין הערין וואש מען האט אים גירופין „סימאן לעגרי„ אונ צו דעם זעלביגין איז פאר קויפט גיווארין דיא טאפזי · אונ אויך דוא שיינע טאכטער דאש דרייצעהן יאריגעם מיידכען וואש מיר האבין איר גיזעהען צו גידריקט צוא דער מוטערש ברוסט דארט אינדעם ווייבער זאל פון דעם אויקציאנם הויז · זיא וואר פון דער מוטער געשיידין · אונ עש וואר דארט געיאמר איבער געיאמער · דאש עש וואהין דער ביא אלע זייער גערירט · דיזר „סימאן לעגרי„ האט דאן איין גיהאנדילט דארט איין רעכטין פעקיל שקלאווין אונ שקלאווינען · דען ער וואר זייער רייך אונ האט דאן גיקויפט ערשט אפאר יאר איינע נייע קאלאניע ·

11·

דיזער „סימאן לעגרי„ האט גימאכט פון זיינער נייע קאלאניע איינע באוועל פלאנטאזע · אונ האט דאהער גיברויכט צו האבין פיל שקלאווען · אונ האט גיוואונט לעבין דעם רויטין שטראם · אונ קוים האט ער זיך מיט זייא ארויף גיזעצט אויף דעם פאראחאד ; האט ער זייא אויש גיוויזין וואש פאר אשלעכטער מענש ער איז · דען ער האט זייא אפ גיצויגין זייערע קליידער · אונ האט אפ גינומען פון זייא אלץ וואש זייא האבין גיהאט ביי זיך · ער האט אויש גיטרייסילט טאמס שעפעטיל · אונ האט אים קוים גילאזין דיא ביבעל ווייל זיא האט אים, ניט גיקענט צוא ניץ קומען ניט פאר זיך אונ ניט צום פאר קויפין · דען דארט אין יענע וויסטע ערטער פאר שטייט זיא קיינער · אונ האט דער ביא אן גיזאגט זיינע שקלאווען · דאש ער איז איין זייער שטראנגער הער · אונ באשטראפט זייער

האר

הארט · ער האט זייא געוויזין זיין קולאק · אונ האט זיך דער בייא בארימט דאש ער האט מיט אים שוין הונדערטע ציינער אויש גישלאגין · אונ דאש מיט אפאץ קען ער איין גיזיכט פאר דרייען · אונ ווידער דאש בייא אים טאר מען ניט קראנק זיין · דען ער האט זיך אויש גירעכינט עם איז פיל גלייכער צוא קויפין איינעם אגיזונטין שקלאוועין אלס איינעם קראנקין אויש צוא קורירין · קורץ דער פון עם וואר אדרשה וואש האט דעם טאם אונ די איבעריגע גיבילדעטע שקלאווין גיציטערט דיא מארך אין דיא קנאכין · אונ אלש עם האט זיך גיענדיגט דיא רייזע צוא וואשער · האט דער סימאן לעגרי גילאזט זיינע שקלאווין צוא זאמען שמידין צו צווייא צו דרייא אונ האט זייא גיפירט מיט אגוטע קאנאווי דורך אוויסטע לאנד צווישין וועלדליך אין שמאלע וועגעלאך וואש זיינען פאר קראכין מיט שלאנגען · מיט פרעשע ביז זייא זייען גיקומען צוא דער פלאנטאזע פון דיזעם סימאן לעגרי · דיזע פלאנטאזע האט אמאל גיהערט צוא איינעם גרוישין שפאנישען איידיל מאן · אונ וואר זייער שוין גיבויט אונ גיפלאנצט · אונ עש וואר אין אים אגרוישער פאראדנער פאלאץ מיט הונדערטע צימערין · מיט טורעמס אונ מיט זיילין · נון אבער איז ער פוסט אונ ווישט · פון כמה וכמה יארין · דיא בויערין אונ דיא קאלאניסטען וואש וואונען דארט ארום · דער ציילין זיך אן פון דיזעם שרעקליכע געשיכטען · אונ זאגין דאש נור צו ליב דעם האט דער שפאנישער איידעל מאן אפ גיצויגען פון דאנען · דאש איז געשעהן (זאגין זייא) דורך איין מארד (רציחה) וואש עש איז דארט דורך אים גישעהען · ער האט דער וויסט אמאל קומענדיג פון יאכט (דער ציילין זייא) איינע אלטע ארימע פרויא ליגענדיק אין פאר הויז פאר דיא טרעפ אויף אביסיל שטרויא וואש דארט איז גילעגין · אונ אלש ער האט איר גיהייסין ארויש גיין אונ זיא האט זיך ניט אזו גיך גירירט האט ער איר גיטאן אבריק מיט זיינעם הארטין שטיוועל אונ האט זיא גיטייטעט · אונ אום ניט צו מאכין לארעם האט ער איר פאר שארט אין איין פאטעיעמניק

דאר

דארט · און פון יענער צייט אן האט מען אן גיהייבין ארץ צוא הערין וויא איינע שפאצירט אום איבער דיא צימערין אין פאנטאפעל אויף קולעס · און ביא דעם הערין מאנדשיין איז צו זעהן אויך איר אלטע און שרעקליכע גישטאלט · דער צוא פלעגט מען צו הערין ביא נאכט אפט אקלינגעריי פון קייטין · אשרעקליכען מיוקען פון גרוישע קעץ · און אפט אשווארצע ריזענהאנד דורך דעם גרוישין קוימען · און דיזע שרעקליכע ערשיינונגען האבין אזו לאנג גידויערט ביז דער אדעל מאן האט זיך גימוזט ארויש קלייבין פון דארט און האט קיינע רוהע גיפונען ביז ער האט זיך מתודה גיוועזן פאר דעם בישוף · און איז גיווארין איין פאקוטניק (בעל תשובה) · נון האט זיך אים גיוואלט ארויש נעמען איר קערפער פון דארט וואו ער האט אים פאר שטעקט · און באגראבין אים מיט גיבעט און מיט פרומע לידער · האט ער עש צו זיינעם אונגליק ניט גיפונען שוין וואש דאש וואר איין ביזער צייכין פאר אים · און האט אזוא שוין ניט לאנג גילעבט נאך דיזער גישיכטע · נון האבין דיא יורשים גיוואלט ווידער בעוואונען דיזין שלאס · דען זייא האבין גיגלויבט דאש דיא ערשיינונגען האבין שוין אויף גיהערט · און פילייכט וואר עש נור איינע הוילע פאנטאזי וויא דאש רוב גאווענדעם זייען · איינער פון זייא וואש וואר דער קליגסטער און דער מיטהיגסטער האט זיך אונטער גינומען דיא ערשטע נאכט דארט אליין צו נעכטיגין · האט זיך אויש גיקליבין דעם בעסטין צימער · האט אים גילאזט אויש הייצין · איין בעט אויש בעטין · דער ביא אטישיל שטעלין מיט אגוטע ליכט דער ביא אפאר גוטע פיסטאלעטין וואש ווארין זייער שארף גילאדין · און האט זיך אזו גאנץ רוהיג גילייגט און האט גילעזין ביז שפעט אין דער נאכט · ביז דאש לייכט האט אן גיהייבין אויש צו גיין · און דאן וויא עש האט אים אן גיהייבין שוין איין עטוואס צוא שלומערין האט ער דער הערט וויא דיא טירעלע פון אויבין האט זיך אויף גימאכט · דא האט ער אווענדע גיטאן דיא אויגין אהין און האט דער זעהען צו זיינעם שרעקין וויא איינע

אלטע

אַלְטֶע מָאגֶערֶע גִישְׁטַאלְט קְרִיכְט אַרויש פוּן דֶעם אויבֶען · אוּנ שְׁטֶעלְט זִיךְ לֶעבִּין אִים אַנִידֶער (לֶעבִּין דֶעם אויבֶען) אוּנ הֵייבְּט אויף דִיא אַייזֶערְנֶע קָאצֶערְקֶע · מִיט דֶעם אַייזֶערְנֶעם קוילִין לֶעפִיל אוּנ הֵייבְּט אָן דַארויף צוּ שְׁפִּילִין אָדֶער צוּ שְׁקְרִיפִּין אַזוֹ אַנִיגוּן דָאשׁ עֶשׁ הָאט אִים צוּא רִיסִין דִיא אויעֶרִין הֶערִינְדִיג · אַיין נִגוּן וָואשׁ עֶשׁ דַארְפִין אִים שְׁפִּילֵין נוּר דִיא שַׁאטַאנֶעם (דֶעמָאנֶען) צוּ אֵיינֶעם הֶעלֶענְטַאנְץ (גֵיהִינוֹם טַאנְץ) · אוּנ דַאן הָאט דִיא קְנֶעכֶערְנֶע גִישְׁטַאלְט אַוואוּנְק גִיגֶעבִּין צוּא אַפָּאר שְׁטוּלִין וָואשׁ זַייעֶן דָארְט גִישְׁטַאנֶען דָאשׁ זֵייא זָאלִין גֵיין טַאנְצִין · אוּנ זֵייא הָאבִּין עֶשׁ אויף דֶער שְׁטֶעלֶע גִיטָאן ׃ הָאבִּין גִיטַאנְצְט מֶעהְר אַלֶס אֵיינֶע פֶערְטִיל שְׁטוּנְדֶע · אוּנ הָאבִּין זִיךְ גִישְׁטֶעלְט אויף זֵייעֶר אָרְט צוּרִיק אוּנ דַאן הָאט זִיא אַוואוּנְק גִיטָאן צוּ אַפָּאר קְלֵיינֶע טִישְׁלֶעךְ · אוּנ דִיזֶע הָאבִּין עֶשׁ אויךְ אַזוֹ גִיטָאן ׃ אוּנ דֶער נָאךְ הָאט זִיא אַוואוּנְק גִיטָאן צוּא אֵיינֶע אַלְטֶע קְלֵיינֶע קַאמָאדֶע וָואשׁ הָאט גִיהַאט צְוֵייא בְּרָאנְזֶענֶע הַאנְד הָאפֶּען (אַנְטַאבְּקֶעס) אוּנ זִיא הָאט זִיךְ אָן גִיהֵייבִּין צוּ רִירִין פוּן אִיר שְׁטֶעלֶע גֶעגִין דִיזִין יוּנְגִין מַאן וְוִיא אֵיינֶע דִיקֶע מַאטְרָאנֶע (מַאדַאם) · זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּנ לַאנְגְזַאם אוּנ הָאט צוּ גִיקְלַאפְּט צוּם טַאק · יֶעדֶעם מָאל מִיט אֵיינֶער אַנְדֶערֶע לַאפְּקֶע · אוּנ אַלֶס זִיא וָואר שׁוֹין אויף אִיר הַאלְבֶּעם וֶועג צוּ אִים · הָאט דִיא מָאגֶערֶע גִישְׁטַאלְט אַוואוּנְק גִיטָאן מִיט דֶעם אַייזֶערְנֶעם שְׁמִיצִיק אויךְ צוּא אִים · אוּנ דַאן הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפּ גִיהַאפְּט פוּן בֶּעטִיל וְוִיא דֶער פַּארַאלִיס וָואלְט אִים אַחַאפּ גִטָאן · אוּנ אִיז צוּ גִילָאפִין צוּא דֶער קַאמָאדְקֶע · הָאט אִיר אָן גִיחַאפְּט פַאר בֵּיידֶע אַנְטַאבְּקֶעס הָאט זִיךְ מִיט אִיר גִידְרֵייט · אוּנ הָאט זִיךְ מִיט אִיר אַלְץ אַזוֹ גִידְרֵייט אוּנ גִיוַואלְצָעוֶועט גָאר אָן אויף הֶערוּנְג וְוִיא דִיא שֵׁדִים וָואלְט אִים דְרֵייעֶן בִּיז עֶר אִיז גִיבְּלִיבִּין לִיגִין אויף דֶער עֶרְד אָן כּוֹחוֹת אוּנ אָן מוֹהוֹת בִּיז גְרוֹישִׁין טָאג · אוּנ דַאן הָאבִּין שׁוֹין דִיא יוֹרְשִׁים גִיהֵייסִין פַאר נָאגְלֶען דֶעם פַּאלַאץ נַאווִיָעק ׃ אוּנ הָאבִּין גִיוַויכְט פוּן דָארְט מֶער אַלֶס פוּפְצִיג יָאר · אוּנ דִיזֶער גַאנְצֶער אָרְט אִיז גִיבְּלִיבְּן צוּם אֵייבִּיגִין שְׁרֶעקִין פַאר דִיא דָארְטִיגֶע אַיינְוואוֹנֶער

אונ

און בִּפְרַט נָאךְ פַאר דִיא אַרוּמִיקֶע שְׁקְלַאוָוען וָואשׁ זַייֶען גִיוואוּנְט צוּ גְלוֹיבִּין אִין אַלֶע הוּמְהַייטִין ·

אִין דִיזָע צַייטִין אָבֶּער הָאט מֶען דִיזֶע, קְרֶעסְטֶענְצֶע פַאר לִיצָעטִירְט · און דִיזֶער סִימָאן לֶעגְרֵי הָאט זִיא אָפּ גִיקוֹיפְט · הָאט אוֹישׁ גִיבּוֹיט וואוּנוּנְגֶען פַאר דִיא שְׁקְלַאוָוען און פַאר זִיךְ · און צוּ דֶעם פַּאלַאץ הָאט עֶר זִיךְ נִיט צוּא גִירִירְט · דֶען עֶם פְּלֶעגְט נָאךְ דֶער צֵיילְט וֶוערִין פוּן אִים אַלֶע נַאכְט אַנְדֶערֶע גִישִׁיכְטֶען · און דֶער צוּא נָאךְ הָאט דִיזֶער גֶעגִינְד אַלֵיין אוּם גִיוִויזִין זַייֶער וִוילְד און טְרוֹיעֶרִיג דָאשׁ דִיא שְׁקְלַאוִוין פְּלֶעגִין דֶער קֶענֶען דִיא שְׁפּוּרִין (דִיא טְרִיט) פוּן דִיא שֵׁדִים אוֹיף יֶעדֶען זֶעמְדִיקִין אָרְט אָדֶער אוֹיף יֶעדֶער בַּאטוֹיהֶעטֶע וִויזֶע (לָאנְקֶע) דֶען עֶם וַואר אַרוּם זֵייעֶר הוֹיכֶע וִויסְטֶע בֶּערְג און זוּמְפִּין און אָפּ גִישְׁמַיילֶעטֶע וֶועלְדֶער · דָאשׁ עֶם וַואר שְׁרֶעקְלִיךְ צוּא קוּקִין · און עֶם וַואר אַלְס דֶער סִימָאן לֶעגְרֵי הָאט אַרוֹיף גִיפִירְט זַיינֶע נַייֶע שְׁקְלַאוִוין אוֹיף דִיזִין הוֹיף און זַיינֶע גְרוֹישֶׁע הִינְט זַיינֶען אָן גִיפַאלִין אוֹיף זֵייא וִויא דִיא וִוילְדֶע טִיגֶער · הָאט זִיךְ זֵייא גִידוּכְט דָאשׁ מֶען הָאט זֵייא וִוירְקְלִיךְ גִיבְּרַאכְט עֶפֶּעס אִין דֶער אוּנְטֶער וֶועלְט שׁוֹין · און זַיינֶען אוּם גִיקוּמֶען שִׁיר פוּן שְׁרֶעק · עֶם זַיינֶען אָבֶּער אַרוֹישׁ בַּאלְד צְוֵייא אוֹיף זֶעהֶער זַיינֶע שְׁוַוארְצֶע נֶעגֶער גְרוֹישֶׁע און הוֹיכֶע וִויא עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן · און הָאבִּין דִיא הִינְט אָפּ גִיהַאלְטִין :

„הֶער צוּא קְוִוימְבָּא„ הָאט עֶר זִיךְ אָפּ גִירוּפִין צוּ דֶעם עֶלְטֶערִין פוּן זֵייא בֵּיידִין · אִיךְ הָאבּ וָוארְט גִיהַאלְטִין · אִיךְ הָאבּ דִיר גִיבְּרַאכְט אַוַוייבּ נִיט נָאךְ דַיינֶע מַעֲשִׂים נָאךְ · און דִיזֶעם זָאגֶענְדִיק הָאט עֶר אִים אַוַוייז גִיטָאן אוֹיף אֵיינֶע מוּלַאטִין וָואשׁ וַואר צוּא זַאמֶען גִישְׁלָאסִין מִיט דֶער שֵׁיינֶע מֵיידִיל דִיא דְרַייצֶעהֶן יָארִיגֶע מוּלַאטֶקֶע וָואשׁ עֶר הָאט אִיר גִיקוֹיפְט פַאר שְׁוֶוערֶעס גֶעלְד און וָואשׁ מֶען הָאט אִיר גִירוּפִין אַמַאלְיֶע · און דִיזָע עֶלְטֶערֶע וַואר שׁוֹין אַיָאר פִינְף און פֶּערְצִיג · דָאךְ אָבֶּער נָאךְ גִינוּג שֵׁיין און גִינוּג בְּלִיהֶענְד „גִיין מַיין לִיבֶּער הֶער„ הָאט זִיא זִיךְ אָפּ גִירוּפִין · אִיךְ הָאבּ אַמַאן און הָאבּ

קינדער

קינדער „נוא איז וואש" האט איר דער סימאן לעגרי געענטפערט האט מען דיר פאר קויפט איז שוין דיין מאן אונ דיינע קינדער מער ניט דיין · אונ נעמענדיק אבייטש אין האנד האט ער זיך צו געווענדעט צוא דער אמאליע אונ האט צוא איר געזאגט · אונ דוא שפאצירע ארײן מיט מיר אין מיין גאבינעט :

קוים איז דער סימאן ארײן אין זיין וואוינונג מיט דער אמאליע · האט דער קווימבא אן גיהייבין צוא ראספארזיען זיך מיט דיא שקלאווען · האט זייא אוועק גיפירט אין דער פלאנטאזע וואש וואר דער ביא · האט זייא אן געוויזין ערטער . וואו צוא וואוגען · זעמלאנקעס שטיבעלאך אין דער ערד · מיט קליינע גערטענדלאך דער ביא · אונ האט זייא אויש גיטיילט עסין צוא בינדלאך שטרויא אונ צוא קליינע מעשטלאך גיטריקינטע טירקעשע ווייץ וואש יעדערער האט עם גידארפט צוא שטויסין אין איינעם אייזערנעם מערזער וואש שטייט דארט אין מיטין געסיל ; גענין אווינד זיינען גיקומען אלע שקלאווין . פון דער ארבעט · דארשטיג · הונגעריג · צוא קיילט צוא ביילט · אונ זייער מיד · מענער ווייבער אונ קינדער · אונ זיינען צוא גיפאלין אטייל צוא דעם ברונעם אום צוא טרינקען אונ אטייל צוא דער שטופע אום צו שטויסין דארט דיא טירקעשע ווייץ (קוקורוזא) · עם וואר דארט באלד פייער גימאכט לעבין יעדער שטיבעלע · אונ דיזעם מעל וואורדע גיקאכט צוא זאמען מיט גיהאקטע ווארצלען אונ קראפעווע · עם וואר דארט אלארעם אונ אנעטומילי דאש דער טאם דיא טאפזי אונ די מולאטין זאלידע וואש דער סימאן האט איר באשטימט צו זיין דעם קווימבאם חייב האבין גאר ניט גיוואוסט וויא זייא וועלין דא לעבין אין אזו איין אום צוכט אונ אין אזו איין אום רוא · דער צוא נאך האט דיא זאלידא גיהאט גינוג מיהע ביז זיא האט זיך דיזע נאכט אויש גידרייט פון דעם קווימבאם האנד וואש ער האט איר גינייטיגט דאש זיא זאל נעכטיגין מיט אים אין איין זעמלאנקע · נון לאמיר דער ווייטע אוועק לאזין דא דיא איבעריגע פאר זוכין וואש מיר האבי

דא

דא איצונד אן גיפירט (דער מאנט) אונ מיר וועלין שרייבין דער ווייליע פון דעם טאם אליין :

## 21.

אויך אין דיזע שלעכטע לאגע האט זיך אונזער טאם גיקענט צוא רעכט מאכין מיט דער צייט · דיא טאפזי וואש איר זעמלאנקע וואר צוא ווישין טאמס אונ דער זאלידאם זעמלאנקעם פלעגט צוא האלטין זייער ריין דיא דרייא וואונונגען · פלעגט צוא ריכטין זייער קאקארוזע · פלעגט צוא וואסין זייערע העמדין · אונ טאם פלעגט פון אווינד אן האקין האלץ ברייננען פרישע שטרויא · אונ העלפין זייא ביא דער ארבעט אין פעלד דען ער פלעגט צו ווארפין אין זייערע קערב אויש גיצופטע באוויל דאמיט עס זאל זייא פון אווינד ניט פעלען צום גיוויכט · אונ וואר ביא דער ארבייט זייער פלייסיג אונ גיהארזאם (גיהארכט) אונ וואר קיין מאל ניט שכור אונ דער צו זייער ערליך · דאש ניט ווילענדיק האט אים זיין הער אן גיהייבין צוא אכטין · אונ האט אים אזו עטליכע מאל גירימט פאר זיינע ביידע אויף זעהער · דאש הייסט פאר דעם קווימבא אונ הארפאק · אונ האט צוא גלייך גיזאגט דאש מיט דער צייט וועט ער פון אים קענען מאכין אגוטין אויף זעהער ביא זיך · אונ דאש האט זייא זייער גיקריינקט · אונ האבין אזו גיזוכט איין עלילה אויף אים אונ האבין עס אויך באלד באקומען · אונ דער טאם האט זייער פיל גיליטין דורך דעם :

דיא אורזאכע דער פון וואר דיא מולאטקע זאלידא וואש זיא האט מיט דעם קווימבא ניט גיוואלט לעבין פאר קיין אופן ווייל זיא האט גיהאט אמאן מיט קינדער · אונ וואר דאהער שוין שיינע עטליכע מאל גישמיסין גיווארין פון איר הערין אונ איז גיבליבין דאך ביא דאש איהריגע · האט ניט גיוואלט זיין מיט אים אונ איז זיך גיבליבין וואונען אין איר זעמלאנקע וואש איז ניט וויט פון דעם טאמס היטע (שטיבעלע) · אונ אלס דער קווימבא האט גיזעהען

דאש

דָאשׁ שְׁמַייסִין הֶעלְפְט נִיט · הָאט עֶר אָן גִיהֵייבִּין צוּא צוּ קְוֶועטְצִין אִיר זֵייעָר אִין דֶער אַרְבֶּעט · אוּנ הָאט אַזוֹ פַאר טָאפִּילְט אִיר דִיא גִיוִוירְכְט פוּן דִיא בָּאוִויל וָואשׁ זִיא דַארְף צוּא וֶועגִין אַלֶע אָווינְד · אוּנ דֶער קְווִימְבָּא הָאט זִיךְ נִיט גִיקֶענְט אָפּ וואוּנְדֶערִין זֶעהֶענְדִיק דָאשׁ עֶס פֶּעלְט נִיט פוּן אִיר דָאפֶּעלְטֶע גִיוִויכְט נִיט אַלוּיט „נַיין דָאשׁ אִיז גִיוִויס נִיט אִיר אַרְבֶּעט, הָאט עֶר בַּייא זִיךְ גִיטְרַאכְט · אוּנ הָאט אִיר אַזוֹ זֵייעָר גוּט אוֹיף גִיפַּאסְט אוּנ הָאט דֶער שְׁפִּירְט דָאשׁ דֶער טָאם וַוארְפְט אַלֶע וַויילֶע צוּא אוֹישׁ גִיאַרְבֶּעטֶע בַּאוִויל אִין אִיר קָארְבּ · אוּנ הָאט עֶס אַזוֹ דֶער צֵיילְט דֶעם הֶערִין זַיינֶעם · אוּנ הָאט אוֹיךְ דֶער פוּן נָאךְ גִישְׁלָאסִין דָאשׁ דֶער טָאם אִיז אִין אִיר זֵייעָר פַאר לִיבְּט · אוּנ דָאשׁ הָאט דֶעם סִימָאן לֶעגְרִי זֵייעָר פַאר דְרָאסִין „אָ דִיזֶער קַאנַאלְיֶע, הָאט עֶר זִיךְ אָפּ גִירוּפִין · אִיז אִין גְרוּנְט נִיט אַזוֹ בְּרַאוו וִויא עֶר הָאט מִיר אוֹישׁ גִיוִויזִין שׁוֹין · עֶר וֶועט מִיר דִיא קָאלָאנְיֶע פַאר דַארְבִּין · עֶר וֶועט מִיר אָן מַאכִין אַזוֹ פִיל פוּילֶערְקָעם וִויא פִיל שֵׁיינֶע גִיזִיכְטֶער עֶס זַיינֶען דָא אִין מַיינֶער קָאלָאנְיֶע אִיךְ מוּז עֶס אָפּ הַאלְטִין · אוּנ הָאט אַזוֹ פוּן אָווינְד אַלְס זֵייא זַיינֶען גִיקוּמֶען פוּן דֶער אַרְבֶּעט גִילָאזְט רוּפִין זֵייא בֵּיידִין צוּא זִיךְ דָאשׁ הֵייסְט דֶעם טָאם אוּנ דִיא זַאלִידֶען · דִיא זַאלִידֶע וַואר רֶעכְט קְרַאנְק פוּן דִיא שְׁלֶעק וָואשׁ זִיא פְלֶעגְט צוּא בַּאקוּמֶען בַּייא דֶער אַרְבֶּעט אוּנ פוּן דִיא פִיל שְׁמַייסֶערַייא וָואשׁ מֶען הָאט אִיר גִישְׁמִיסִין · דָאשׁ זִיא הָאט זִיךְ קוּים גִיקֶענְט הַאלְטִין אוֹיף דִיא פִּיס · אוּנ בִּפְרַט דָאשׁ זִיא הָאט זֵייעָר גוּט פַאר שְׁטַאנֶען דָאשׁ מֶען רוּפְט אִיר נִיט אוֹיף אַכְּבוֹד דָא :

„הֶער צוּ דוּא טָאם, הָאט זִיךְ דֶער סִימָאן לֶעגְרִי אָפּ גִירוּפִין · מֶען זָאגְט דוּא לִיבְּסְט דִיא זַאלִידֶע · אוּנ הֶעלְפְּסְט אִיר אִין אִירֶע אַרְבֶּעט נוּן אִיז עֶס אַיינֶע טַאפֶּעלֶע זִינְדֶע · עֶרְסְטִינְס וַויל אִיךְ הָאבִּין דָאשׁ זִיא זָאל זַיין נוּר דֶעם קְווִימְבָּאם וַוייבּ אוּנ נִיט דַיינֶע · צְוֵוייטִינְס וֶועסְט דוּא מִיר צוּ לָאזִין מַאכִין אַלֶע מַיינֶע שְׁקְלַאוִוינֶען „נַיין מַיין לִיבֶּר הֶער, הָאט זִיךְ דֶער טָאם אָפּ גִירוּפִין · אִיךְ לִיבּ נִיט דִי זַאלִידֶע

אלס

אַלְס לִיבּ הָאבֶּער נוֹראַרְם מֶענְטְשׁ אוּנ וַוייטֶער נִיט · אוּנ דָאשׁ וִויא מִיר דוּכְט אִיז קֵיינֶע זִינְדֶע פַאר גָאט אוּנ נִיט פַאר אַייךְ · נוּא וָוען אַזוֹ וָועל אִיךְ מַאכִין אַקְלֵיינֶע פְּרָאבֶּע אוּנ דַאן וָועל אִיךְ זֶעהֶען צוּ דוּא לִיבְּסְט אִיר וִויא אַיין גִילִיבְּטֶער צוּא וִויא אַיין מֶענְטְשׁ דֶעם אַנְדֶערִין · דִיא זַאלִידֶע זָאל זִיךְ לֵייגִין אוּנ דוּא זָאלְסְט אִיר גֶעבִּין צְוַואנְצִיג רַאפְּנִיקֶעם „אוּנ דָאשׁ וָועל אִיךְ נִיט טָאן, הָאט עֶר זִיךְ אָפּ גִירוּפִין „אוּנ פַאר וָואשׁ נִיט, הָאט אִים דֶער סִימָאן לַאגְרִי גִיפְרֶעגְט בְּאַם דוּא לִיבְּסְט זִיא נִיט אַט זָאל זִיךְ דִיר דוּכְטִין דָאשׁ אִיךְ הַייס דִיךְ שְׁמַייסִין אֵיינֶעם אַנְדֶערִין „אוּנ אֵיינֶעם אַנְדֶערִין וָועל אִיךְ אוֹיךְ נִיט שְׁמַייסִין, הָאט עֶר אִים גִיעֶנְטְפֶערְט · „אוּנ וִויא וָועט זַיין וֶוען אִיךְ וָועל דִיךְ מַאכִין פַאר אַיין אוֹיף זֶעהֶער אִיבֶּער דִיא שְׁקְלַאוֶוען, הָאט עֶר אִים וַוייטֶער גִיפְרֶעגְט · וָואשׁ דוּא וֶועסְט דִיךְ דַאן אָן דֶעם גָאר נִיט קֶענֶען בַּאגֵיין „וֶוער אִיךְ טַאקֶע דַארִיבֶּער קֵיין אוֹיף זֶעהֶער וָועלִין זַיין, הָאט עֶר אִים גִיעֶנְטְפֶערְט : נוּא קוּמְט דָאךְ אוֹישׁ נָאךְ דַיינֶעם רֶעכֶענוּנְג וֶוען אִיךְ טוּא עֶס יוֹא בִּין אִיךְ אַיין מֶערְדֶער אַיי טִירַאן, הָאט דֶער סִימָאן אִים וַוייטֶער גִיפְרֶעגְט „פַאר גִיוִוים טָאר מֶען עֶס נִיט טָאן„ הָאט אִים טָאם גִיעֶנְטְפֶערְט · דֶען יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז גִיבָּארִין פְּרַייא · אוּנ קֵיינֶער הָאט קֵיין רֶעכְט צוּא קוֹיפִין דֶעם אַנְדֶערִין · אוּנ קֵיין מֶענְטְשׁ טָאר נִיט גִישְׁטְרָאפְט וֶוערִין אָן אַרֶעכְט :

דִיזֶע רֵייד הָאט דֶעם הֶערִין זַיינֶעם זֵייעֶר אָן גִיצוּנְדִין · אוּנ הָאט צוּא אִים גִיזָאגְט · נוּן וָועל אִיךְ דִיר בַּאוַוייזִין וִויא אִיךְ הָאבּ דָא רֶעכְט · אוּנ הָאט אַזוֹ גִיהֵייסִין אִים אַנִידֶער לֵייגִין אוּנ הָאט אִים מִיט דֶער אֵיינֶענֶער הַאנְד אַרַיין גִישָׁאטִין מֶעהְר אַלְס אַכְטְצִיג קְנוּטֶעס · דָאשׁ דֶער טָאם הָאט נִיט גִיקֶענְט שׁוֹין אוֹיף שְׁטֵיין אוּנ מֶען הָאט אִים גִימוּזְט אַוֶועק טְרָאגִין אִין זַיין זָעמְלַאנְקֶע אוּנ מֶען הָאט אִים דָארְט אַוֶועק גִילֵייגְט קוֹים אַלֶעבֶּעדִיגִין · בַּאלְד נָאךְ אִים הָאט מֶען אַזוֹ צוּא שְׁמִיסִין דִיא זַאלִידֶע · אוּנ דִיא טָאפְּזֶע וַואר דִיא אֵיינְצִיגֶע וָואשׁ הָאט אַרוּם זֵייא גִיטַאנְצְט דִיא גַאנְצֶע נַאכְט · הָאט זֵייא צוּא גִילֵייגְט קַאלְטֶע וַואשֶׁער · הָאט זֵייא גִימַאכְט מֵייא ·

האט

הָאט זַייא אִיבֶּער גִיבֶּעט · פְרִישֶׁע שְׁטְרוֹיא צוּא גִילֵייגְט · אוּנ וַואר אַזוֹ אַרוּם זַייא בַּאשֶׁעפְטִיגְט מֶעהְר אַלְס אַפָּאר וָואכִין בִּיז זַייא זַיינֶען אַיין עֶטְוַואס צוּא זִיךְ גִיקוּמֶען · אוּנ דַאן הָאט מֶען זַייא וַוייטֶער גִישִׁיקְט אוֹיף דֶער אַרְבֶּעט · אוּנ דֶער טָאם אִיז זִיךְ גִיבְּלִיבִּין טְרַייא זַיינֶעם הֶערְין וִויא פְרִיהֶער אוּנ גִינֶעדִיג גֶעגִין דִיא אָרֶעמֶע זַאלִידֶע · עֶר פְלֶעגְט אִיר צוּא לֵייגִין אוֹיש גִיאַרְבֶּעטֶע בַּאוְויל · אוּנ מֶען הָאט שׁוֹין דַארוֹיף נִיט גִיקוּקְט · וַוייל עֶס וַואר דַאן דִיא רֶעכְטֶע אַרְבֶּעט צַייט · אוּנ דַאן וִויא פִיל שְׁקְלַאוִוין מֶען הָאט גִיהַאט אִיז אַלְץ צוּא וֵוייניג גִיוֶועזֶען · דֶער צוּא נָאךְ הָאט עֶר שׁוֹין פוּן אַנְדֶערֶע פְרָאבֶּע וָואשׁ עֶר הָאט גִיהַאט בַּייא זִיךְ אִין צִימֶער זֵייעֶר גוּט פַאר שְׁטַאנֶען דָאשׁ אַיין הֶערְץ קָאן מֶען נִיט צְווִינְגֶען אוּנ בִּפְרַט נָאךְ פוּן אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשִׁין וִויא טָאם אוּנ דִיא זַאלִידֶע וָואשׁ וִוילִין לַיידִין דָא נוּר פַאר דִיא עֶרְלִיכְקַייט · זִיא וִויל נִיט זַיין מִיט קְווִימְבֶּע וַוייל זִיא אִיז אֵיינֶע אֵשֶׁת אִישׁ · אוּנ עֶר וִויל נִיט שְׁלַאגִין קַיין מֶענְטְשִׁין וַוייל עֶר הַאלְט עֶס פַאר אַיין אוּם רֶעכְט · לְבַד דֶעם קָאסְטִין זַייא אִים אֵיינֶע מַאסֶע גֶעלְט · נוּן לָאמִיר דָא לָאזִין אוֹיף אַווַיילֶע דֶעם טָאם אוּנ דִיא זַאלִידֶע בַּייא זֵייעֶרֶע שְׁוֶועדֶע פֶעלְד אַרְבֶּעט אוּנ מִיר וֶועלִין אוּנְז צוּא וֶוענְדִין אוֹיף אַווַיילֶע צוּא דֶעם גַאבִּינֶעט פוּן דֶעם סִימָאן לַאגְרִי · אוּם צוּא זֶעהֶען דֶעם טִיגֶער אִין זַיינֶער הֶעלֶע (הֵייל) :

13.

וִויא מִיר וֵוייסִין שׁוֹין פוּן פְרִיהֶער הָאט עֶר דָאשׁ מֵיידְכֶען אַמַלְיֶע אַרַיין גִינוּמֶען צוּא זִיךְ אִין צִימֶער · דָאשׁ אִיז דִיא דְרַייצֶעהְן יָארִיגֶע מוּלַאטְקֶע וָואשׁ עֶר הָאט אִיר גִיקוֹיפְט אוֹיף דֶער אוּקְצִיָאן דָארְט אִין נַייֶע אָרְלֶעאָנְס מִיט דֶער זַאלִידֶע אוּנ טָאם צוּא זַאמֶען · זִיא וַואר זֵייעֶר שַׁיין אוּנ גִיבִּילְדֶעט · נוּן הָאט דִיזֶער טִירַאן צוּא אִיהְרֶעם אוּם גְלִיק אִיר לִיבּ בַּאקוּמֶען · אוּנ הָאט זִיא גִיוָואלְט מַאכִין פַאר זַיינֶע אַפִּילֶגֶשׁ אָדֶער סָאדֶערְזַאנְקֶע · אוּנ הָאט עֶס נִיט אוֹישׁ גִיפִירְט מִיט אִיר · נֵיין הָאט זִיא אִים גִיעֶנְטְפֶערְט · דוּא קֶענְסְט מִיךְ נוּר הַיירַאטְהֶען וֶוען דוּא לִיבְּסְט מִיךְ אָבֶּער נִיט פַאר אַיינֶע

מעצע (הורע) מאכין · אונ איז אזו גיבליבין בייא איהרע פעסטע דעה ביז איר לעצטין טאג וואש זיא וואר בייא אים · עס האט ניט גיהאלפין קיינע דראהונגען (שטראסונגיק) קיין בעטין · קיין גרעטין · קיינע גישיינקע אין דער וועלט · אונ וואש זיא האט זיך מעהר פון אים אדאלעט איז זיא אים גיווארין אלץ ליבער אונ זישער · ער פלעגט שטונדין ליגין לעבין איהרע פיס אונ איז גיבליבין אונ גיהערט פון איר · נון האט ער גידיינקט דאש ער מוז עש איבער קאזין צו דער צייט · אונ האט איר דער ווילע באהאנדילט זייער פריינדליך אונ ליבליך · ער האט איר אן גיטרויט אלע זיינע שליסלען פון זיינע קאמאדין · אלקערין · אונ אום צוא באווייזין איר וויא וייט ער איז איין גינומען פאר איר · אונ וויא וייט ער ליבט זיא איניג האט ארויש גיטריבין פון זיין הויז איינע גיוויסע שיינע מולאטקע פון איאר עטליכע אונ פערציג וואש וואר זיין סאדערזאנקע (מעצע בייא שלעפערין) מעהר אלש אכט צעהען יאר אונ וואש ער האט גיהאט צוא איר דעם גרעסטין צוא טרויען · אונ וייל דיזע מולאטקע וועט דא שפילין אגרוישע ראלע אין אונזער גישיכטע איז דאש רעכט דאש מיר זאלין דא דער צייליו פון איר פיל אום שטענדליכער קלערער אלס וויא פון דער זאלידע ׃

זיא האט גיהייסין ראססעל · זיא וואר שיין · אונ גוט גיבילדעט וויא איין קינד פון גרוישע הערשאפטין · דען איר פאטער וואר איין גרוישער גוטס באזיצער · דיזער הער האט זיך פאר ליבט אונ איהר מוטער וואש וואר אויך אשיינע מולאטקע אונ זיינע אשקלאווין · אונ האט מיט איהר גיהאט דיזע ראססעל · אונ האט זיא גיליבט וויא איהרע מוטער · אלס וויא איין עכטער פאטער אונ איין עכטער מאן · האט גילאזט דאש קינד בילדין אונ גוט ערציהען אונ האט גידיינקט מיט דער צייט צו אדאפטירין איר · דאש הייסט איין צוא שרייבין אין דיא אקטין דאש ער נעמט איר אן פאר איינע רעכטע טאכטער אונ דיא מוטער פאר איינע גינצליכע פרויא · דאך דער טויט האט אים גימאכט אשטריך דורך דיזין רעכענונג ·

ער

ער איז זיך אוועק געשטארבין · אונ דער נאכקלערניק האט זייא ביידין פאר קויפט דיא מוטער צוא איינעם טוך פאבריקאנטין · אונ דיא מיידיל ראססעל צו איינעם יונגין גוטס באזיצער וואש וואר איין העכסטער איידעלער אונ גיבילדעטער מענטש · זיא וואר דאן שוין איאר פערצין אונ שיין אונ בליהענד וויא איינע ראזע (רויז) · נון האט זיא גיהאט דעם זעלבינין שיקזאל (מזל) וויא איר מוטער דאש איר הער האט זיך אין איר פאר ליבט אונ האט גיהאט צוויא קינדר מיט איר אזון מיט אמיידיל · ביידע שיין וויא דיא פרידליכע איינגעל · אונ דער פאטער האט ביידין העכסט גיליבט · נון האט זיך גימאכט דאש עש איז גיקומען צוא אים אמאל צוא פארין זיינער אנאהענטער פריינד וואש וואר זייער רייך אונ אן קינדער אונ פון גרוישין אדעל אונ האט אים צוא גיזאגט צוא מאכין אים פאר זיין איינציגין יורש פון אלע זיינע גיטער באם ער וועט אפ שאפין פון זיין שטוב דיא מולאטקע מיט איהרע ביידע קינדער אונ וועט נעמען אוייב וויא גיהעריג פון איינער גרוישע אראפייעשע פאמיליע · פילע טעג האט דער יונגער מאן גישטריטין מיט זיינעם אייגענעם הערצין · אונ דער סוף וואר דער פון דאש דער נאסט איז אפ גיפארין מיט דעם יונגין הערין אויף אפאר וואכין · אונ פאר דעם שיידין זיך מיט דער ראססעל אונ מיט אידרע קינדער האט ער זייא אלץ גיקוסט אונ גיהאלדזט אונ האט זייא גיזאגט וויא עש איז אים שווער דער אפ פארין פון זייא אויף אפאר וואכין · אונ דיא ראססעל האט אים נאך צוא גיוויינט עטליכע ליבע טרערין אויף דער רייזע · אונ אין אפאר טעג ארום איז גיקומען צוא איר אין שטוב דיזער סימאן לעגרי אונ האט איר גיוויזין איין קויף בריף פון איר הערין אדער פון איר מאן · דאש ער האט איר מיט ביידע קינדער פאר קויפט צוא אים · אונ האט זייא דרייען אזו אוועק גישלעפט אהער אין דיזער שטעט · אונ קומענדיק אהער האט ער אירע ביידע קינדער באלד פאר קויפט צוא פאר שיידענע הערין · אונ איר האט ער אן גיהייבין צוא נייטיגין דאש זיא זאל ווערין זיינע אפילגש האט עש

אים

אים אבער גיקאסט גינוג צייט ביז ער האט אויש גיפירט · נון איצונד
וויא ער האט באקומען איינע אינגערע האט ער איר שוין ארויש
גיטריבין פון זיך · אונ האט איר גיראטהען דאש זיא זאל נעמען
דעם טאמען · נון האט זיך דיזע אום גליקליכע גינוג גליקליך גישעצט
דאש זיא האט מיט דיזעם אום מענטשין קיינע קינדער דער לעבט ·
דען ער וואלט זייא גיוויס פאר קויפין וויא יענע וואש זיא האט
ניט גיקענט זייא פאר געסין ביז איצונד · פון דעם זון וויים זיא
נאך ניט וואו ער איז אהין גיקומען אונ וויא ער ליידעט ביא איינם
גיוויסין הערין וואש איז פון דאנען אמייל דרייסיג פון די טאכטער
האט זיא גאר ניט גיוואוסט וואו זיא איז אהין גיקומען :

ער האט איר ארויש גיטריבין · דאך אבער מער ניט וויא
פון גאבינעט · פון זיין שפייזזאל · אבער ניט פון דער גארדעראבע
שטוב · דען זיא האט גימוזט דארט אימער זיצין אונ נייען · פלעטין
אונ מאנכע איידעלע גרעט וואסין · אונ פלעגט מוזין גיין צוא דעם
טאמען אום אן צוא ריידין אים דאש ער זאל איר נעמען פאר. אוייב
דען עס האט זיך אים דעם הערין גיוואלט איין פלאד דער לעבין
פון זייא ביידין · דיזער טאם אבער וואש האט גיהאט פרויא אונ
קינדער · האט דער פון גאר ניט גיוואלט זעהען אונ הערין · אויב
וואול זיא האט עס יוא גיוואלט דען ער איז איר העכסט גיפעלין ·
אונ בפרט נאך זיין איידיל חאראקטער · דיזער טאם האט איר ערסט
גיזעהען ביא איר ערסטין בעזוך וואש זיא האט אים באזוכט · אונ
ביא דעם ערשטין אן בליק האט ער אין איר דער קאנט זייער
באקאנטע ציגין (מינעם) זעלבסט איר זיסע שטימע וואר אים עפעס
וויא היימיש גאר ניט פרעמד · אונ האט זיך ניט גיקאנט דער
מאנען צוא וועמען זיא האט אגרוישע עהנליכקייט (גלייכהייט) ·
אונ ערסט אין כמה טעג ארום אלס זיא האט אים דער ציילט איר
לעבינס גישיכטע אונ האט באדויערט אונ באויינט איהר טאכטעריל
וואש זיא האט איר אן גירופין מיט דעם נאמען „מיינע טייערע
עליזע„ איז דעם טאם אראפ גיפאלין ;וויא צווייא שופין פון דיא

אויגין

אויגין אונ האט אן גיהייבין צוא לייענען אין איר גיזיכט דיא ציגין (מינען) פון דער עליזע וואש וואר איינעי־קאמער פרויא ביא דער מאדאם שעלבי דעם דזארדזס וייב · אונ האט אזו אן גיהייבין איר אויש צוא פרעגין וועגין דער עליזע וויא אלט וואר זיא אלס מען האט איר פאר קויפט · אונ אין וועלכע לאנד מען האט איר פאר קויפט · אונ פון איהרע ריכטיגע אנטוואָרטין האט ער פאר שטאנען דאש זיינע בארעכענונג איז ריכטיג · אונ האט איר אזו דער ציילט אלעם וואש ער מיינט אונ וייס פון איר טאכטער דאש הייסט דאש זיא אונ איר מאן דזארדז זייגען אנטלאפין גיווארין אין איין טאג פון זייער הערין נאך קאנאדע · דיזע נאבריכט האט אויף גירירט זייער איר הארץ אונ האט זיך זייער פון איינאנדער גיוויינט · אונ האט מיט אים פר בראכט אגאנצע נאכט אין דיזעם זיסין גישפרעך איבער איהרע טאכטער · אונ האט אים מגלה גיוועזן צוא גלייך איר פלאן וואש זיא האט שוין פון לאנג אן צוא אנטלייפין פון דאנען · אונ האט אים אן גירעט דאש ער זאל אויך לייפין מיט איר · טאם אבער האט פון דעם פלאן נים גיוואלט הערין אונ זעהען · ניין האט ער איר גיענטפערט · איך וועל עס נים טאן אונ איך שלאג אייך אפ דער פון · דען איר קאנט אייך דער מיט נאך מעהר אום גליקליך מאכין אונ נאך אנדערע דער צוא · צווייטינס דארף קיין דינער נים לייפין פון זיינעם הערין זעלבסט ביא דער בעסטער גילעגענהייט „נוא ווען אזו, האט זיא זיך צוא אים אפ גירופין · ווער איך מיט אייך שוין מעהר נים ריידין דער פון · דען איז אייך נים באשערט קיין גליק ני · איך וועל מיר אויש זוכין איינע בעסערע קאמפאניאן אלס איר · נוא לאמיר דא דער וויילע לאזין דעם טאם אונטער דיא הענד פון דעם טיראנישין הערין זיינעם · אונ וועלין אונז אום ווענדין צוא אונזער עליזע · צוא איר מאן מיט זייער קינד אונ אזו צוא דיא גאנצע לייפענדע קאמפאניע :

52.

גידיינקסט מיינע טייערע לעזערין דאש מיר האבין זייא

אַוֶועק גִיוָוארְפִין אוֹיף דָעם וָועג פוּן קַאנַאדָע ׳ זַייא זַייֶנֶען אוֹיף אִים גִיפָארִין נוּר מִיט זַייטִין וָועגִין ׳ דַאמִיט זַייא זָאלִין נִיט בַּאגֶעגַינֶען אַזוֹ פִיל עוֹבְרִים וְשָׁבִים ׳ אוּנ דָאשׁ אוֹיךְ מֶער בַּייא נַאכְט אַלְס בַּייא טָאג ׳ אוּנ עַל פִּי רוֹב דוּרְךְ גִידִיכְטָע וָועלְדָער ׳ אוּנ הָאבִּין גְלִיקְלִיךְ גִירַייזְט בִּיז זַיי זַיינֶען גִיקוּמֶן צוּם שְׁטְרָאם „סַאנְדוּקְס„ וָואשׁ אוֹיף זַיינֶעם אַנְדֶערִין זַייט הֵייבְּט זִיךְ אָן דָאשׁ פְרַייא לַאנְד „קַאנַאדָא„ דָאשׁ אִיז אַזוֹ אַלַאנְד וָואשׁ גִיהֶערְט צוּא אֵיינְגְלַאנְד אוּנ וָואשׁ דָארְט אִיז קֵיין זֵכֶר דָא פוּן שְׁקְלַאוֶוערַייא ׳ אֵיין לַאנְד וָואשׁ אֵיין נֶעגֶער הָאט דָאשׁ זֶעלְבִּיגֶע רֶעכְט וָואשׁ אֵיין וַוייסֶער ׳ דִיזֶער שְׁטְרָאם וַואר דַאן שׁוֹין רֵיין אוּנ אָפִין פוּן אֵייז ׳ זַייא וַוארִין וַוייט פוּן דָעם גְרוֹיסִין שְׁטֵיינֶערְנֶעם בְּרִיק וָואשׁ אִיבֶּער אִים גֵייט דֶער גְלַאזֶוערְנֶער גָאסְצֶענֶעם נוּר אֵיינֶע קְלֵיינֶע הַאלְבֶּע מַייל ׳ זַייא הָאבִּין אָבֶּער פַּחַד גִיהַאט אִיבֶּער אִים צוּא פָארִין פִילַייכְט וָועט מֶען זַייא דָארְט אוֹיף פַּאסִין דַאהֶער אִיז בַּייא זַייא גִיבְּלִיבִּין דָאשׁ זַייא זָאלִין מַאכִין אַפְּלִיט אוּנ זָאלִין אִים אַרִיבֶּער בַּייא נַאכְט ׳ - אוּנ הָאבִּין עָס אַזוֹ גִיטָאן ׳ אוּנ זַיינֶען דֶעם וַואסֶער גְלִיקְלִיךְ אַרִיבֶּער ׳ זַייא אַלֶע זַיינֶען גִיזֶעסִין אוֹיף דֶעם פְּלִיט וָועלְכִין זַייא הָאבִּין זַייעֶר גוּט גִירוּדֶערְט ׳ אוּנ דִיא פֶערְד הָאבִּין נָאךְ גִישְׁוואוּמֶען ׳ אוּנ אַלְס זַייא וַוארִין שׁוֹין אוֹיף יֶענֶער זַייט ׳ הָאבִּין זַייא בַּאלְד וִויא זַייא זַיינֶען אַרוֹיף אוֹיף דֶער יַבָּשָׁה גִיקְנִיט פַאר גָאט אוּנ גִידַאנְקְט אִים מִיט הֵייסֶע טְרֶערִין פַאר זַייעֶר גְלִיקְלִיכֶע רֶעטוּנְג ׳ אוּנ הָאבִּין דָארְט גִינֶעכְטִיגְט לֶעבִּין אַגְרוֹיסִין פְּלִיט פַייעֶר וָואשׁ זַייא הָאבִּין דָארְט גִימַאכְט ׳ אוּנ הָאבִּין דֶער בַּייא גִיקָאכְט פִישׁ וָואשׁ זַייא הָאבִּין דָארְט גִיקוֹיפְט בַּייא אֵיינֶעם פִישֶׁער ׳ אִיבֶּער נַאכְט הָאט זִיךְ זַייעֶר גִיזֶעלֶענְשַׁאפְט פַאר טָאפִּילְט דֶען עָס זַיינֶען אוּנְטֶער גִיקוּמֶען נָאךְ אַנְטְלָאפֶענֶע שְׁקְלַאוִין אוּנ שְׁקְלַאוִינֶען וָואשׁ זַיינֶען אַרִיבֶּער דֶעם שְׁטְרָאם אוּפְלַאוו ׳ אוּנ אַלְס עָס הָאט אָן גִיהֵייבִּין צוּא טָאגִין ׳ הָאט זַייא דֶער פִינֶעם פְלֶעטְשֶׁער אַוֶועק גִיפִירְט צוּא אֵיינֶעם אִידֶעשִׁין קָאלָאנִישְׁט וָואשׁ עֶר הָאט זַייא אוֹיף גִינוּמֶען זַייעֶר פְרַיינְדְלִיךְ אוּנ הָאט זַייא גִיווּינְצֶעוועט גְלִיק צוּא אֵיינֶעם נַייעֶם

אוּנ

אונ פרייען לעבין ׳ אין עטליכע טעג ארום האבין זייא פאר קויפט זייערע פערד ׳ אונ זיינען אוועק מיט פער אין קאנאדע אום אויש צוא זוכין איין שטאט וואו צוא באזעצין זיך ׳ נוא לאמיר זייא דא לאזין אונ מיר וועלין אונז אום קערין צוא ריק צוא אונזער טאם :

## 14.

טאם וואר איין ערליכער מאן אונ איז גיבליבין איין ערליכער מאן ׳ ער וואר ווייטער פלייסיג אין זיינער ארבעט פון פריא מארגין ביז דעם שפעטען אווינד ׳ אונ דער נאך פלעגט ער ביז צוועלף דעם זייגער צוא פאר ברייגגען בייא זיינער ביבעל ׳ אונ פלעגט זיא צוא ערקלערין מאנכען שקלאווען וואש פלעגין קומען עם צוא הערין ׳ אויך פלעגט ער זייא לערנען צוא זינגען היילינע לידער פאר גאט ׳ אונ פלעגט אין זייא איין צוא פלאנצין גאטס פורכט אונ מדות טובות ׳ אונ האט אזו באקומען איין היליגין שם בייא אלע ארומיגע שקלאווען דאש זייא פלעגין קומען צוא הערין אים אין זייערע ליידיגע טעג ׳ זייא פלעגין צו גיפינען בייא אים טראסט אונ האפענונג אויף בעסערע צייטין ׳ דען ער פלעגט צוא זאגין נביאות דאש בקרב וועט דער שקלאווען שטאנד גאר אויף הערין אין גאנץ ארלעאנס ׳ אונ האט זייא גיהייסין דאהער אימער רוהיג זיין ׳ ניט אנטלייפין אונ ניט מאכין קיינע מרידות געגין זייערע הערין וייל זייא וועלין דער מיט מער ניט וויא שטערין דיזע גוטע זאכע ׳ אויך וואר דער טאם אגרוישער בעל צדקה הן מיט זיין געלד אונ הן מיט זיין גוף דען ער פלעגט אימער צוא ווארפין אין דיא קערב פון דיא שוואכע ׳ אויש גיארבעטע באוויל ׳ אונ פלעגט ניט וועלין ווערין איין אויף זעהער פאר קיין אופן אין דער וועלט ׳ נון האט ער שוין גיקאנט ווערין ווידער זייער תקיף בייא זיינעם הערין דאש ער וואלט אים פיל בעסער באהאנדילט פאר אלע אנדערע פראסטע שקלאווין ׳ ווען עם וואלט זיך ניט גימאכט דער בייא איינע צווייטע סבה וואש ער האט דורך דעם שרעקליך

גיליטין · דאש ער איז שיר פון דער וועלט דורך דעם אוועק · אינ
דאש איז די פלוכט (אנטלייפונג) פון דיא צוויא פרויען דאש הייסט
פון דיא ראסקעל עליזעס מוטער אונ פון דיא אמאליע · דען דיזע
ביידע האבין צוא ווישין זיך גימאכט יד אחד דאש זייא זאלין פון
דאנען אנטלייפין · אונ האבין זיך דער צוא מכין גיוועזן פון כמה
חדשים · זייא האבין אן גיגאנבעט ביא דעם סימאן לעגרי וואש
ער האט זייא אן גיטרויט זיינע שליסלען זייער פיל געלט · איידער
שטיין אונ טייערע מאטעריעס אונ האבין עס אלץ באהאלטין דארט
אין דעם פוסטין שלאס · אפאר שקלאווען וואש וואַרין מיט זייא
אין בונד פלעגין ביא נאכט מאכין גרוישע שפיקטאקעל דארט
דורך דיא פענסטער אונ דיא קוימענס · פלעגין שווישצען · אונ
ארויש שטעקין אלאנגין צונג אגימאכטין פון רויטליכע זיצקע ·
פלעגין רופין דיא גישטארבענע מיט דיא נעמען · פלעגין מיוקען ·
וואוען · קורץ דער פון דער שרעקין פון דעם שלאס האט זיך דארט
אפ גיפרישט · דאש מען פלעגט שוין ווייכין פון אים וויא פון אפעקט :

אונ דאן האבין זיך דיזע ביידע פרויען פאר שטעקט אין
דיזין פאלאץ אין איינעם גיהיימען צימער אין וועלכין זייא האבין
אן גיגרייט גינוג עסין אונ טרינקען אויף אפאר וואכין · זייא האבין
זיך דארט באהאלטין אין איינער פינסטערע נאכט אלס זייער הער
מיט זיינע צווייא אויף זעהער וואַרין פאר־זוּפין · אונ האבין זיך
אזו ניט גיוויזין נאנצע צווייא וואכין · אויף מארגין וואר גרויש
לארעם דען מען האט גימיינט דאש זייא זיינען ווירקליך אנטלאפין ·
אונ מען האט זייא אן גיהייבין צוא זוכין אין אלע וועלדלאך · אונ
אין אלע בלאטעס · אונ אין אלע זומפין · מען האט אויש גישפירט
יעדען ווינקיל מיט דיא שרעקליכע הינט אונ עס וואר ניט צוא
זעהען אונ ניט צוא הערין · נון האבין יענע צווייא שקלאווען וואש
וואַרין מיט זייא אין בונד אן גיהייבין צוא ריידין דאש זייא האבין
גיזעהען איין מאל ביא נאכט וויא אגרוישע סאווא אדער נאכט
איילע וואש וואר פיל גרעסער אלעס צעהען אינדיקעס האט גיטראגין

אין

אין דער היך זייערע קליידער איין גיריכט אין בלוט אונ דער סוף וואר דש מען האט גיפונן אטייל פון זייערע קליידר היינגענדיק אויף בוימער רויט פון בלוט וואש דאש וואר נור דיא ארבעט פון דיא שקלאווין · נון וואר מען שוין גיוויס דאש דיזע ביידע זיינען פאר חאפט גיווארין · אונ מען האט זייא אויף גיהערט צוא זוכין · אונ אין אפאר וואכין ארום אלם דער לארעם איז שוין שטיל גיווארן · נור דער שרעק איז נאך גיוועזן אין זיינער גרעסע גרוישקייט האבין זיך דיזע ביידע פרויען פאר שטעקט אין ווילדע מאסקעם · האבין אן גיטאן הויכע שטאלצעם אונ האבין זיך פאר קליידעט פאר טייוולען · אונ האבין זיך דער צוא באשמירט מיט פאספאר · אונ האבין זיך ארויש גיטראגין אין אמיטין פון אפינסטערע נאכט מיט זייערע טייערע פעקלאך · דיא וועלט וואר דאן שטיל וויא אויש גישטארבין · עם וואר אין דארף קיינער ניט וואך · אונ זיינען זיך אזו אוועק מיט אקליין וועגיל דורך אוועלדיר · אונ ווער עם האט זייא גיזעהען האט גיהאט צוא דער ציילין גרויש וואונדער דאש זייא האבין אים זיין גיזיכט ניט אום גידרייט צום נאקין · דען יענער האט גימיינט דאש דאם זיינען פאר גיוויס דיא טייוולען פון דעם וויסטין פאלאץ · אונ אלם זייא וואַרין שוין לעבין אשטראם · האבין זייא זיך דארט איבער גיקליידעט · אונ האבין דארט זיך גידונגען אשיפעלע פאר גוטעם געלד וואש האט זייא אין איין טאג מעהר אלם צוואנציג מייל אפ גישיפט ביז דעם רויטין שטראם · אונ דארט האט דיא ראססעל אן גיהייבין צוא שפילין אראלע פון אגרוישע דאמע · אונ דיא אמאליע וואר ביי איר אלם קאמער מיידכען · דאש זייא האבין אויש גיזעהען ביידע וויא קרעאלינען °) דאש הייסט וויא דיא פארנעמע איין גיבארענע

אמעריקאנישע

---

°) אויב וואול איך האב שוין עם איין מאל גישריבין מוז איך נאך אמאל דאש ערינערין דאש דיא קינדער.פון דיא אראפייער וואש זייא ווערין גיבארין אין אמעריקא זייגען פיל טונקעלע

אַמעריקאַנעשע פרויען · דאהער ווארדע קיין פּאם בייא זייא געפרענט · אונ זיינען זיך אזו גליקליך דורך געקומען אן אשום סבה ביז דעם גרוישין פרום מיססע־שיפּע וואש מיר האבין אים שוין פריהער באשריבין אונ וואש מען פּארט אויף אים פון נייע ארלעאנס קיין קאנאדע · נון לאמיר זייא דא לאזין אונ מיר וועלין זיך ווידער אום קערין צוא אונזער טאם :

## 15.

דיזער בעטרוג אדער אבמאן האט נור אזו לאנג געדויערט ביז וואנען דער סימאן לעגרי האט זיך ארום געזעהען דאש ער איז אויך זייער שטארק באשטויזין (באנאנבעט) געוואַרין · דען דאן האט ער שוין אן געהייבין זייער גוט צוא פּאר שטיין דאש דיזע ביידע פרויען זיינען נור אנטלאפין געווארין אונ האבין אים דער צו אויך זייער גוט באנאנבעט · נון איז געפאלין זיין ערסטער חשד אויף דעם טאם דאש ער האט זייא דער צוא אן גערעט · אונ דאש זיין ראט וואר דער בייא ערשטינס וויל דיא ראסטעל פלעגט שטענדיג מיט אים צו סודען זיך אונ צווייטינס וויל קיינער איז גאר ניט אזו קלוג וויא ער אין זיינער גאנצין קאלאניע · נון האט ער אים געלאזט רופין צוא זיך אונ האט אן געהייבין צוא ריידין מיט אים מיט גוטין דאש ער זאל אים אויש זאגין צוא וואר זייער אנטלייפין מיט זיין דעה · אונ אלס ער האט געזאגט ער וויים ניט האט ער אן געהייבין צוא רעגינען אויף אים מיט קולאקעס · אונ דער נאך מיט קנוטעס · דאש ער האט אויף אים קיינע שקוטע הויט געלאזין · אונ דער טאם האט אים קיין ווארט געענטפערט · אונ איז געבליבין ליגין וויא איינע געשאכטענע אפּ געשונדענע בהמה · עס איז געווארין דער פון איין גערודער אין דיא גאנצע קאלאניע ·

עם

---

אלס אונזערע מענטשין אונ ווערין אן גערופין קרעאלען אונ זעהען אויש כמעט וויא דיא מולאטין :

עֶס זַיינֶען צוּא זַאמֶען גִילָאפִין וַאלֶע שְׁקְלַאוֶוען אוּנ הָאבִּין גִיוָואלְט פַאר בְּרֶענֶען דִיא גַאנְצֶע פְּלַאנְטַאזֶע · דִיא מַאגַאזִינֶען מִיט זַייעֶר טִירַאנִישֶׁען הֶערִין מִיט זַיינֶע צְווַייא מְשָׁרְתִים דֶעם קְווִימְבָּא אוּנ הָארְפַּאק · דֶען דֶער טָאם וַואר דָאךְ זַייעֶר הֵיילִיגֶער · זַייעֶר פְרַיינְד אוּנ לֶעהְרֶער · דֶער טָאם אָבֶּער הָאט זַייא דֶער פוּן אָפּ גִיהַאלְטִין אוּנ הָאט צוּא זַייא גִיזָאגְט · קִינְדֶער שׁוֹינְט אַייךְ זֶעלְבְּסְט מַאכְט קַיין צַייט פַאר אַצַייט · אִיךְ זָאג דָאשׁ דִיזֶער טִירַאן וֶועט הָאבִּין זַיין לוֹין אוּנ דִיא בַּאפְרַייאוּנְג אַייעֶרֶע וֶועט אַייךְ קוּמֶען מִיט גְרוֹישׁ עֶהְרֶע · עֶר וָואלְט וַוייטֶער גִירֶעט פִילַייכְט וִויא אַיין וַואר זָאגֶער · דֶען זַיין אָן פַאנְגרֵיידוּאִיז בַּאלְד מְקוּיָם גִיוָוארִין · אוּנ דִיא אִיבֶּערִיגֶע אַבִּיסִיל שְׁפֶּעטֶער · עֶר הָאט אָבֶּער שׁוֹין קַיין כֹּחַ גִיהַאט · אוּנ דִיא שְׁקְלַאוֶוען הָאבִּין אִים גִיפָאלְגְט · אוּנ הָאבִּין אִים אַוֶועק גִיטְרָאגִין אִין זַיין זֶעמְלַאנְקֶע אוּנ דִיא טָאפְּזֶע הָאט אָן גִיהֵייבִּין וַוייטֶער אַכְטוּנְג צוּא גֶעבִּין אוֹיף אִים אוּנ הָאט אִים צוּא גִיזֶעהֶען אִין דֶער גַאנְצִין צַייט פוּן זַיינֶער קְרַאנְקְהַייט וִויא אַיין אֵייגֶענֶעם קִינְד · אוּנ אַזוֹ פְלֶעגִין אִים צוּא בַּאזוּכִין אַלֶע נֶעגֶער · אוּנ מֶעהְר פַאר אַלֶעמֶען דִיא זַאלִידֶע וָואשׁ וַואר אוֹיךְ נָאךְ אִין גַאנְצִין נִיט גִיזוּנְט · דֶער טָאם אָבֶּער אִיז גִיבְּלִיבִּין קְרַאנְק אוּנ דֶער צוּא נָאךְ זַייעֶר גִיפֶעהְרְלִיךְ דָאשׁ קֵיינֶער הָאט שׁוֹין פוּן זַיין לֶעבִּין גִיהַאלְטִין · נוּן וַואר דֶער סִימַאן לֶעגְרֶי זַייעֶר אוּם רוּהִיג פוּן דִיזֶער גִישִׁיכְטֶע · דֶען עֶר הָאט גוּט גִיוואוּסְט בְּאם דֶער טָאם וֶועט נוּר שְׁטַארְבִּין וֶועט פוּן זַיינֶער קָאלָאנְיֶע גָאר נִיט וֶוערִין · אוּנ וֶועט מִיט זַיינֶעם לֶעבִּין אוֹיךְ נִיט זִיכָער זַיין · דֶען דִיא נֶעגֶער וֶועלִין זִיךְ גִיוִויס פַאר אִים נוֹקֵם זַיין · אוּנ וִוינְד אוּנ וַוייא אִיז שׁוֹין יֶענֶעם קָאלָאנִיסְט וָואשׁ זַיינֶע נֶעגֶער הָאבִּין נוּר זָאלְבֶּעם בַּייא זִיךְ בַּאשְׁלָאסִין · עֶס וֶוערְט דַאן נִיט גִישׁוֹינְט קַיין מֶענְטְשׁ · קַיין פִיה · קַיין בוֹים · זַייא פַאר וִויסְטִין אַלֶעס אוּנ דֶער נָאךְ זִיךְ זֶעלְבְּסְט · אוּנ עֶרְסְט דַאן הָאט דֶער סִימָאן לֶעגְרֶי אַיין גִיזֶעהֶען דָאשׁ עֶר פִירְט זַיינֶע ווירְטְשַׁאפְט זַייעֶר שְׁלֶעכְט · עֶר וָואלְט גִינֶעבִּין גָאר דִיא גֶעלְט אוּם דִיזִין טָאם גִיזוּנְד צוּא מַאכִין ·

עס

עס וואר אבער קיין דאקטאר צו באקומען · דען ער אליין האט עס ניט גיוואלט האלטין וויא מיר האבין שוין פריער דער צײלט · אונ צוא באקומען פון איין אנדער קאלאניע וואר עס אונמיגליך · ערסטינס וויל עס וואר פון דארט זייער וויט אײנע אנדרע קאלאניע אונ צווייטינס וואלט יענער קאלאניסט ניט לאזין זיין דאקטאר פארין צו אים · נון וואר ער אין אגרויסע קלעמע :

אונ עס וואר אין איינעם גיוויסין פריא מארגין אלס דער טאם איז זיך גילעגין וואוף זיינעם לאגער אין גרויסע שמערצין אונ האט שוין גידיינקט פיל מעהר פון שטארבין אלס פון לעבין · איזט ארויף גיפארין אויף דיזין הויף איין יונגער מאן אין איינעם טייערין קאץ מיט פיר טייערע פערד אונ זייער שיין גיקליידעט · דער סימאן לעגרי האט אים זייער שיין אויף גינומען אונ האט אים גיפרעגט וואס זיין פאר לאנגען איז אונ ווער ער איז · „איך הייס, איזאק שעלבי אוים קאנטוקי האט אים דער יונגער מאן גיענטפערט אונ בין גיקומן אום אוים צו קויפין ביא אייך איין גיוויסין שקלאווע אנקעל טאם · מיר וועלין אונז וועגין געלד דוכט מיך ניט דארפין פיל דינגען„ דיזער אנטווארט וואר אים וויא איין אן זאג פון אגרויסע ירושה צו זאמען מיט דעם שטארבין פון דעם נאהענסטין אונ טייערסטין קרוב · וואש מען ווייש דאן ניט וואש צוא טאן צוא וויינען צו פרייען זיך · דען פון איינער זייטע האט אים זייער גיפרייט דאש ער וועט שוין קענן לויז ווערין פון דעם טאם אויף אזו איין אופן · אבער דאש וואר אים זייער לייד דאש דער טאם ליגט אזו צוא פאסעוועט דאש עס איז איינע גרוישע שאנדע פאר אים דאש אזו אגרוישער גאסט וואש האלט. פון דעם טאם אזו פיל דאש ער איז גיקומען אום אויש צוא לייזין אים · זאל זעהען איצונד וואש פאר אהונד אונ וואש פאר אטיראן ער איז · אונ האט דאהער ארײן גיבעטין אים צוא זיך אין: שטוב אום צוא האבין דארט איינע גוטע גילעגענהייט אויש צוא ריידין אויף דעם טאם פאר אים וואש אים נור לוינט אום זיך גירעכט צו מאכין ביא אים

דאם

דָאשׁ עֶר הָאט אִים אַזוֹ שְׁטְרֵיינְג בַּאשְׁטְרָאפְט :

דֶער יוּנְגֶער שֶׁעלְבִּי וָואשׁ הָאט שׁוֹין פְּרִיהֶער גֶעוואוּסְט וָואשׁ פַאר אַהוּנְד דֶער סִימָאן לֶעגְרִי אִיז · הָאט שׁוֹין גִיוואוּסְט אוֹיךְ דָאס אַלֶע זַיינֶע רֵייד אִיז נוּר לִיגְן אוּנ פַאלְשׁ · אוּנ הָאט דֶער וַוייל֞ע גִימוּזְט דִיזֶע בֵּייזֶע מַכָּה זַייעֶר גוּט הַאוֹוִירִין · וְהָאט גִירֶעט מִיט אִים זֵייעֶר פְּרֵיינְדְלִיךְ אוּנ הָאט אִיבֶּר גִיגֶעבִּין אִים אֵיינֶע רַאקָאמֶענְדַאצְיֶע פוּן דֶעם פְּרֶעזֶעדֶענְט דָאשׁ עֶר זָאל זֶעהֶען זֵייעֶר לַייכְט דוּרךְ צוּא קוּמֶען מִיט אִים · אוּנ אַנַב וַואר דָארְט אַיין קְלֵיינֶער וִוינֶעוָואר וָועגִין זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע בַּאהַאנְדְלוּנְגֶען מִיט זַיינֶע שְׁקְלַאוִוין · דָאשׁ וָועדְלוּג דִיא נַייֶע גִיזֶעצֶע טָאר מֶען אִים נִיט אָן טְרוֹיעֶן קֵיין קָאלָאנְיֶע · אוּנ דָאשׁ וַואר שׁוֹין גִינוּג אַזוֹ אַוִוים־טִין מֶענְטְשִׁין וִויא עֶר וַואר אַיין צוּ הַאמֶעוֶוען · וְדֶער וַוייל֞ע אִיז גִיוָוארִין דֶער גַאנְצֶער הוֹיף פוּל מִיט דִיזֶער גֶעשִׁיכְטֶע דָאשׁ אַיין גִיוִויסֶער יוּנְגֶער הֶער אִיז גִיקוּמֶען אוֹישׁ צוּ קוֹיפִין דֶעם אֶנְקֶעל טָאם · אוּנ בַּאלְד הָאט דִיזֶע נַאכְרִיכְט אַיין גֶעדְרוּנְגֶען בִּיז אִין זַיינֶער הִיטֶע (שְׁטִיבֶּעלֶע) דִיזֶע בְּשׂוּרָה הָאט אָבֶּער אָפְּגִישְׁפְּרוּנְגֶען פוּן זַיינֶע אוֹיעֶרִין וִויא אֵיינֶע אַייזֶערְנֶע קוּגֶעל (קוֹיל) שְׁפְּרִינְגְט אָפּ פוּן אֵיינֶעם צִיגוּנֶען פַאנְצִיר · דֶען דֶער טָאם הָאט עֶס נִיט גִיוָואלְט גְלוֹיבִּין · דָאךְ אָבֶּער הָאט זִיךְ אַרַיין גִיגַאנְבֶעט אַיין שְׁוַואכֶער שְׁטְרַאהל פוּן הָאפֶענוּנְג אִין זַיינֶעם פִינְצְטֶערִין הֶערְצִין · אוּנ עֶס הָאט אָן גִיהֵייבִּין דָארְט צוּא בַּאגִינֶען (טָאגִין) וִויא אַיין פְרִיא מָארְגִין פוּן אֵיינֶעם טְרִיבֶּען טָאג נָאךְ אַלַאנְגֶע וִוינְטֶער נַאכְט · דֶען עֶר הָאט זִיךְ דָאךְ דֶער מָאנְט דָאשׁ עֶר הָאט גִישְׁרִיבִּין אַהֵיים צְוֵייא בְּרִיף · אוּנ דָאשׁ דִיא מַאדַאם שֶׁעלְבִּי הָאט גִישְׁוָוארִין אוּנ אַזוֹ אִיר זוּן דָאשׁ זֵייא וָועלִין אִים אוֹישׁ לֵייזִין :

אוּנ אַזוֹ וַואר אֵיינֶע הִיפְּשֶׁע צַייט אַיין שְׁפִּיל אִין דִיא הֶענְד פוּן דֶער הָאפֶענוּנְג אוּנ פַאר צְוֵייפְלוּנְג (יִאוּשׁ) וָואשׁ הָאבִּין אִים גִיוָוארְפִין אֵיינֶע צוּא דִיא אַנְדֶערֶע · בִּיז עֶס אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען צוּא אִים דֶער יוּנְגֶער שֶׁעלְבִּי זֶעלְבְּסְט · זֵייא הָאבִּין אָבֶּער קוֹים דֶער קָאנְט זִיךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין · טָאם הָאט אִים נִיט דֶער קָאנְט

ווייל

ווייל עש ווארין אים דיא אויגין פאר לאפין פון דיא קולאקעס וואש זיין הער האט אים גיגעבין · דער איזאק האט אים ניט דער קאנט ווייל ער האט אויש גיזעהען וויא איינע אפ גישונדענע בהמה וואש ליגט נאך דעם כמה וואכין אויף דעם פרייען וועטער · זייא האבין זיך דער קאנט קוים נאך זייערע שטימען, נוא מיין ליבער טאטע, האט זיך דער שעלבי אפ גירופין צוא אים "אזו ווייט שלעכט האב איך מיר ניט פאר גישטעלט, אונ האט זיך דער ביא באגאסין מיט טרערין · נון פאר שטייט זיך דאש דער טאט האט גיהאט יגינוג וואש צוא פרעגין ביא אים · עש וואר אים אבער זייער שווער צוא ריידין · נון וואר דיא ערשטע זאך פון דעם יונגין שעלבי דאש ער האט אים אן גיהייבין צוא קורירין · דען ער וואר אליין איין גרוישער דאקטאר · אונ האט אזו ווייט גיווירקט אויף אים אין עטליכע טעג · דאש ער האט שוין גיקענט רעכט זעהען אונ רעכט ריידין · אונ ערסט דאן האט אים טאט דער ציילט וואש ער האט אויש גיליטין פון יענער צייט אן וואש ער איז אוועק פון זיינע עלטערין · אונ אזו אויך האט אים דער יונגער שעלבי דער ציילט וואש אין דער היים טוט זיך · ער האט אים גיגריסט פון זיינע פרויא אונ קינדער · פון זיין אייגענע מוטער · אבער ניט פון זיין פאטער ווייל ער וואר שוין דאן טויט · אונ האט צוא גלייך דער ציילט דאש ער איז דער יורש אונ דער רעגירער פון אלע גיטער · דאש ער האט זייא ריין גימאכט פון אלע שולדין אונטער דיזער צייט · אונ דאש עש איז אים צוא גיפאלין אגרוישע ירושה פון זיינעם אפעטער אונ דיזעם וואר אלץ דיא אורזאכין (סבות) פאר וואש ער איז ניט גיקומען אויש קויפין אים ביז אהער · נון אבער, האט ער אים גיזאגט · האב איך מיר צייט גינומען דער צוא · בין נור צוא ליב דיר אראפ גיפארין אזי אהער אונ האב דיך קוים אויף גיזוכט · איך האב אויש גיפרעגט דיין הערין דארט ביא דעם סאקרעטער פון דעם אוקציאנס הויז · ער האט מיר גיוויזין אין בוך צוא וועמען דוא ביזט גיווארין פאר קויפט · נון קומט עס אן דארויף צוא וועט

מען דיך קענען ברייננען אהיים אלעבעדיגין · דען דוא ביזט זייער שטארק צוא שלאגין · גאט וויים צוא וועסט דוא ווערין גיזונט · „ניין מיין פריינד„ האט זיך דער טאם אפ גירופין דאן ביזט דוא יוצא · דאך האפע איך גיזונד צוא ווערין · דען מיין אן קוקין דיך אליין ערקוויקט מיך אונ גיסט ארין אין לעבינס באלזאם אין מיינע אדערין „הלואי„ האט ער אים גיענטפערט · דער ווילע האט ער באמערקט וויא דיא טאפזע דער לאנגט אים אלע ווילע דאש טייא · אונ דאש קרייטער · אונ דאש פאריכט זיא אים זיין בעט · אונ האט אזו דאהער נאך גיפרעגט בייא דעם טאם וועגין איר · אונ ער האט אים דער ציילט פון איר אלץ · וואש מיר ווייסין שוין אונ האט נאך צוא גילייגט דיזע ווערטער צייט איך האב דיזעם קינד דער קאנט ווער זיא מיר זייער ליב · דען זיא זעהעט אויש וויא מיינע קליינע „אצינטע„ אונ אזו ווער איך איר אויך זייער באליבט · אונ דיזע אום שולדיגע ליבשאפט האט זעלבסט אונזער אום גליק אויף פאר שוינט · דען ער האט אונז ניט גישיידעט איינעם פון דעם אנדערין · מיר זיינען פאר קוים גיווארין צוא איינעם הערין „נון מיין ליבער טאם„ האט אים דער יונגער שעלבי גיענטפערט · נון וועט אייך דאס גליק אויך ניט שיידין איינעם פון דעם אנדערין · זייא נור גיזונד · זיא וועט אויך פארין מיט אונז :

קורץ דער פון דער יונגער שעלבי איז דארט גיזעסין לעבין דעם טאם מעהר אלס צעהען טעג אונ אלס ער האט אים אן גישפירט גיווישע צייכינס פון לעבין בלייבין ווען אויך ניט גיזונט ווערין · האט ער אן גיהייבין ארין צו האנדלען מיט דעם סימאן לעגרי וועגין אויש קויפין · אונ האט אים אויש גילייזט פאר גאר אקליינינקייט פאר אפערטיל געלט וואש ער האט באצאלט פאר אים · דען דער סימאן האט גאט גידאנקט דאש ער ווערט פטור פון אים · אונ אזו האט ער בייא אים אויש גיקויפט דיא·טאפזען · דען ער האט גיזאגט דאש ער ברויכט איר צוא האבין אין וועג דאש זיא זאל צו זעהען דעם טאם · אונ אלם טאם ווער שוין אין אזו אצושטאנד

דאם

דָאשׁ מֶען הָאט אִים שׁוין גִיקֶענְט פִירִין · אוּנ דֶער יוּנְגֶער שֶׁעלְבִּי הָאט זִיךְ אָן גִיהַייבִּין אַרוּים צוּ קְלַייבִּין מִיט זַייא אִין וֶועג אַרַיין · אִיז אִים דֶער טָאם אַרוּיף גִיפַאלִין אוּיף זַיין הַאלְדְז אוּנ הָאט צוּא אִים גִיזָאגְט „אִיךְ הָאבּ נָאךְ וָואשׁ צוּא בֶּעטִין פוּן דִיר · אוּנ דוּא זָאלְסְט עֶשׁ מִיר טָאן · דֶען זָאנְסְט בְּלַייבּ אִיךְ אוּנְרוּהִיג״ „וֶוען נוּר מִיגְלִיךְ״ הָאט אִים דֶער יוּנְגֶער שֶׁעלְבִּי גִיעֶנְטְפֶערְט „אִיךְ פֶערְלַאנְג דָאשׁ דוּא זָאלְשְׁט אוּישׁ קוּיפִין דָא נָאךְ אַפַּארְשׁוֹין אֵיינֶע וָואשׁ זִיא אִיז עֶשׁ וֶוערְט דָאשׁ מֶען זָאל אִיר עֶשׁ טָאן · דֶען זִיא אִיז אַיינֶע גִיבִּילְדֶעטֶע אוּנ אַיינֶע אָרִינְטְלִיכֶעם מֶענְשׁ · אוּנ לַיידֶעט דָא זַייעֶר פִיל אוּנ זִיא וַואר מִיר אוּיךְ זַייעֶר גוּט · אוּנ דָאשׁ אִיז אֵיינֶע גִיוִויסֶע „זַאלִידַא״ דוּא זָאלְשְׁט אִיר אוּישׁ לַייזִין אוּיף מַיינֶער רֶעכְנוּנְג · אִיךְ מַיין פַאר דִיא גֶעלְט וָואשׁ מַיינֶע פְרוֹיא הָאט גִיגֶעבִּין צוּא שְׁטַייעֶר אוּיף מַיין אוּים קוּיף · וִויא דוּא זֶעלְבְּסְט הָאשְׁט מִיר דֶער צֵיילְט · אוּנ דוּא הָאשְׁט עֶס אִיצוּנְד נִיט גִיבְּרוּיכְט אָן צוּא רִירִין · דֶען דוּא הָאשְׁט מִיךְ גַאנְץ וָואלְווִיל גִיקַייזְט · נִיט הַאלְבּ גֶעלְט אַזוֹא וִויא דוּא הָאשְׁט פְרִיעֶר גִירֶעכִינְט צוּא גֶעבִּין · דֶער צוּא נָאךְ וֶועט אִיר סִימָאן לָאזִין אוּיךְ גַאנְץ בִּילִיג דֶען זִיא טוֹיג שׁוין מֶער נִיט צוּא דֶער אַרְבֶּעט „אוּנ דָאשׁ וֶועל אִיךְ אוּיךְ טָאן״ הָאט אִים דֶער שֶׁעלְבִּי גִיעֶנְטְפֶערְט · אוּנ וֶועל נִיט בְּרוּיכִין דַיין גֶעלְט דֶער צוּא · אִיךְ וִויל אִיר נוּר פְרִיהֶער זֶעהֶען · דָא הָאט אִיר גִילָאזְט דֶער טָאם רוּפִין · אוּנ דֶר אִיזַאק הָאט מִיט אִיר גִישְׁפְּרָאכִין · אוּנ זִיא הָאט גִיהַאט דָאשׁ גְלִיק אוּיף צוּא וֶועקִין מִיטְלַייד בַּייא אִים · אוּנ הָאט אִיר אוּיךְ אוּישׁ גִיקוּיפְט :

דְרַייא טֶעג הָאט גִיוֶוערְט דֶער אַרוּישׁ קְלַייבִּין זִיךְ פוּן דִיזֶע אַד (גֵיהִינָם) · פַאר דֶעם אַרוּישׁ פָארִין הָאט דָארְט שֶׁעלְבִּי גִימַאכְט אַגְרוּיסִין מָאל צַייט פַאר אַלֶע שְׁקְלַאוֶוען · אוּנ דֶער נָאךְ הָאבִּין זַייא דֶעם טָאם בַּאגְלַייט אַשְׁטִיק וֶועג וִויא אַיינֶע גִימַיינְדֶע זַייעֶר הֵיילִיגִין · אוּנ זַיין שַׁיידִין זִיךְ מִיט זַייא וַואר שְׁוֶוער וִויא דָאשׁ שַׁיידִין זִיךְ פוּן דֶער נְשָׁמָה מִיט דֶעם גוּף · דֶען עֶר וַואר יֶעדֶערִין אַיין פְרַיינְד

איין

איין ראט געבער · איין דאקטאר · איין טרייסטער · אונ איין לעהרער · אונ אויף דעם ארט וואו זייא האבין זיך מיט אים גישיידט האבין דיא געגער פאר פלאנצט איין בוים צום אייביגין אן דיינקען אונ האבין אים אנאמען גיגעבין אנקעל טאם · אונ אזו רופט מען אים ביז דיזין טאג · וואש איז נאך דארט עד היום אין איינעם הייליגין גרוך · ; אונ מע רופט אויך דער בוים פון ודעם גרוישען וואר זאנער אנקעל טאם · דען זיינע רייד וואש ער האט גירעט ווענין דיא שפעטערע צייטין זיינען מקוים גיווארין ריכטיג ביז איין האר · דען באלד נאך זיין אפ פארין פון דעם סימאן לעגריס קאלאניע · האט מען גיזעהען בחוש וויא עס האט אן גיהייבין צו רוהען נאטעם פלוך דארט · ערשטינס האבין אן גיהייבין אויש צו פאלין דארט דיא בהמות · צווייטינס האט זיך גימאכט אפט דארטין גרוישע שרפות · דריטינס האבין אן גיהייבין דיא שקלאווין צוא ווערין מעלאנכאלעס · דאש הייסט זייא האבין אן גיהייבין צוא ווערין מרה שחורהדיג · אונ דאש איז אזו איינע קראנקהייט וואש עס ווערין מיט איר גיפלאגט זייער אפט דיא יעניגע שקלאווין וואש ווערין זייער שטארק אינטער דריקט · זייא ווערין זייער אונמוטהיג · הערין אויף צוא עסין · צוא ארבעטין · אונ פאר קימערין אזו וויא איינע פערוועלקטע (צו וויאנעטע) בלאט · עס העלפט קיין גיבעט · קיין שלאגין · ביז זייא שטארבין אוים אדער הייננען זיך אויף °) אונ דיא וואש ווארין נאך גיזונד האבין אן גיהייבין צו

אנטלויפין

---

°) ביי איינעם גיוויסין קאלאניסט וואש זיינע שקלאווין האבין באקומען דיזע קראנקהייט אונ האבין זיך אן גיהייבין צוא הייננען · האט זיין אויף זעהער גיהייכין אויש גראבין אגרוישין קבר אויף זייער מאהילניק · אונ האט דארט אריין גילייגט דעם גרוישין קעסיל פון דעם צוקער פאבריק · דער ביי אפאר קנוטעס · אונ אליין האט ער זיך אויך · אן גיטאן אין אטויטע העמד · אונ האט זיך אויך דארטין אריין גילייגט אין גרוב · אונ אלס זייא האבין

אנטליפין · אונ פערטינס. איז ער אליין גיפלאגט גיוואָרין מיט איינער קראנקהייט וואש מען רופט עם לויזענזוכט°) אונ האט אזו גילאזין זיין נאמן פאר איינעם וואַרנענדין (שטראסענדע:) ביא שפיל פאר אלע יענע איבעריגע פפלאנצער (פאמיעסציקעס) פונ יענער געגינד :

## 16.

נון לאמיר אונז ווידער צוא ווענדין צוא אונזער טאם · אפ פארענדיק פון דארט ביז דעם רויטין שטראם · האט דער יונגער שעלבי גידונגען איין באזונדער שיפיל מיט אלע וויגאדעם אונ האט זיך מיט זיינע לייט דאש הייסט מיט דעם קראנקין טאם מיט טאפזען · אונ מיט דער זאלידע אוועק גיזעגילט זייער גיך אונ שנער ביז דעם גרויסין שטראם „מיססע־שיפע„ אונ דארט האבין זייא זיך ארויף גיזעצט אויף דיא זעלביגע שיף וואש עם האבין זיך אריין גיקליבין אין איר דיא צווייא אנטלאפענע פרויען · דאש הייסט דיא ראססעל אונ דיא אמאליע · דען זייא האבין גימוזט ווארטין ביא דיזין שטראם דיזע גאנצע צייט ווייל עם וואר דאן דיא צייט פון זיין אויש גיסין זיך וואש דאן איז גאר אום מעגליך צוא שיפין זיך

אויף

אים גיפרענט צוא וואש טוט ער עם · האט ער זייא גיענטפערט אום צו ארבעטין מיט זייא אויף יענער וועלט אויך · אונ דאש האט זייער גיווירקט אויף זייא דאש זייא האבין אויף גיהערט זיך הייננען

°) דיזע קראנקהייט קומט פון גרוישע אויש גילאשענהייט אונ פון גרוישע טיראנייא · דאהער גיפינען מיר דאש עם ווערין דער מיט גיפלאגט דיא גרוישע טיראנען · למשל זולע · פיליפ דער צווייטער · דיזע קראנקהייט באשטייט אין קליינע גישווירעך וואש פלאצין אויף אונ עם קריכין פון זייא ארויש זייער פיל אונפלאהט וואש פאר פרעסין דעם קראנקין ר״ל :

אויף אים · זייא האבין דיזע עטליכע וואכין פאר בראכט דארט אין שרעק אונ אין פאר גינינגין · דען זייא האבין גימוזט שפילין דארט דיא ראלע פון איינע גרוישע דאמע אונ פון איינע קאמער מיידכען · זייא האבין גימוזט אן נעמן בעזוכע אונ באזוכין אנדערע אונ אויך ראמאנסין צו שפילין אונ אינוויינינג האט זיי גוט גיציטערט די הארץ דאש מען זאל זייא ניט אן יאגין · ניט דער קענען · אונ האבין אלזא שוין גאט גידאנקט אלס זייא זיינען שוין ארויף אויף דער שיף · אונ דארט האבין זייא אפ נעדוגגען איינע באזונדערע קאיוטע אום צו פארברייגגען דיא צייט דארט פון זייער שיפין זיך וואש דארף דויערין מעהר אלס צעהען טאג גאנץ שטיל אונ גאנץ אונבעקאנט · יאונ האבין דארט דערוויסט גראדע די באקאנטענסטע פון דער גאנצער וועלט אונ דאש וואר דער טאם זאלידע אונ טאפזע · זייא האבין זייא באלד איינגעלאדין אין זייער קאיוטע אונ האבין זייא דער ציילט זייער גאנצע געשיכטע · אונ האבין זייא גיבעטין דאס זייא זאלין זייא העלפין אין זייער ראלע וואש זייא האבין גישפילט ביז אהער אונ וואש זייא דארפין דא שפילין ווייטער · דאש היישט אלס דאמע אונ קאמער מיידכען · אונ זאלין דאהער רופין דיא ראססעל לאדי (גרויסע דאמע) אונ דיא אמאליע „מיסס„ (איידעלע קאמער מיידכען) אונ געבין זייא עהרע וויא עש פאסט פאר איינע אלטע באקאנטע גרוישע אונ פאר נעהמע דאמע וויא זיא איז · אונ האבין זיך צוא גלייך זייער גיפרייט אויף דעם וואש דיא זאלידע אונ טאם האבין זייא דער ציילט וואש עס וואר מיט זייא וויא דער יונגער שעלבי האט זייא אויש גילייזט אונ פארט מיט זייא אהיים. בייא נאכט האט דער טאם זייא פאר גישטעלט פאר דעם יונגין שעלבי וואש ער האט אים אריין גיפירט צוא זייא · דיזער יונגער מאן האט דיא ראססעל באלד אן גימערקט דאש זיא מוז זיין עפעס אקרובה מיט דער עליזע ווייל זיא וואר אים זייער גלייך וויא צווייא טראפין וואשער צוא איר · אונ דאן האט אים טאם אויש גיזאגט דאש זיא איז אירע אמוטער · עס האט זיך דאן

דעם

דעם יונגין מענטשין גישטעלט טרערין אין דיא אויגין · דען ער איז גיווארין זייער גירירט · אונ אזו אויך וואר דיא ראססעל העכסט בעוועגט, גיווארין אונ האט זיך באוואסין מיט טרערין „יונגער הער, האט זיא צוא אים גיזאגט · פיליייכט האט איר מיט וואש גוטעם צו ערפרייען דאש הערץ פון איינע אום גליקליכע מוטער · פיליייכט ווייסט איר מיר וואש פון מיינע טאכטער צוא זאגין · קימערט אייך אום אייער טאכטער ניט האט ער איר גיענטפערט · זיא איז גליקליך · זיא וואונט אין קוועביק · אונ לעבין זיך זייער גוט · איר מאן איז אין איין וואלען פאבריק אונ זיא האלט איין פוץ מאגאזין אונ איז זייער באליבט דארט ביא אלע לייטין · מיר האבין אפטער בריף פון איר · אונ אויב וואול זיא איז דאך פון אונז אנטלאפין זיינען מיר איר דיא בעסטע פריינד · אונ אונז פרייט עם וואש עס האט עש איר גיגאלטין מיט דעם אנטלייפין · אונ וויא מיר דוכט האב איך נאך ביא מיר איהרען אבריף צוא מיינער מוטער · אונ האט עם איר ווירקליך אויף גיזוכט אין זיינע פאפירין :

נון איינע מוטער נור קען זיך פאר שטעלען דיא פריידין פון דיזער ראססעל אלס זיא האט דיא פריייליכע נאכריכטין פון איהרע איינציגע אונ ליבליכע טאכטער באקומען · אבער קיין אנדערער · זיא האט דעם בריף פון איהר טאכטער דורך גילעזען הונדערט מאל · אונ יעדער בוכשטאב וואר גיקושט אונ מיט טרערין בעפייכט · „נון האט זיא גיזאגט, האט מיינע רייזע איין געוויסין ציל · איך ציהע גלייך צוא מיינער טאכטער · וועל ביא איר לעבין · אונ וועל שוין ביא איר שטארבין„ אונ אלזא וואר דיזע גאנצע רייזע פארבראכט נור אין ערצייהלונגען אונ אין גאלדענע פאנטאזיען · דען יעדער פון זייא האט זיך פאר גישטעלט דיא פריידען מיט וועלכע ער וועט אן גענומען ווערין פון דעם זייניגען · זעלבשט דיא טאפזע אונ דיא זאלידע האבין זיך אויך גימאכט גוטע האפענונגען אונ האבין זיך געהאלטען

פאר

פאר גליקליך דאש זייא האבין אזוי איין הערען באקומען וויא דער שעלבי איזט :

אונ עש וואר אלש דיא שיף איזט שוין גיקומען אין דעם ארט וואו דיא גיזעלענשאפט האט זיך שוין גידארפט טייהלען אונ שיידין זיך · דא האט דער יונגער שעלבי גיגעבין דיא ברירה צוא דער זאלידע אונ צו דער טאפזי דאש זייא זאלין איצונד זעלבסט זיך בעשטימען מיט וועמען זייא ווילען בעסער רייזען · צוא מיט דער ראססעל נאך קאנאדע · אדער מיט אים נאך קענטוקי · נון איז געבליבען בייא זייא נאך אלאנגען ישוב הדעת דאש דיא זאלידע זאל ציהען מיט דער ראססעל · אונ דיא טאפזי מיט דעם יונגין שעלבי ווייל זיא האט דעם טאמען געליבט וויא איר אייגענעם פאטער · אונ דער יונגער שעלבי האט באלד געגעבין דער זאלידען איין פרייא בריף דאמיט זיא זאל קענען גיכער ענדען דיזע רייזע · אונ דער ראססעל האט ער גיגעבין אבריף אפריינדליכען צוא איהרע טאכטער עליזע · אונ האבין זיך דאן אפ גיזעגינט איינער מיט דעם אנדערין זייער פריינדליך אונ הערצליך · אונ האבין זיך פאר שפראכין צוא שרייבין בריף איינער צוא דעם אנדערין · נון לאמיר דער ווייל לאזין ציהען אין פריידין דיא דיא ראססעל מיט דער אמאליע אונ מיט דער זאלידע · אונ וועלין דער ציילין וויא עס איז צוא גיגאנגען מיט שעלבים אונ טאמם קומען אהיים · אונ וואש עס וואר-מיט דיא טאפזי וואש איז מיט זייא מיט גיפארין :

טאמם גיזונדהייט האט זיך צוואר זייער פיל גיבעסערט זייענדיק אויף דער שיף אפאר וואכין · דאך אבער וואר ער נאך צוא שוואך אום צוא רייזין. דיא איבעריגע שטיק וועגס אויף דער יבשה מיט זיינעם הערין צוא זאמען אויף פאצט · אונ דאהער האט דער יונגער שעלבי גידונגען פאר אים אונ פאר די טאפזי אבאזונדער פור · אגוטען וואגען וואש זאל פארין מיט זייא גאנץ לאנגזאם (פאמעליך) · אונ אליין איז ער אוועק אויף פאצט · אונ איז גיקומען

אהיים

אַהֵיים פִּיל שְׁפֶּעטֶער אַלְס מֶען הָאט זִיךְ אוֹיף אִים גִירִיכְטֵ׳ אוּנ מֶען וַואר דָארְט זֵייעֶר בַּאזָארְגְט וֶועגֶין אִים · דָאשׁ דִיא נֶעגֶער קִינְדֶער פְּלֶעגֶין צוּא זִיצִין אוֹיף דִיא שְׁפִּיצִין בּוֹימֶער אוּם צוּא זֶעהֶען פוּן וַוייטִין צוּא פָּארְט עֶר נִיט · אוּם צוּא עֶרְפְרֵייעֶן אַלֶעמֶען מִיט דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה · אוּנ דָאשׁ אַלֶע זָאלִין אִים אַרוֹישׁ אַנְטֶעגִין · דֶען דִיא נֶעגֶער הָאבִין אֵיינֶע זֵייעֶר וַוייטֶע אוֹיג · זֵייא זֶעהֶען מִיט בְּלוֹיזֶע אוֹיגִין פִּיל מֶעהר אַלְס אֵיינֶער פוּן אוּנְז אוֹיף דִיא בֶּעסְטֶע שְׁפַּאקְטִיוֶוע · נוּן וַואר אִין אֵיינֶעם פְרִיא מָארְגִין אַלַארֶעם אִין דֶער קָאלָאנִיֶע דָאשׁ דֶער יוּנְגֶער שֶׁעלְבִּי פָּארְט · דָאשׁ הֵייסְט אַיינְזֶענֶער קְנַאבֶּע (יִינְגְלִינְג) הָאט דֶער קָאנְט פוּן וַוייטִין זַיין קָאץ מִיט זַיינֶע פֶּערְד · דָאךְ הָאט עֶר אָבֶער נִיט גִיקֶענְט וִויסִין וֶועלְכֶע פֶּערְזָאנֶען עֶס זִיצִין אִינְוֶוענִיג · נוּן זַיינֶען אִים אַרוֹישׁ אַנְטְקֶעגִין אַלֶע פוּן דֶער קָאלָאנִיֶע · קְלֵיין אוּנ גְרוֹיס · קִינְד אוּנ קוֹיט · אַלֶע אוֹישׁ גִיפּוּצְט זֵייעֶר שֵׁיין אוּנ רֵיין · דָאךְ שֶׁענֶער פַאר אַלֶעמֶען וַוארִין אוֹישׁ גִיפּוּצְט דִיא חָלְאִיֶע אוּנ אִיהְרֶע קִינְדֶער · זִיא וַואר גִיקְלֵיידֶעט וִויא אֵיינֶע קֶינִיגִין אוּנ הָאט גִיטְרָאגִין אַטַאץ מִיט זַאלְץ אוּנ בְּרוֹיט גֶעגִין דֶעם בַּאפְרֵייעֶר פוּן אִיר מַאן · אֵיינֶע אֵייבִּיגְקַייט וַואר אִיר דִיא פֶערְטִיל שְׁטוּנְדֶע וָואשׁ זִיא הָאט גִידַארְפְט וַוארְטִין בִּיז דֶער קָאץ אִיז אָן גֶעפָארִין · אוּנ אִיז גִיפַאלִין אִין אוּנְמַאכְט אַלְס עֶר אִיז אָן גֶעקוּמֶען אוּנ הָאט גִיזֶעהֶען דָאס נוּר שֶׁעלְבִּי זִיצְט אִין אִים אוּנ אִיר מַאן אִיז נִיט דָא :

„שְׁרֶעק דִיךְ נִיט חָלְאִיֶע„ הָאט אִיר דֶער יוּנְגֶער מַאן אַרוֹישׁ גֶעשְׁרִיעֶן פוּן קָאץ דַיין מַאן׳ לֶעבְּט · עֶר אִיז אוֹיס גִיקוֹיפְט · אוּנ וֶועט אִין צֶעהֶען טֶעג קוּמֶען אַהֶער אִין פְרֵידִין !„ אִיהְרֶע אוֹיעֶרֶען וַוארֶען שׁוֹין אָבֶער פֶערְלֵייגְט דָאשׁ זִיא הָאט שׁוֹין נִיט גֶעקֶענְט הֶערִין אוּנ נִיט זֶעהֶען · מֶען הָאט אִיר אַרַיין גִיטְרָאגִין אִין שְׁטוּבּ אֵיינֶע טוֹיטֶע בַּאשֶׁעפֶענִעשׁ „נוּן„ הָאט זִיךְ דֶער יוּנְגֶער שֶׁעלְבִּי אָפּ גִירוּפִין · אִין דֶעם בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג · דֶען אִיךְ הָאבּ עֶס גִידַארְפְט פְרִיהֶער מוֹדִיעַ זַיין דוּרְךְ אַבְרִיף · אוּנ אִיז אַלֵיין אַרַיין צוּא אִיר

אוּנ

אונ הָאט אִיר אָפְּגֶעמִינְטֶערְט ׳ג אונ הָאט אִיר עֶרְפְֿרֵייט מִיט דֶער גוּטֶע בְּשׂוֹרָה ׃ אונ פֿוּן דָארְט אִיז עֶר אַרַיין צוּ דֶער מוּטֶער ׃ אונ הָאט אַהִין גִילָאזְט בְּרֵיינְגֶן דִיא חְלָאיֶען אונ הָאט זֵייא דֶער צֵיילְט דִיא גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע וְואס עֶס הָאט זִיךְ פַּאסִירְט מִיט דֶעם טָאטֶען ׃ אונ דִיא אוּרְזַאכֶע וְואשׂ עֶר פָּארְט בַּאזוּנְדֶער ׃ עֶשׂ ווַאר דֶער בַּייא גְ״נוּג גֶעוֵוײנְט אונ אוֹיךְ גֶענוּג גֶעפְֿרֵייט ׃

אִין אֵיינִיגֶע טֶעג אַרוּם וַואר צוּ זֶעהֶען וִויא מֶען מַאכְט הֲכָנוֹת (פָּארְבְּרֵייטוּנְגֶען) צוּא אַגְרוֹיסִין פֶּעסְט (יוֹם טוֹב) אִין דִיזֶער קָאלָאנְיֶע ׃ עֶס וַוארֶען גֶעמַאכְט בְּרָאמֶען פֿוּן, יֶעלְנִיק וְואשׂ וַוארֶען פֶערְצִירְט מִיט בְּלוּמֶען אונ בֶּעשְׁטֶעקְט מִיט לָאמְפִּין ׃ שְׁלוּפֶּעם וְואס וַוארִין אַרוּם גֶעווִיקִילְט מִיט זֵייעֶר שֵׁיינֶע צְוַוייגִין אונ מִיט אַלֶער הַאנְד גִישְׁנִיצְטֶע פַּאפִּירִין פֿוּן אַלֶער הַאנְד קָאלָארִין ׃ אוֹיף יֶעדֶען זַייל בֶּעזוּנְדֶער הָאט גִיוֵוייהֶעט אַלַאנְגֶע פָאנֶע אַוַוייסֶע ׃ פֿוּן אַיין זַייל צוּ דֶעם אַנְדֶערִין וַוארֶען גִיצוֹיגִין זֵייעֶר שֵׁיינֶע קְרֶענְץ פֿוּן רוֹיזִין אונ הַאיֶעצִינְטֶען ׃ אונ אִין מִיטִין פְּלַאץ אַרוּם וֶועלְכֶען עֶס וַוארֶען דִיזֶע זַייכֶען אוֹיס גִישְׁטֶעלְט וַוארֶען גִימַאכְט זֵייעֶר פִיל בֵּיינְק אונ טִישִׁין ׃ קֵיינֶער הָאט נִיט גִיוואוּסְט צוּ וְואשׂ דָאשׂ אִיזְט ׃ אונ פַאר וֶועמֶען דָאשׂ אִיז ׃ דִיזֶעם אַלֶעס אִיז גִישְׁטַאנֶען אַזוֹ צוּא גִיגְרֵייט בִּיז דֶעם טָאג וְואשׂ עֶשׂ הָאט גִידַארְפְט אָן קוּמֶען דֶער טָאם מִיט דֶער טָאפְּזֶע ׃

אונ עֶשׂ וַואר אַלְס דֶער רֵייטֶער וְואשׂ שֶׁעלְבִּי הָאט אִים אַרוֹישׂ גִישִׁיקְט אוּם צוּא וִוישִׁין צוּא פָּארְט שׁוֹין דֶער טָאם אִיז גִיקוּמֶען צוּא רִיק מִיט דֶער יְדִיעָה דָאשׂ עֶר אִיז שׁוֹין נִיט ווַייט ׃ הָאט דֶער שֶׁעלְבִּי גִיהֵייסִין אַלֶע שְׁקְלַאוֶוען אונ אַלֶע שְׁקְלַאוִוינֶען מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוֹישׂ פּוּצִין זִיךְ זֵייעֶר שֵׁיין אונ מֶען זָאל אִים גֵיין אַנְטְקֶעגִין ׃ אונ זֵייא הָאבִּין עֶס מִיט פְרֵיידִין גִיטָאן ׃ דֶען עֶר וַואר זֵייא אַלֶעמֶען זֵייעֶר לִיבּ ׃ הֵיילִיג אונ טַייעֶר ׃ אונ דִיא פְרוֹיא אונ קִינְדֶער זַיינֶען גִיגַאנְגֶען פָאר אוֹיס ׃ זֵייא הָאבִּין אִים אִיבֶּער גִינוּמֶען מִיט מוּזִיק אונ מִיט פְרֵיידִין ׃ זֵייא הָאבִּין אִים אָבֶּר קוֹים דֶער קָאנְט

דָאשׂ עֶר אִיז דֶער זֶעלְבִּיגֶער טָאג · דֶען עֶר וַואר בְּלַאם שְׁוַואךְ · גֶעשְׁטִיצְט אוֹיף אֵיינֶעם שְׁטָאק · אוּנ טִיף גֶעבֵּייגְט · עֶר אִיז קוּים אַרוֹיס פוּן וָואגִין אוּנ דִיא טָאפְּזִי הָאט נָאךְ גִידַארְפְּטְאִים צוּ הַאלְטֶען · נוּן זַייֶען אִים אַרוּם גִיפַאלִין וַוייבּ אוּנ קִינְדֶער אוּנ הָאבִּין זִיךְ אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט פְרֵיידִין אוּנ מִיט וֵוייהֶעמוּט (קְלֶעמוּנְג) אוּנ הָאבִּין אַרַיין גִיוֵויינְט הֵייסֶע טְרֶערִין אֵיינֶע דִיא אַנְדֶערֶע אִין דִיא אוֹיגִין :

אוּנ אִין דֶעם וִויא זַייא זַיינֶען אַזוֹי זִיךְ גֶעזֶעגִין אֵיינֶער אִין דֶעם אַנְדֶערִין אָרֶעמְס · הָאט זִיךְ דֶער הֶערְט אַיין שְׁרֶעקְלִיכֶער גֶעשְׁרֵייא גָאר פוּן אֵיינֶער אַנְדֶערֶע פְרוֹיא „מַיין קִינְד, מַיינֶע אֵיינְצִיגֶע · מַיינֶע הָאפֶענוּנְג„ אוּנ דָאס וַואר דִיא טִיזְבִּי · דִיא פָּאד קוּכַארְקֶע וָואס אִיז אַרוֹיף גִיפַאלִין אוֹיף דֶער טָאפְּזֶע בַּאלְד וִויא זַיא הָאט אִיר דֶער זֶעהֶען אוּנ גִיהֶערְט אִיר רוּפֶענְדִיק מִיט דִיזֶעם נָאמֶען · דֶען זִיא וַואר אִיר טָאכְטֶער · זִיא וַואר אַלְט דְרַייא יָאר אַלְס מֶען הָאט אִיר פוּן אִיר אַוֶועק גִינוּמֶען אוּנ פַאר קוֹיפְט · זִיא הָאט דֶער קָאנְט אָן אַיין קְלֵיינֶעם צֵייכִין וָואס זִיא הָאט גִיהַאט לֶעבִּין דֶעם לִינְקֶען בְּרֶעם · אוּנ הָאט דֶער צוּ אוֹיס גִיזֶעהֶען פּוּנְקְט וִויא זִיא אַלַיין · דֶער נָאךְ הָאט מֶען גֶעפוּנֶען אוֹיף דֶעם לִינְקֶע אָרֶעם אוֹיס גִיבְּרֶענְט אִיר נָאמֶען „טָאפְּזִי דִיא טָאכְטֶער פוּן דֶער טִיזְבִּי„ וִויא דֶער מִנְהָג וַואר דָארְט אַיין צוּ בְּרֶענֶען דִיא נֶעמֶען פוּן שְׁקְלַאוֶוען מִיט דִיא נֶעמֶען פוּן זֵייעֶרֶע מוּטֶערְס · נוּן אִיזְט מְקוּיָים גִיוָוארִין בְּחוּשׁ דִיא בְּרָכָה וָואשׂ עֶשׂ הָאט אִיר גִיבֶּענְצְט דִיא חְלָאיֶע וֶוען דוּא גִידַיינְקְסְט מַיינֶע רֶעזֶערִין בְּשַׁעַת זִיא הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִינוּמֶען צוּ זַיין אֵיינֶע מוּטֶער צוּ אִיהְרֶע קִינְדֶער אַלְס דִיא חְלָאיֶע הָאט זִיא אַוֶועק גִיוָוארְפִין אוּם צוּא זַיין אַקוּכַארְקֶע אַנְדֶערְס וואוּ זִיא הָאט אִיר גִיבֶּענְצְט דָאשׂ זִיא זָאל זוֹכֶה זַיין דֶער פַר זַיין אֵיינֶע מוּטֶער צוּא אִיהר אֵייגֶענֶעם קִינְד · נוּא וַואר דָארְט פְרֵיידִין אִיבֶּער פְרֵיידִין · נֶעגֶען אָווִינְד הָאט דֶער שֶׁעלְבִּי גֶעמַאכְט אַיין הֶערְלִיכֶען בַּאל · אוּנ הָאט גִידַאנְקְט דִיא שְׁקְלַאוֶוען וָואשׂ וַוארֶען אִים טְרַייא

ביז אהער · אונ דער נאך האט ער ארויס גיטראגין אפאק פאפירין אונ האט יעדערין גיגעבין זיין פרייא בריף, נון מיינע ברידער, האט ער דער בייא גיזאגט צוא זייא· נון פון היינט אן זייעט איר שוין פרייע מענטשין · איר קענט אייער צייט שוין אן ווענדין וויא אייך באליבט איז · איר וועט שוין ניט פירכטין דאש מען זאל אייך צוא איינעם שלימערין הערין פאר קויפין · אונ אויב איר וועט וועלין ווייטער בייא מיר זיין וועל איך אייך לוינען אונ צאלין וויא איין פרעמדער, א ליבער הער שעלבי, האבין זייא אלע אויש גישריען · מיר דאנקען דיר וואר פאר דיזע פרייהייט · דאך וועט אונז נור דער טויט אליין שיידין פון דירי דו בלייבסט אונזער הער אונ טאם אונזער אויף זעהער ·

נון וואר דארט דיא נאכט זייער שיין גילימענירט · אונ נאך הער גאנצע דרייא טעג גימאכט יום טוב · אונ עס וואר דארט פריידין איבער פריידין · אין כלל אונ אין פרט · דען דיא חלאיע האט גימאכט באזונדערע פעסטע (ימים טובים) די טיזבי באזונדער עס פלעגין אלע נאכט צוא זאמען קומען דיא באפרייטע שקלאווען צוא דעם טאם אין שטוב וויא אין דיא אלטע יארין · אום צוא הערין זיינע ערלבענים (וואש ער האט דר לעבט דארט אין נייע ארלעאנם) אונ צוא הערין צוא גלייך אויך זיינע פריידינגטען · אונ האבין זיך אזו ניט אפ גישיידעט פון דיזער קאלאניע כל זמן דיזער יונגער שעלבי האט גילעבט · אונ גאטעם זעגען (ברכה) וואר דארט אין שטוב אונ אין פעלד · אונ ווארין איינער פון דעם אנדערין צוא פרידין ביז זיין לעצטין טאג · נון לאמיר אונז צוא ווענדין צוא אונזערע עליזע · צוא דער ראסעל · צוא דער זאלידע · אונ דאן איין ענדע :

## 16·

נון וויא מיר ווייסין פון דעם שעלבעם נאכריכטין צוא דער ראססעל וואר עליזע אין קוועבעק · איצונד אבער האט זיא שוין

גיוואונט

גיוואוינט אין שטאט „אמגערם בערג" אונ האבין דארט גיברויכט אויך דיא זעלביגע פרנסות נור מיט מעהר פראפיט · זייא האבין זיך אהין איבער גיקליבין נור צוא ליב זייער אמונה · דען אין דיזער שטאט וואר שוין דאן איינע אידעשע גימיינדע · אונ זיינען גיווארין דארט גאנץ פרומע יודין · איר מאן דזוארדזי האט דארט דער לערינט זייער פיל לשון הקודש אונ איז גיווארין איין רעכטער יודע ספר · אויך האט ער גיהאט דאס גליק זיינע שוועסטער צוא דער וויסין דארט וואס מען האט איר אפגעריסין פון אים אין איר זעקסטין יאר · זיא וואר פערשלעפט ביז אסטאינדיען · אונ האט געהאט דאס גליק גיפעלין צו ווערין איהרען הערין איין אלטין מאן וואש האט איר גינומען פאר אווייב · אונ אלס ער איז גישטארבין האט ער איר גימאכט פאר דעם גאנצין יורש פון זיין גרויסין פאר מעגין · אונ האט דער נאך אפ גיזעגילט מיט איינע איינגלענדעשע שיף אהער קיין קאנאדע אום פון דארט קענען אויש קויפין איהר ברודער דזוארדזי פון זיין הערין · נון האבין זייא זיך אן גיטראפין אין דער שטאט אמגערם בערג · אונ דאן האט איר דער דזוארדזי צוא גירעט צו דעם אידעשין גלויבין · אונ האט איר גיגעבין אמאן איודין איינען ארענטליכין בראווען מענטשין · אגוטער קויפמאן :

נון האט איר דיא עליזע איהרע מוטער אויף גיזוכט דא אין אמגערם בערג · דען זיא איז גיוואר גיווארין דארט אין קוועבעק דאש זיא האט זיך אהער אריין גיקליבין אויף דיא וועג פון קוועביק ביז אמגערם בערג · האט זיך גימאכט אגוטער שידוך פאר דיא אמאליע · עס האט זיך אין איר פאר ליבט איין יונגער שיפס קאפיטאן פון מאנסעסטער אונ איז אוועק מיט אים קיין איינגלאנד · דיא זאלידע האט זיך אפ גישטעלט אין קוועבעק ביא איינע מאדענמאכערין פאר איין גוטעס גיהאלט · אונ וואר אין דער האפענונג פון דארט אויש · פריהער איר מאן אונ דער נאך איהרע קינדער צוא באקומען · דאש היישט לויז צוא קויפין ·

זעלבסט דיא ראססעל האט איר פאר שפראכן באהילפליך צו זיין דער בייא מיט געלט אונ האט ווירקליך דער נאך בווארט גיהאלטין · נון איז די ראססעל אליין גיקומען קיין „אמגערם בערג„ אונ האט דער וויסט איהרע טאכטער זייער גליקליך הן אין הייזליכע זאכין אונ הן אין געלט זאכין · דער דזים הארי ווער שוין איין היבשעס קינד אונ גילערינט · דער צוא ווער נאך איין קליינע טאכטער · ביידע זייער שיינע אונ גיראטענע קינדער · אונ אויב וואול מוטער אונ טאכטער דאש הייסט דיא עליזע אונ די ראססעל האבין זיך שוין לאנג ניט גיזעהען האבין זייא זיך דאך באלד איינער דיא אנדערע דער קאנט · דען זייא ווארין גלייך איינע צו דער אנדערע וויא צווייא טראפינס וואסער · עש איז ניט קיינע מענשליכע פעדער אין שטאנד צוא באשרייבין די פריידין אונ דיא גיוויינע וואש דארט ווער אלס זייא האבין זיך איינע דיא אנדערע ערקענט · מען האט זיך ניט גיקענט אפ ריידין אונ אפ פרייען זיך פיל טעג אונ פיל נעכט · אונ דער נאך אלס מען האט זיך שוין אביסיל בארוהיגט האט זיך פאר וואלט דער ראססעל דאש מען זאל איר זון אויש קויפין · דען זיא האט דאך גיוואוסט וואו ער גיפינט זיך · אונ האט גיוואלט געבין דארויף מעהר אלס צווייא טויזינד טאלער · נון איז איר אבער גיקומען צוא היקף אין דיזער זאכע דזוארדז שוועסטער וואש ווער זייער רייך · אונ וואש איר מאן האט גיטריבין זיין גישעפט קיין נייע ארלעאנס · אונ האבין עס אויך ווירקליך זייער לייכט אויש גיפירט · אין פערלויף פון איין האלבין יאר ווער דער זון אונ ברודער בייא דער מוטער אונ שוועסטער · אונ דאן ווער דיא שמחה גאנץ פאר פול :

נון האט דיזע פאמיליע פאר לעבט זייער לעבין אלץ אין איינעם · אין דער גרעסטע פריינדשאפט · פארגעניגין אונ זעליקייט · האבין אלע אן גינומען אן שטאט זייער היידנישען גלויבין די אידעשע אמונה · אונ זיינען מיט דער צייט פאר שלונגען גיווארין אונטער דיא דארטיגע אידעשע גימיינדע · אונ עס זיינען נאך דא פון זייא

גרויסע

גרוישע גבירים אונ גרוישע קויף לייטע :

נון מיינע טייערע לעזערין · קען איך דיר מודיע זיין צוא דיינען פריידין דאש דיזער עלינד האט שוין ב״ה אויף גיהערט אויך דארט אין אמעריקע · דען עס וואר דאריבער אגרויסער שטרייט· דארט צוא ווישין דיא נארדליכע שטאטען (לענדער) וואש האבין ניט גיוואלט האבין שקלאווערייא (פאראנסטווא) אין אמעריקא · אונ צווישין דיא זידליכע שטאטען וואש האבין יוא געוואלט דעם שקלאווען שטאנד · דיזער שטרייט האט גידויערט מעהר אלם דרייא יאר · עש זיינען דער בייא אונטער גיגאנגען כמה שטעט כמה דערפער אונ מיליאנען מענטשין · עש זיינען אויש גיטיליגט גיווארין טויזינדע פפלאנצער מיט זייערע פלאנטאזען (פאמיעסטיעם) אונ עס האט בערך טויזינד מיליאן טאלר גקאסט דיזער קריג · עש איזט דער בייא אום גיקומען דער גרויסר פרעזענדענט אברהם לינקאלין · דיזער גרויסער מענטשין פריינד וואש האט מנצח גיוועזן דיא זידליכע (דרומדיקע) טיראנען · אונ האט באפרייט דיא שקלאווען ער האט אבער ניט זוכה גיוועזן צוא פרייען זיך לאנג דער מיט · דען גאט האט אים אפ גערופען אין איינער בעסערין וועלט · וואו מען קען פיל ריכטיגער באלוינט ווערין אלם אין דיזין עולם · וויא אונזערע חכמים זאגין (שכר מצוה בהאי עלמא ליכא) דאש הייסט אין דיזעם עולם קען מען ניט בעלוינט ווערין פאר איינער מצוה°) דיזער גרויסער מאן

איזט

*) דיזער גרויסער מאמר (שפרוך) לאזט זיך ערקלערין זייער לייכט דורך איין גלייכניס (משל) צוא איינעם חדר אינגיל אדער שול אינגיל · דער פלייסיגער תלמיד אדער שילער ווערט בעלוינט אין חדר, אדער אין שול נור מיט אקליינע נאגראדע · למשל מיט אבוך פון צווייא דרייא גילדין אדער גאר מיט אפאהוואליע · דער אונפלייסיגר ווערט העכסטענס באשטראפט מיט אפאר רוטין · אדער מיט דעם אריינזעצין אין דער לעצטר

אִיזְט גִישְׁטָארְבִּין נָאךְ דֶעם גְלִיקְלִיכִין שְׁטְרַייט דוּרְךְ ׳ מָערְדֶער הָענְט ׳ אוּנ מֶען הָאט זִיךְ דָאךְ אָבֶּער נִיקְס גִיוָועןן פַאר אִים ׳ מֶען הָאט אִים עֶרְמָארְדֶערְט אִין טֶעאַטֶער ׳ נוּן הָאט מֶען דֶעם טֶעאַטֶער צוּא גִישְׁלָאסִין מִיט אַלֶע דֶעקָארַאצְיָאנֶען (שְׁצֶענֶען) וָואשׁ וַוארֶען דַאן אוֹישׁ גִישְׁטֶעלְט דָארְט ׳ אוּנ וֶועט אַזוֹא בְּלַייבִּין שְׁטֵיין פֶּעסְט צוּא גִימַאכְט אִימֶער אוּנ אַייבִּיג ׳ צוּם שְׁטֶענְדִיגֶען אָן דֵיינְקֶען :

אויך

---

בַּאנְק ׳ אוֹיף אַיינֶעם נִידֶערִיגֶען אָרְט ׳ אוּנ דָאשׁ גְלַייכֶען ׳ אוּנ בֶּאֱמֶת זַייֶען דִיזֶע בֵּיידֶע דָאשׁ הֵיישְׁט דִיא בְּעלוֹינוּנְג אוּנ דִיא בֶּעשְׁטְרָאפוּנְג גָאר נִיט אִין פֶערְגְלַייךְ צוּא זַייעֶרֶע בֵּיידֶענְס מַעֲשִׂים ׳ דֶען דֶער פְלַייסִיגֶער תַּלְמִיד אָדֶער שִׁילֶער אִיז וֶוערְט דָאשׁ מֶען זָאל אִים מִיט וָואשׁ גְרוֹיסֶעם בְּעלוֹינֶען ׳ אוּנ דֶער פַארְדָארְבֶּענֶער שִׁילֶער אִיז וִוידֶער וֶוערְט דָאשׁ עֶר זָאל בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוערִין וִויא אַיין שֶׁענְדְלִיכֶער מֶענְטְשׁ וָואשׁ וֶועט מִיט דֶער צַייט שַׁאדִין צוּא דֶעם מִין אֱנוֹשִׁי ׳ דִיא שׁוּל אָבֶּער ׳ אָדֶער דֶער חֵדֶר זַיינֶען נִיט דִיא עָרְטֶער וָואשׁ מֶען זָאל קֶענֶען אִין זַייא בֶּעלוֹינְט אָדֶער בֶּעשְׁטְרָאפְט וֶוערִין גֶעהֶערִיג ׳ זַייא קֶענֶען מֶער נִיט חוּיא קְלֵיינֶע בְּעווַייזֶע פוּן זַייא בֵּיידִין גֶעבִּין ׳ דִיא רֶעכְטֶע בֶּעלוֹינוּנְג אוּנ בַּאשְׁטְרָאפוּנְג הָאבִּין בֵּיידֶערְלַייא שִׁילֶער עֶרְסְט בַּייא זַייעֶר וִוירְקְלִיכִין לֶעבִּין אִין דֶער גְרוֹישֶׁע וֶועלְט ׳ דֶער גוּטֶער תַּלְמִיד וֶוערְט אַרְב ׳ דֶער גוּטֶער שִׁילֶער וֶוערְט אַדָאקְטָער ׳ אוּנ הָאבִּין דַאן גְרוֹישׁ נַחַת אוּנ גְרוֹישׁ כָּבוֹד ׳ דִיא שְׁלֶעכְטֶע אָבֶּער וֶוערִין יוּנְגֶען אוּנ שְׁטְרָאזִין ׳ אוּנ הָאבִּין כָּל הַצָּרוֹת ׳ אַזוֹא אוֹיךְ הָאט דִיזֶע ׳וֶועלְט אוֹיךְ נִיט אַזוֹי פִיל גוּטֶעם אוּנ שְׁלֶעכְטֶעם אִין זִיךְ דָאשׁ זַייא זָאל קֶענֶען וִויא גֶעהֶערִיג אִיז בֶּעלוֹינֶען אוּנ בֶּעשְׁטְרָאפִין דָא דֶעם צַדִּיק אוּנ דֶעם רָשָׁע ׳ דָאשׁ קֶען נוּר גִישֶׁעהֶען אִין יֶענֶעם עוֹלָם ׳ וָואשׁ אִיז גֶענוּג רַייךְ אִין בֵּיידֶער לֵייא פֶערְגֶעלְטוּנְגֶען :

אויך האט אונזער קייזער ירום הודו ותנשא מלכותו בעפרייעט בערך פערציג טויזענד יודין וואש וואַרען שקלאווען ביי דיא צערקאסקע קנייזיקעס · דא ערסט אין דיזער יאר · אונ אזו איז שוין פאר־שוואונדען דער שקלאווען שטאנד פון אלגירי פון דער טירקעשע אראפא · אונ עש איז צו האפין דאס מיט דער צייט וועט דיזער שאנד פלעק פון שקלאווערייא פערשוואונדן ווערן פון דר גאנצער וועלט · אונ אלע פעלקער · אונ אלע רעליגיאנען וועלין זיך רייכען (דער לאנגען) דיא הענד איינער דעם אנדערין וויא פריילינע ברידער פון איינעם פאטער אונ איינער מוטר · דען דאס זיינען מיר באמת:

עגדע דאס צווייטען טהייל